דער טונקעלער

# א געלעבטער
# אן א טיש

## דער טונקעלער

# אַ געלעכטער אָן אַ זייט

סאַטירעסקעס, הומאָרעסקעס,
סצענקעס, פּאַראָדיעס, מאָנאָלאָגן,
שאַרזשן, וויסנשאַפטלעכע אָפּ־
האַנדלונגען, פינאַנציעלע באַריכטן,
פּאָליטישע טראַקטאַטן, רעפעראַטן,
פסיכאָאַנאַליטישע פאָרשונגען,
עפּאָפּייען, טריאָלעטן, פּאָלעמיק,
עראָטיק און אַנדערע שאַלאַמויזן.

פאַרלאַג «אחיספר» ביי געז׳ «צענטראַל» וואַרשע, נאַוואַליפּקי 7

Printed in Poland

Zakład Graf. „STEREOTYP"
Warszawa.

# אינהאַלט:


זייט

נודניקעס — — — — — 5

דער גאַליציאַנער יונגערמאַן, וואָס וויל אַלץ וויסן 11

וואָס זאָל ער טאָן מיט די ראַזיר-מעסערלעך? — 15

דער טאַטע מיט די פיר בנים — — — — 21

נחת פון טאַנצן — — — — 29

דער לאַכער — — — — — 37

ער האָט זיך קורירט, האָט ער זיך — — 42

דער שוואַרצער אַטלעט — — — — 48

דער זעלבסטמערדער — — — — 54

זיין ווייב פאַרט אים אַוועק — — — 60

פון באַגינען ביז צום אָוונט אויפן „שויס פון דער נאַטור" 67

אויף אַ באַנקעט פון אַ יובילייִ — — 74

מוסטערן — — — — — 80

ליטעראַטן מיט בקיאות — — — — 87

שווינען אָדער אַראָפּרייסן? אָדער דער טעאַטער-קריטיקער אין פאַרלעגנהייט — — — 91

ווי אַזוי מען מאַכט אַ פּראָגראַם פאַר אַ רעוויו-טעאַטער 93

ער וועט בויען דאָס יידישע טעאַטער — — 99

| | |
|---|---|
| | זייט |
| קליין-קונסטבינע — — — — | 105 |
| פראַנקאַרדי דער טראַנספאָרמאַטאָר — — | 110 |
| ווי דאַרף זיך האַלטן אַ חתן — — — | 114 |
| ברוך שפּינאָזאַ — — — — — | 118 |
| בעטהאָווען — — — — — | 125 |
| פון וואָס אַן אַקטיאָר מאַכט אַ לעבן — — | 130 |
| דער משוגענער דייטש — — — — | 150 |
| מיין צוריקקער — — — — | 154 |
| דער דאָקטאָר האָט געהאָלפן — — — | 157 |
| מיט פרעהן אין רייטוואָגן — — — | 162 |
| יידן זינגען — — — — — | 166 |
| צרות פון יידישקייט (סצענע אין וואַגאָן) — | 173 |
| אַ שטיקל ראַדיאָ נאָך הבדלה (אַ סצענע) — | 184 |
| די „פייערלעכע" זיצונג אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די שלעגערס — — — — | 191 |

# נ ו ד נ י ק ע ס.

קעגן אַלע קרענק און אומגליקן אויף דער וועלט ווערן געזוכט מיטלען און עצות. דאָקטוירים שרייבן אַרטיקלען, דערפינדער מאַכן דערפינדונגען, חכמים גיבן עצות—אַלץ ווי אַזוי פּטור צו ווערן, צו באַקעמפן די און די קרענק, די און די אָנשיקעניש, אויסצוהיטן זיך פון דער און דער צרה.

עס ווערן געשריבן בראָשורן, מעטאָדעס, האַנטביכער, ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן פון שרפות, פון קאַטאַרן, פון מאָסקיטן, פון וואַנצן, פון היישעריקן, עפּידעמיעס, זונשלאַגן, בייזע הינט, מייז, פאַרפלייצונגען, ים־קראַנקהייט, ציינווייטיק, געסט, היגעראויגן און אַנדערע אָנשיקענישן, וואָס זענען אָנגעשיקט געוואָרן אויף דעם זינדיקן מענטשן צו פּייניקן אים אויף דער וועלט.

אָבער קיינער, קיינער האָט נישט געפּרואווט עפּעס אַ טראַכטן וועגן אַ מיטל קעגן איינער פון די גרעסטע אָנשיקענישן — די נודניקעס.

און וואָלט באמת עמעצער געפונען עפּעס אַ מיטל קעגן נודניקעס, וואָלט יענער אפשר געהאַט דעם גרעסטן פאַרדינסט פאַר דער מענטשהייט, נאָך אפשר מער, איידער די דערפינדער פון כלאָראָפאָרם, ראַדיאָ, פּאָקן־סערום, סאַלוואַרסאַן, מילך־פּרובירער, פּאַראַסאָל, אַגראַפקע, שטויב־זויגער עקס־שטראַלן און דאָסגלייכן.

משמעות, אַז די צרה פון נודניקעס איז אַן אומפאַרמיידלעכע צרה, איינע פון יענע נאַטור־מכות, וואָס די מענשהייט ליידט און ליידט און האָט נישט דערצו קיין שום תרופה.

שווער, זייער שווער איז דער קאַמף קעגן די נודניקעס.

ערשטנס, ווי אַזוי דערקענט מען זיי? וואו זענען די סמנים זייערע, אַז מען זאָל זיי דערקענען?

עס זענען דאָ פאַרשידענע סימנים און אָנווייזונגען, ווי אונטער־שיידן אַ משוגענעם הונט פון אַ קלאָרן, שלעכטע מילך פון גוטער, אַ פריש איי פון נישט קיין פרישן; אַ דאָקטאָר פון אַ פעלדשער, אַ מיידל פון אַ ווייבל, אַ דאָקטאָר מעדיצין פון אַן אַדוואָקאַט־פילאָזאָף, בריליאַנטן פון גלעזלעך און אַזוי ווייטער.

וואו זענען אָבער די סימנים, לויט וועלכע מען זאָל קענען אונטערשיידן פון אַ מענטשן אַ נודניק און אַ מענטשן נישט קיין נודניק?

גייט זיך אַ מענטש אויף צוויי פיס, מיט אַ נאָז, מיט צוויי אויגן — אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן און — אַ נודניק.

דער נודניק איז אַלעמאָל נודניק, אָן אונטערשיד פון ראַסע און עלטער, געשלעכט און ראַנג, קלאַס, פּראָפעסיע, רעליגיעזער אָנשויונג, וואוקס, קאָליר פון האָר. ער האָט נישט קיין באַשטימטע קליידונג, קיין באַשטימטע אוניפאָרם און קיין באַשטימטן קול — ער קען זיין אַ באַוואַקסענער און אַ פליכעוואַטער, ברונעט, בלאָנדין, פּאָפּוליאַטע, קורץ־געוואַקסן, הויך, דיק, דין. ער קען האָבן וועלכע מלאכה איר ווילט: אַ סטאָליער, אַ דאָקטאָר, אַ טינטמאַכער, אַ מאַטריצירער און אַפילו אַ דאַמסקי שניידער.

ער האָט ניט קיין באַשטימטן געביט פאַר זיין נודיעריי. ער קען אייך נודיען אויף אַלע געביטן: פּאָליטיק, וויסנשאַפט, ליטעראַטור, פּאָעזיע, פּראָזע; ער קען אייך נודיען מיט דראַמע, מוזיק — פון בינע, פון טריבונע, פון באַלעמער, מרחץ און, להבדיל, אין בית־מדרש; און ער קען אייך נודיען מיט „ליבע“, מיט אַפאָריזמען, גראַמען און אָן גראַמען; אין „שוואַרצע פּערזן“ און „ווייסע פּערזן“; ער קען אייך נודיען מיט מוזיק, א. אז. וו., א. אז. וו. ער האָט אויך ניט זיין באַשטימטן פּלאַץ, זיין באַשטימטן וואַרשטאַט אָדער פאַבריקל פאַר נודיעריי, אַז מען זאָל וויסן, אַז פון יענעם אָרט באַדאַרף מען ווייכן און אויסמיידן. ניין, ער האָט שטענדיק זיין געצייג אין דער האַנט. זיין פּאָרציע נודנעקייט האָט ער מיט זיך. ער וועט אייך כאַפּן אין גאַס, אין שטוב, אונטערוועגנס, אין וואַגאָן, אין שול, אין מרחץ, און, להבדיל, אין בית־מדרש; אין טעאַטער, אויף אַ קאָנצערט, אויף אַ מאַסקן־באַל; אין ביוראָ, אין רעסטאָראַציע, אין קאַפע און וואו נישט? איר וועט זיך פון אים נישט אויסבאַהאַלטן, און אויב איר זייט אַריינגעפאַלן צו אים אַלס קרבן, וועט איר שוין פון זיינע הענט נישט אַנטרונען ווערן.

דער נודניק האָט קיינמאָל נישט זיין אייגענע ריכטונג, וואוהין

ער באַדאַרף גיין. שטענדיק דאַרף ער גראַדע גיין אין דעמזעלבן וועג און אין דערזעלבער ריכטונג, וואוהין איר דאַרפט גיין. און טאָמער „כאַפּט איר זיך", אַז איר דאַרפט גיין גאָר אין אַן אַנדער וועג, פּונקט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, „כאַפּט ער זיך" אויך, אַז ער דאַרף אויך גיין אין דערזעלבער פאַרקערטער ריכטונג, אין דעמזעלבן וועג, וואָס איר. איר וועט זיך פון אים נישט אויסדרייען. פאַרפאַלן. ער וועט שוין גיין מיט אייך און זיין פּאַרציע נודזעניש וועט ער אויף אייך אויסלאָדעווען.

ער פּילט שטענדיק, ווען איר האָט קיין צייט נישט. און ווען איר האָט צייט, קומט ער אויך. ער קומט שטענדיק, ווען איר האָט א שלעכטע שטימונג, און ווען איר האָט אַ גוטע שטימונג, קומט ער אויך און מאַכט אייך די שטימונג קאַליע. וואָרים מאַכן קאַליע די שטימונג—דאָס איז זיין ווייכטיקסטע אויפגאַבע אויף דער וועלט.

היט זיך איבערהויפּט פאַר די, וואָס גייען צו אייך צו: „איך וויל אייך זאָגן אַ פּאָר געציילטע ווערטער", אָדער: „איך באַדאַרף אייך אויף בלויז 5 געציילטע סעקונדן".

און וואָס נאָך ערגער איז, אַז אויב איר דערפילט, אַז איר האָט פאַר זיך אַ נודניק, איר דערפילט, אַז דאָס איז „ער", און איר זענט אַריינגעפאַלן אין זיינע נעצן—קענט איר ערשט פון אים נישט פּטור ווערן. ווייל, ווי געזאָגט, די מענטשהייט איז מאַכטלאָז קעגן דער־דאָזיקער אַנשיקעניש.

אייגנטלעך האָט די וועלט נישט געשלאָפן און געזוכט פאַרשי־דענע עצות און אַלערליי מיטלען. די מענטשהייט האָט זיך געפּרואווט אויף אַלערליי אופנים. וואָרים קעגן וועמען, מיינט איר, זענען געווענדט אָט די אַלע אויפשריפטן אויף די ווענט: „ערלעדיקט אייער ענין און גייט אייך געזונטערהייט!" „צייט איז געלט!" „מיסברויכט נישט יענעמס געדולד!" „איך בעט נישט רעדן!" „נעמט נישט צו קיין פרעמ־דע צייט!" און נאָך אַזעלכע וואָרנונגען. נו, איז וואָס? העלפט עס ווי אַ טויטן באַנקעס.

וואָרים דער נודניק לייענט אייך איבער די אַלע אויפשריפטן און נעמט אייך נודיען אָט וועגן די אויפשריפטן גופא: „ווען האָט איר די אויפשריפטן אויפגעקלעבט?" „ווער האָט זיי אייך אַזוי שיין אויפגעשריבן מיט אַזעלכע שיינע אותיות?" „צי האָט איר אַליין גע־שריבן, אָדער איר האָט געבעטן אַ מאַלער?" און „צי העלפן זיי, די־

דאַזיקע אויפשריפטן?" און „צי עמעצער פאָלגט דידאָזיקע אויפשריפטן?" אַט אַזוי לאַנג נודיעט ער אייך, ביז איר הייבט אָן צווייפלן אין דער גאַנצער נוצלעכקייט פון דידאָזיקע אויפשריפטן.

אין חכמה ואין עצה כנגד הנודניק—נישטאָ קיין חכמה, נישטאָ קיין עצה קעגן אַ נודניק; נישטאָ קיין אַנטרינונג, נישטאָ קיין באַהעל-טעניש.

מען דערציילט, אַז איינער אַ חכם האָט זיך געפּרוּווט אויס-באַהאַלטן פון אַ נודניק, האָט ער זיך אַזוי לאַנג אויסבאַהאַלטן, ביז ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין שלאָפצימער און זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין אונטערן קאָלדרע און געשיקט דעם דינער זאָגן דעם נודניק, אַז דער באַלעבאָס קען אים איצט נישט אויפנעמען, מחמת ער ליגט אין בעט. האָט דער נודניק געשיקט צוריק זאָגן דעם באַ-לעבאָס, אַז ער האָט צייט, ער וועט אויפוואַרטן ביז דער באַלעבאָס וועט אויפשטיין. האָט דער חכם, דער באַלעבאָס, געשיקט ווידער זאָגן דעם נודניק, אַז ער איז קראַנק, ער ליגט אין בעט קראַנק. איז דער דינער געקומען צוריק צום באַלעבאָס און געזאָגט, אַז דער נודניק וויל טאַקע אַריינגיין צו אים מבקר-חולה-זיין. האָט דער חכם, דער באַ-לעבאָס, ווידער געשיקט זיין דינער זאָגן, אַז ער איז אַ חולה מסוכן, אַ גוסס. איז דער דינער געקומען צוריק און געזאָגט דעם באַלעבאָס, אַז דער נודניק האָט געזאָגט, אַז ער נעמט זיך זייער שטאַרק צום האַרצן די גסיסה און אַז ער וויל קומען בעטן מחילה פאַר זיין טויט. האָט דער באַלעבאָס ווידער געשיקט זיין דינער: „גיי זאָג דעם נודניק, אַז איך בין שוין געשטאָרבן". איז דער דינער געקומען און געזאָגט, אַז דער נודניק האָט געזאָגט, אַז ער איז זייער צעבראָכן פון זיין טויט און אַז ער וויל קומען אים אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד, אָפּהייבן אים, אָנטאָן אים די תכריכים און פירן אים צו קבורה.

איצט זעט איר שוין, ווי מ'קען אַ סך אויפטאָן מיט אַ נודניק!

„276,891,367 תירוצים",—האָט געזאָגט, איך געדענק נישט ווער,—„זענען פאַראַן אויף פּטור צו ווערן פון אַ נודניק, נאָר קיין איינער פון זיי טויג נישט".

איך קען אַ יידן, וואָס אַז ער פלעגט גיין פון שוויצבאָד און עמעצער פלעגט אים באַגעגענען און זאָגן: „צו רפואה", פלעגט דער ייד ענטפערן: „גייט צו אַלדע רוחות!" פאַרוואָס האָט דער ייד אַזוי ברוטאַל געענטפערט אויף אַ וואונטש? גאַנץ פּשוט: דער ייד האָט מורא

געהאַט פאַר נודניקעס, האָט ער מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט ענטפערן „אַ דאַנק", וועט יענער גלייך אָנהייבן פרעגן: „צי איז געווען אַ גוטע באָד?" „צי זענען דאָרט אַ סך מענטשן?" „צי איז פאַראַן פאַרע?" „צי איז דאָ גענוג הייס וואַסער?" „צי קען מען דאָרט שטעלן געהאַקטע באַנקעס?" „צי איז פאַראַן גענוג אָרט צו פרודזשען די זאַכן?" און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. דערפאַר פלעגט ער אַזוי שאַרף און גראָב אָפּענטפערן.

נאָר אויב איר מיינט, אַז דאָס האָט געהאָלפן, האָט איר אויך אַ טעות.

נאָך אַ ייד האָט געהאַט אַ טבע, אַז בשעת ער פלעגט פאָרן אין באַן און צו אים פלעגט זיך צוזעצן אַ פאַרשוין און פרעגן: „וווהין פאָרט אַ ייד?" פלעגט דער ייד אים אָפּענטפערן ראַפּטאַם, אין איין אָטעם: „איך פאָר קיין לעכעוויטש, און פאָרן פאָר איך פון באַראַנאָוויטש, דורך קיידענאָוו, אַליין בין איך פון קאָברין. איך האָב אַ ווייב מיט 7 קינדער, דריי ייִנגלעך און 4 מיידלעך, שטייען נאָך נישט אין שידוכים. איך פאָר געשעפטלעך, איך האָב אַ קראָם פון שניט סחורה. נאַט אייך אַ פּאַפּיראָס און גייט געזונטערהייט."

מיינט איר, אַז דאָס האָט געהאָלפן? האָט איר ווידער אַ טעות.

נאָך אַ מענטשן קען איך, וואָס האָט דווקא געהאַט אַ טבע זייער פיל צו רעדן מיט אַ נודניק. אַז מען האָט אים געפרעגט: „ווי אַזוי רעדט מען דאָס אַזוי לאַנג מיט אַ נודניק?" האָט ער געענטפערט: „איך רעד, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז דער נודניק זאָל רעדן..." נאָר ווילאַנג קען דען אַ מענטש אַזוי אויסהאַלטן?

די געשיכטע ווייס אַפילו יאָ צו דערציילן פון אייניקע פאַקטן, ווי מענטשן האָבן זיך אַן עצה געגעבן און פטור געוואָרן פון נודניקעס. איינער, למשל, האָט אַ נודניק געשפּאָלטן דעם קאָפּ מיט אַ מעשענעם לייכטער און דערהרגעט אים אויפן אָרט. נאָך איינער האָט אַ נודניק אַרויסגעוואָרפן פון אַ פענסטער פון פינפטן שטאָק. אַ דריטער האָט איינמאָל אַ נודניק געכאַפּט ביים גאָרגל און אים דערוואָרגן אויף טויט.

די אַלע מערדער זענען געשטעלט געוואָרן פאַרן קרימינאַל־געריכט און זענען, נאַטירלעך, באַפרייט געוואָרן פון יעדער שטראָף.

אָבער ווער קען עס זיך פאַרגינען אַזאַ לוקסוס צו דערהרגענען אַ נודניק?

און דעריבער איז גערעכט טאָלסטאָי, ווען ער זאָגט: „נישט קעגנ־

שטעלן זיך דעם נודניק. ווארים קיין אנדער מיטל איז נישטא. זאל ער רעדן, דער נודניק, און איר דארפט ליידן, ליידן. מחמת אזוי איז דער גורל פון דעם זינדיקן מענטשן. איר וועט נישט אויסמיידן דאס אומפארמיידלעכע און אנטקעגן דער פאטאלער נאטור וועט איר נישט גיין.״

און אויב איר מיינט, אַז מיט מיין היינטיקן פעליעטאָן האָב איך אַ שטיקל נוצן געבראַכט, האָט איר אויך אַ טעות. ווארים איך בין נישט זיכער, אַז היינט, מאָרגן זאָל צו מיר נישט קומען אַ נוד־ניק און אָנהייבן נודיען אָט טאַקע וועגן מיין דאָזיקן פעליעטאָן „נודניקעס״ גופא, און ער וועט אָנהייבן פרעגן: „וועמען האָב איך געמיינט מיט דעם פעליעטאָן און וואָס האָב איך אין זינען געהאַט.״ און נאָך און נאָך...

ווארים עס איז נישטאָ קיין שום מיטל קעגן אַ נודניק.

## דער גאַליציאַנער יונגערמאַן, וואָס וויל אַלץ וויסן, אָדער שיעור נישט קיין זעלבסטמאָרד.

עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט פון יענער זייט טיר פון מיין צימער נומער 27, אין האָטעל „דריי נעגערס״, אין סטאַניסלאַוואָוו.

— איז ערלאַ־אויבט?

— מען קאָן.

עס איז אַריינגעקומען אַ קיילעכדיקער יונגערמאַן, אַ פּעטלעכער, אַ געפּאַקטער, אַן אויסגעפּאַשעטער, מיט אַ געל קיילעכדיק פּנים, ווי אַ קירבעס, באַוואקסן מיט אַ קיילעכדיק שפּראָצנדיק זאַפּראַן־בערדל. ער האָט געטראָגן אַ לענגלעכן סורדוט מיט אַ שפּאַלט, וואָס האָט זיך אַ ביסל פאַנאַנדערגענומען פון הינטן, אַ דאַנק זיינע פולע און רונדע לענדן. ער האָט אַראָפּגענומען אַ קיילעכדיק קאַפּעלוש און אַנטבלויזט אַ קיילעכדיקן קאָפּ, וואָס איז געווען גלאַט און רונד אָפּגעשוירן מיט אַ מאַשינקע נומער 0.

ער האָט געריבן זיינע קיילעכדיקע הענט מיט די קורצע קיילעכדיקע פינגער, ווי די וואורשטלעך און געזאָגט מיט אַ קיילעכדיקער שטים:

— עך האָב די ערע: ירמיהו קלימפּערגלאַנץ, פון באָליכאָוו, לעבן סטרי. עך בין געווען אין דראָהאָביטש, האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר זענט קעגנווערטיק אין זלאָטשעוו, נאָר אין זלאָטשעוו וואָרן זי ניכט, בין איך געקומען צו אייך אַהער קיין סטאַניסלאַוואָוו... אַז מיר, פּראָווינצער, האָבן שוין די זכיה צו האָבן אין אונזער געגנט, קליין פויקן, אַ וואָרשעווער שריפטשטעלער, ווילט זיך טאַקע מיט אים כאַפּן אַ שמועס וועגן קולטורעלע קעגנשטאַנדן און וועגן דער אַטמאָספער פון קולטורעלן כאַראַקטער... אָט איר שרייבט דאָך אין „מאָמענט״, יאָ? האָב עך טאַקע געוואָלט פרעגן, ווער זענען דאָס ביי אייך אָט די „דריי שטערנדלעך״, וואָס שרייבן זיך אונטער אונטער

דעם ראָמאַן „באַרג-אַראָפּ״? וויסן זי, זיי שרייבן גאַנץ גלאַט, אָט די „דריי שטערנדלעך״. זייערע טיפן זענען געשיידערט פון נאַטור און לעבן... זייער גלאַט, זייער גלאַט... און ווער איז דאָס, איך בעט אײַנען, דיזער עמנואל, וואָס אַמאָל איז ער אַ ציוניסט און אַמאָל אַ בונדאָוויעץ? שרייבט ער אין „היום״, איז ער אַ ציוניסט, שרייבט ער אין „פּאָלקסצייטונג״, איז ער אַ בונדאָוויעץ, און שרייבט ער אין „מאָמענט״, איז ער דיכטער אין פּראָזע... היתכן? שתי רשויות? ווי זאָגט היינע: „צוויי זעלן אין איין ברוסט״... אָבער ער שרייבט זייער גלאַט... אָט דער עמנואל, זייער גלאַט... דאָסזעלבע אויך מיט דעם „זינגער״. שרייבט ער בעלעטריסטיק, שרייבט ער זיך אונטער „י. י. זינגער״, שרייבט ער פּובליציסטיק, שרייבט ער זיך אונטער „ב. זינגער״... און שרייבט ער אין „היום״, שרייבט ער זיך גאָר אונטער „אפרים זינגער״. היכא תמצא?..

— יאָ, און וואָס נאָך? זאָגט מיר, איך בעט אײַך, קאָנט איר מיר נישט זאָגן, ווער ס׳איז דאָס ביי אײַך דער „ז״, וואָס שרייבט זיך אונטער? און ווער איז דער „ק״? און ווער איז דער „ט״? און ווער איז דער „צ״?..

— אָי, גוט וואָס איר זענט דאָ! ביי אײַך וועל איך מיך דערוויסן דעם גאַנצן אמת. זאָגט מיר, עך בעט אײַך, עס איז אַפילו אַ זייער דעליקאַטעסן-פראַגע, איר וועט מעך אַנטשולדיקן... נאָר עך בין טשי־קאַווע צון וויסן, ד. ה. נישט איך, נאָר גאַנץ באַליכאָוו, צי האָט איר אַ ווייב, צי נישט? איר ווייסט, אַז צוליב אײַך האָב איך פאַר־שפּילט פינף זלאָטעס... נאָר עס שפּילן דאָ נישט קיין ראָלע די פינף זלאָטעס, ווי די קולטורעלע באַדייטונג פון דעם פּראָבלעם. מחמת ביי אונז, אין באַליכאָוו, איז איינמאָל אויסגעבראָכן אַ קולטור-דעבאַטע צווישן מיר און אונזער פרעזעס פון אונזער קולטורגעזעלשאַפט „מענאָראַ״, אויף דער טעמע פון דעם פּראָבלעם: „צי זענט איר אַ באַווייבטער, צי נישט״. דער פרעזעס האָט געזאָגט, אַז איר זענט אַ באַווייבטער, און ער האָט עס אַפילו באַשטעטיקט מיט שלאַגענדע באַווייזן און ציטאַטן פון אײַערע ווערק, וואו איר דערמאָנט שוואַרץ אויף ווייס אײַער ווייב. עך האָב אָבער געטענהט, אַז דאָס איז קיין איבערצייגנדער באַוויז נישט, אַז דאָס איז בלויז אַ סימבאָל. מחמת דורך דעם ווייב קאָן דער שריפטשטעלער אויסדריקן אַ סך געדאַנ־קען און סימבאָלן, וואָס אָן אַ ווייב איז עס אַ זאַך דער אוממעג־

לעכקייט. האָבן מיר זיך געוועט און מיר האָבן וועגן דעם געשריבן צו אייך אין רעדאַקציע דריי מאָל מיט ביילאַגע פון פּאָסטמאַרקן, האָט איר אָבער נישט געענטפערט. נאָר דאָ פאַראיאָרן זומער איז געפאָרן איינער פון אונזערע מיטגלידער קיין אָטוואָצק, אַ שווינדזיכטיקער, נעבעך, אויף דער לעצטער פּאַזע פון שווינדזוכט, האָבן מיר אויף אים אַרויפגעלייגט די מיסיע, ער זאָל זיין אין וואַרשע און למ״ה ערקונדיקן, צי זענט איר אַ באַווייבטער, צי נישט. איז ער אָבער אונטערוועגנס געשטאָרבן, און מיר זענען געבליבן אָנע רעזולטאַט... שאַדע, זייער שאַדע... אַי, דאָס, וואָס עך שמועסע איצט מיט אינען... זאָגט מיר, עך בעט אייך... וועגן וואָס האָב עך געוואָלט אייך פרעגן? יאָ... שרייבט איר פון שורה, צי פון אַרטיקל? פון שורה?.. און אַז די שורה איז אַ קורצע, באַקומט איר אויך פער שורה? און אַז די שורה באַשטייט פון אַ פראַגע-צייכן? אויך? און אַז די שורה באַשטייט פון דריי פינטעלעך? אויך? אָוואַ!... יאָ, וואָס נאָך? יאָ, זאָגט מיר, עך בעט אינען, פאַרוואָס שרייבט ביי אייך נישט ד״ר קלויזנער? איר ווייסט, ער איז זייער אַ פסיכאָלאָגישער שרייבער... ביי אונז אין באָליכאָוו איז פאַראַן אויך אַ פסיכאָלאָגישער שרייבער. צמח זאַלצמעסטל הייסט ער. אַ טאַליענט מיט אידעאָלאָגיע, איר האָט אים געמעגט אַריינגעמען אין „מאָמענט”... איר ווייסט, מאַרקיש געפעלט מיר נישט. איך האָב פיינט פוטוריזמוס... אויב שוין פוטוריזמוס, האָב איך ליב מיט אַ סימבאָל... אָט, למשל, משה בראָדערזאָן. ער איז אויך אַ פוטוריסט, פונדעסטוועגן האָט ער אַ סימבאָל. האָט איר געלייענט זיינע געדאַנקען אין די „ליטעראַרישע בלעטער” נומער 103, 1-טע זייטע, אונטן, וועגן „אַזאַזעל”? זייער טיפע געדאַנקען... זאָגט מיר, עך בעט אייך, איז דער „אַזאַזעל” טאַקע אַ גוט טעאַטער? און וואו איז ער איצט? און ווער איז די אַרטשישעווסקא? האָט זי אַ מאַן?... באַרסקאַ-פישער מוז זיין גאָר אַ וואַזשנע אַרטיסטין... יאָ, אַז עס איז געקומען צו רייד וועגן באַרסקאַ-פישער, וויל איך אייך פרעגן: וואו איז איצט דאָקטאָר זשיטלאָווסקי?... יאָ, פאַרוואָס בויט איר נישט אין וואַרשע קיין יידישן טעאַטער-בנין? שאַנדע און שמאַך!... גייט נאָך אַרויס דער „טעאַטער-זשורנאַל” פון ד״ר וויכערט?... איר ווייסט, ד״ר וויכערט איז דאָך אַן אונזעריקער, אַ גאַליציאַנער, פון סטאַניסלאַוואָוו... ער שפילט אַ ראָליע, אַ? ווער איז גרעסער: ער, צי ד״ר שיפּער?... זאָגט מיר,

ען בעט אייך, וואו איז איצט רחל פייגענבערג? איז זי טאַקע אַ נקבה אָדער עס איז אַ מאַנספּערשוין מיט אַ ווייבערישן נאָמען? יאָ... און... מחמת נישט איינמאָל האָבן מיר איבער דער פראַגע געמאַכט דיסקוסיעס: ביי אונז זאָגט מען, אַז רחל פייגענבערג איז דער־זעלבער, וואָס „בוקי בן יגלי"... וואוהין לויפט איר!... וואָס טוט איר!... ראַטעוועט!...

•   •

שטאַרק צעשעדיקט האָב איך זיך נישט... אַזוי, אַ ביסל צע־קלאַפּט די זייטן און אויסגעלענקט אַ פוס... אַ דאַנק דעם, וואָס איך בין געפאַלן אויף ווייכן גראָז. אגב, איז דאָס פענסטער געווען בלויז פון ערשטן שטאָק.

## וואָס זאָל ער טאָן מיט די ראַזיר־מעסערלעך?

אַ יונגערמאַן, מיט גלאַט אויסראַזירטע פּלאַטשיקע גרויסע בלויע באַקן, וואָס זענען געווען אַזוי בלוי, ווי „סינקע", וואָס די בלויקייט זייערע הייבט זיך אָן ביי די סאַמע אויגן און ציען זיך אַ שטיק האַלז אַרונטער ביז צום סאַמע גומענעם קראַגן — אַ בלויקייט, וואָס זאָגט עדות, אַז ווען דער פּאַרשוין זאָל זיך נישט געווען גאָלן, וואָלט ער געהאַט אַ גרויסע געדיכטע שוואַרצע באָרד, ווי אַ בעזעם.

אונטער דער סאַמע נאָז האָט געטאַרטשעט אַ קליין פיר־עקעכדיק וואָנסל אַלאַ טשאַפּלין, וואָס האָט אויסגעזען, ווי זיין שפּיץ נאָז זאָל זיך ענדיקן מיט אַ קליין שוואַרץ ציין־בערשטעלע.

ער איז אַריינגעקומען אין רעדאַקציע, אַראָפּגענומען דעם קעסעלע־קאַפּעליוש, אויסגעווישט אים מיט אַ קאָלירט נאָזטיכל פון אינעווייניק און פון דרויסן, נאָכדעם דעם נאַסן שטערן און געפרעגט:

— צו וועלכן טישל באַדאַרף איך זיך דאָ ווענדן?

— וועגן וואָס האַנדלט זיך עס, — האָב איך געפרעגט.

— זאָגט מיר, צו וועלכן טישל איך זאָל מיך ווענדן, וועל איך אייך זאָגן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— אָבער אַז איך ווייס נישט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, קאָן איך אייך דאָך נישט זאָגן, צו וועלכן טישל איר זאָלט זיך ווענדן.

— אַז איר וועט מיר אָנווייזן דעם ריכטיקן מאַן ביים ריכטיקן טישל, וואו איך זאָל זיך ווענדן, וועל איך יענעם ריכטיק זאָגן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. צו וואָס זאָל איך דאַרפן צוויי מאָל דערציילן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך? איך האָב פיינט אַ סך צו רעדן. עס וועט זיין גענוג, אַז איך וועל דערציילן איין מאָל. איך האָב פיינט צו נודיען יענעם און האָב פיינט, אַז מען נודיעט מיר.

— אלזא, איך בין דער ריכטיקער מאַן ביי דעם ריכטיקן טישל און דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, — האָב איך זיך אונטערגעגעבן.

ער האָט צוגעשטעלט אַ שטול צום טישל און אוועקגעלייגט זיין קעסעלע-קאַפעליוש. נאָכדעם האָט ער צוגערוקט אַ צווייטע שטול און אויפגעהאָנגען אויף איר זיין שירעם. נאָכדעם האָט ער צוגע־שטעלט אַ דריטע שטול און זיך אַוועקגעזעצט. אַז ער האָט זיך שוין גוט איינגעזעצט און גוט באַזאָרגט זיינע חפצים, האָט ער געזאָגט:

— עס האַנדלט זיך וועגן „אַן אָנפראַגע" אין רעדאַקציע.

— דהיינו, וואָס פאַר „אַן אָנפראַגע"?

— אַ פשוטע אָנפראַגע. איך מיין, אַז אין אַ רעדאַקציע באַדאַרף מען מיר געבן די ריכטיקע תשובה... איך האָב שוין געפּרוּאווט פרעגן ביי געוויינלעכע מענטשן, נישט ביי קיין שרייבער, האָבן זיי מיר נישט געקענט געבן קיין ריכטיקע עצה.

— אַרויס מיט דער שאלה.

— די שאלה איז די: עס האָט זיך ביי מיר אָנגעקליבן אַ פעקל ראַזיר-מעסערלעך... איך ראַזיר מיך מיט אַ ראַזיר־מאַשינקע, פירמע „זשילעט". איך האַלט נאָר פון דער פירמע „זשילעט. קיין אַנדערע מעסערלעך געברויך איך נישט. איך האַלט נישט פון זיי. עס קאָן זיין, אַז עס איז אַן איינרעדעניש. נאָר אַזוי איז עס... אַלץ איז אויף דער וועלט דאָך בלויז אַן איינרעדעניש. בלויז אַ הסכם...

— גוט, אָבער וואָס ווילט איר?

— האָט זיך ביי מיר אָנגעקליבן אַ פעקל ראַזיר־מעסערלעך, אָפּגעניצטע, טעמפּע. פרעג איך אייך, וואָס זאָל איך מיט זיי טאָן? נאָך מיין נאַרישן שכל קאָן איך דאָך קיין עצה נישט געפינען. אפשר האָט איר אַן עצה נאָך אייער נאַרישן שכל?

— נאָך מיין נאַרישן שכל, — זאָג איך, — באַדאַרפט איר זיי לאָזן אָנשאַרפן. ווארים דער נאַרישער שכל איז מחייב: אַ מעסער, אַז עס ווערט טעמפּ, שאַרפט מען עס אָן.

— שאַרפן — זאָגט איר? האָט איר, זאָלט איר מיר מוחל זיין, קיינמאָל אַזעלכע מעסערלעך נישט געזען... אַז סך הכל, ווען איר זאָלט ווען אַזאַ מעסערל אָנשאַרפן, האָט איר נישט ביי וואָס אָנצו־נעמען און ביי וואָס צו האַלטן. ווארים דאָס איז דאָך אַ חרב פיפיות — שאַרף פון ביידע זייטן. נישט קיין קלינגל און נישט קיין

הענטל, און אַ חוץ זײַנע דרײַ לעכלעך, האָט ער גאָרנישט בײַ זײַן לײַב און לעבן. טאָ װי אַזױ־שע זאָל איך זײ שאַרפֿן?

— טאָ גיט זײ אַװעק ערגעץ אַנדערשװאו צו שאַרפֿן, אין אַ שלײַפֿערײַ צו אַ שלײַפֿער.

— זאָל איך גײן, הײסטעס, זוכן אַ שלײַפֿערײַ, אָפּטראָגן, אָפּנעמען?.. איז עס אַן אַרבעט פֿאַר מיר? אַז צײַט איז בײַ מיר אַ רענדל אַ לויט און טאַקע דערפֿאַר האָב איך פֿײַנט צו רעדן אַ סך און צו נודיען. אָט די צײַט, װאָס איך װעל פֿטרן אויף צו זוכן אַ שלײַפֿערײַ און לאָזן זײ שאַרפֿן, װעל איך בעסער פֿאַרדינען אויף צו קויפֿן נײַע מעסערלעך. אַזױ איז נאָך מײַן נאַרישן שכל... װי איז נאָך אײַער נאַרישן שכל?

— נאָך מײַן נאַרישן שכל איז אויך אַזױ: אײדער צו פֿטרן צײַט אויף צו שאַרפֿן, איז שוין גלײַכער צו קויפֿן נײַע...

— איאָ אַזױ? איז דאָך װידער אַ קשיה, װאָס טוט מען מיט די אַלטע, מיט די אָפּגעניצטע מעסערלעך?

— פֿאַרקויפֿט זײ. אפשר װעט איר געפֿינען אַ בעלן, װעט איר זײ פֿאַרקויפֿן.

— זענט איר אפשר אויף זײ אַ בעלן? אדרבה?

— איך באַדאַרף זײ נישט.

— טאָ װעלכער אַנדערער משוגענער באַדאַרף זײ יאָ? אַז איך באַדאַרף זײ נישט און איר באַדאַרפֿט זײ אויך נישט, טאָ װעלכער אידיאָט דאַרף זײ?

— טאָ פֿאַרקויפֿט זײ נישט.

— טאָ װאָס זאָל איך מיט זײ טאָן?

— איך װײס? זאָלן זײ זײַן, זאָלן זײ זיך װאַלגערן. אַ דאגה האָט איר.

— װאַלגערן?

— װאַלגערן.

— און זשאַװערן?

— און זשאַװערן.

— און טאָמער װעט עמעצער פֿון די שטוביקע זײ געפֿינען און װעט זיך די פֿינגער צעשנײַדן און קריגן אַ בלוט־פֿאַרגיפֿטונג? אפשר זענט איר אַ מענטש, װאָס האַלט נישט פֿון היגיענע... איך בין

אַ מענטש, וואָס האַלט יאָ פון היגיענע. און איך האַלט, אַז בלוט-פאַר־גיפטונג איז זייער נישט היגיעניש.

— איר זאָגט דאָך, אַז זיי זענען טעמפּ, טאָ ווי אַזוי קאָן מען זיך מיט זיי צעשניידן?

— טעמפּ, זאָגט איר? קענט איר נישט די מעסערלעך. אַזאַ מעסערל איז טעמפּ און אַן אַנדערער איז שאַרף, איז נאָך נישט גלייך.

— טאָ ווייסט איר, וואָס? באַהאַלט זיי!

— וואו זאָל איך זיי באַהאַלטן, אַז קיינער זאָל זיי, חלילה, נישט דערשנאַפּן?

— פאַרשליסט זיי אין אייער שרייבטיש, אין שאַפע, אין דער אייזערנער שראַנק, אין דער פייערקאַסע. פאַרשליסט זיי און די שליסלען וואַרפט אַריין אין טייך.

— טאָ וואָס ווען זיי דאָרט אויסליגן?

— טאָ ווייסט איר, וואָס? וויקלט זיי איין אין אַ פּאַפּירל, מאַכט אַ פּעקעלע און פאַרגעסט עס ערגעץ.

— שוין געטאָן אַזוי. האָט מען מיך אומגעקערט און אָפּגעגעבן די מציאה.

— פאַרלירט זיי אויף דער גאַס.

— געפּרואווט. האָט מיך אַ פּאָליציאַנט אָנגעיאָגט און אָפּגעגעבן און איך האָב נאָך אָפּגעצאָלט אַ זאָטע שטראָף.

— טאָ זאַמלט זיי. זאַמלט אַ קאָלעקציע.

— וואָס וועל איך זיי זאַמלען? געזען אַ ביסל אַן אוצר! און וויפל איז דער שיעור זיי אָנצוזאַמלען? איך האָב זיי, ברוך השם, שוין גענוג, די אַנטיקלעך. וואו איר גיט זיך נאָר אַ קער ביי מיר אין שטוב — פול מיט מעסערלעך. אויף די פענסטער, אויף די טישן, אויף די שאַפעס און אין די שאַפעס און אונטער די שאַפעס... פאַרגעסט נישט, אַז איך בין אַ פאַרשוין, וואָס באַדאַרף דעם גאָל און וואָס מוז זיך גאָלן, ווי אַמאָל — איין מאָל און אַמאָל — צוויי מאָל אַ טאָג. אַזאַ פּאַסקודנע מאָרדע האָב איך מיט אַ באָרד, וואָס וואַקסט. עס האָט דען אַן אַנדער מלאכה וואָס צו טאָן? וואַקסט עס, ווי אויף הייוון. און די מעסערלעך מערן זיך, מערן זיך...

— טאָ ראַזירט זיך אין אַ רעזורע, אין אַ פאַריקמאַכערסקע.

— זייט איר אַ מענטש, וואָס געטרויט זיי, די ראַזורעס מיט די פריזירערס. איך געטרוי זיי נישט! איך בין אַ מענטש פון דער

היגיענע. און שטאַרבן פון אַ פאַרגיפטעטן גאָלמעסער איז נישט פון די היגיענישע זאַכן. מען קאָן אפילו האָבן אייגענע געצייג און האַלטן אין אַ באַזונדער שופלאָדל. נאָר איך גלויב זיי נישט. מיט וואָס בין איך זיכער, אַז זיי וועלן נישט מיט מיין בערשטל אָדער מיט מיין שטיין רייבן עמעצנס אַ נישט היגיענישע מאָרדע? וואָרים אים אַרט אַ סך מיין לעבן? וואָרים אַ פריזירער איז דאָך אַן אמתער רוצח, אַ מענטש, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט אויף יענעמס בלוט... און, אגב, מיינט איר, איז פאַר מיר אַן ארבעט צו לויפן אַלע טאָג אין ראַזורע און וואַרטן אין דער ריי און אָפטמאָל נאָך צוויי מאָל אין טאָג? וואָרים, ווי איך האָב דאָך אייך געזאָגט, האָב איך אַ פאַסקודנע מאָרדע מיט אַ פאָר פאַסקודנע באַקן, וואָס עס שפּאַרט פון זיי באָרד, ווי עמעצער וואָלט דאָרט געזעסן און געטריבן מיט אַ בייטש: וואַקס, וואַקס, וואַקס! ראַזירט מען אייך איין באַק, וואַקסט שוין די אַנדערע, ראַזירט מען די אַנדערע באַק, וואַקסט שוין די דריטע... ראַזירט מען אייך די דריטע, וואַקסט שוין די פע... אַנטשולדיקט, איך האָב זיך פאַררעדט... און ווייסט איר, וואָס נאָך? איך האָב פיינט די פריזירער פאַר זייער רעדן. וועגן אַלץ האָבן זיי ליב אַריינצורעדן. פּאָליטיק, מלחמות, דיפּלאָמאַטיע, סטראַטעגיע, ווישציגעס, טעאַטער, [illegible]אַלקעס, אָפּערע, אַלערליי נייסן ווייסן זיי און וועגן אַלץ ווילן זיי ויסן. אַלץ איז זייער עסק. נאָכדעם וועט ער אייך אָנהייבן אַריינרעדן און דרייען אַ ספּאָדעק: אפשר זאָל ער אייך דעם קאָפּ וואַשן, מאַכן מאַסאַזש, קעלניש וואַסער, „שאַמפּיאָן“, יאָ פּודערן, נישט פּודערן, וואַזעלין, פּאָמאַדקע, דער רוח ווייסט אים... און איך האָב פיינט, אַז מען רעדט מיר אַריין אין קאָפּ אַריין, איך האָב פיינט אַ נודניק...

— טאָ ווייסט איר, וואָס? איך מיין, אַז פאַר אַזאַ מענטש, ווי איר, איז דאָס גלייכסטע צו פאַרלאָזן אַ באָרד.

— עהע! דאָס זעט איר, — זאָגט ווייטער דער נודניק, — האָט איר מיט אייער נאַרישן שכל גוט געזאָגט. איז ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, אַז די באָרד זאָל זיין אַ באָרד, ווי עס באַדאַרף צו זיין. קען איך אָבער מיין באָרד. דאָס וועט זיין נישט קיין באָרד, נאָר אַ בעזעם, אַ פּאָמעלע, אַ סטויג היי, אַ פאַרזעעניש... אַלץ וועט זיין, נאָר נישט קיין באָרד! איך קען מיין טאַטן, איך קען מיין זיידן, איך קען מיין גאַנצע משפחה. עס איז שוין ביי אונז אַזאַ

„פאַראַדע“. אלע האָבן מיר אַזעלכע מאָדנע „דזיקע“ בערד, אַז מען זאָל באַהיט ווערן. אָדער זיי וואַקסן פון די באַקן, אין דער ברייט, ווי אַ לאָקשן־ברעט, אָדער זיי וואַקסן פון האַלז. פון קיין אַנדער אָרט ווילן זיי נישט וואַקסן, נאָר פון האַלז, אָדער זיי וואַקסן צו־געדיכט, ווי אַ קאָלטון, אָדער גאָר שיטער, ווי אַן אויסגעקראָכענער פוטער. וואָלט איך געוואוסט, אַז איך וועל האָבן אַזאַ באָרד, ווי ד״ר הערצל, אָדער, לכל הפחות, ווי זרובבל, אָדער ווי יאָסעלע ראָזענבלאַט— וואָלט איך קיין איין מינוט נישט געטראַכט און וואָלט תיכף ומיד מיר פאַרלאָזט אַ באָרד כיד המלך. אָבער איך ווייס דאָך, אַז מיין באָרד וועט זיין אָדער אַ קלאָטשענע, אָדער אַ דראָטענע, אָדער אַ ציגענע, אָדער אַן אויסגעקראָכענע אָדער אַ געשוואָלענע, אָדער סתם עפּעס אַ מיתה־משונה־באָרד, וואָס מען וואָלט עס דאַרפן ווייזן אין אַ צירק. טאָ וואָס באַדאַרף איך עס האָבן? מוז מען זיך דאָך ראַזירן און אָפט ראַזירן. און אַז מען ראַזירט זיך אָפט, זאַמלען זיך די מע־סערלעך. פרעג איך, וואָס זאָל איך מיט זיי טאָן, אָט מיט די מעסערלעך?..

דאָ בין איך שוין אַרויס פון די כלים און האָב געזאָגט מיט רוגזה:

— ר׳ ייד! גייט צו אַלדע רוחות מיט אייערע מעסערלעך! זאַלצט זיי איין אין קרויט! פּרעגלט פון זיי וואַרעניעס! מאַכט פון זיי חרסת! לייגט זיי אין צימעס! שטעלט זיי מיט פּסחדיקע בוראַקעס!..

און באַלד בין איך אָפּגעגאַנגען פון כעס און צוגעגעבן:

— איבעריקנס, ר׳ קרוב, האָט איר נישט געטראָפן דאָס ריכטיקע טישל. איר דאַרפט גאָר גיין אַהין, אין יענעם קאַבינעט, צו יענעם טישל, דאָרט זיצט דער רעדאַקטאָר, וועט ער אייך געבן די ריכ־טיקע עצה...

דער פאַרשוין איז אויפגעשטאַנען, גענומען זיין קאַפעליוש מיט דעם שירעם און איז אַריין אין רעדאַקטאָרס קאַבינעט. באַלד האָב איך דערהערט פון דאָרט דעמזעלבן פּזמון מיט דעם גאַנצן נוסח פון אָנהייב אָן. איך האָב געהערט און געקליבן נחת. ערשטנס, וואָס איך בין פּטור געוואָרן פון אַ נודניק, און, צווייטנס, וואָס איך האָב געפונען די געלעגנהייט צו נוקם זיין זיך אָן מיין רעדאַקטאָר...

# דער טאַטע מיט די פיר בנים,
# אָדער נחת פון ספּאָרט.

דערציילט פון א יידן א מלמד, וואָס הייסט פישל-הענעך.

— וויפל איך האָב קינדער? — פיר, זאָלן געזונט זיין. פיר בנים עוסקים בספּאָרט. בנים איינס אין איינס, דער השי"ת זאָל זיי געבן געזונט און לעבן און אריכת-ימים. מיינע זין האַלטן אפילו, אַז געזונט קאָן מען אַליין נעמען, אָן דעם אויבערשטנס הילף. מען דאַרף נאָר, זאָגן זיי, זיך אָפּגעבן מיט ספּאָרט, מען דאַרף פּילנעווען דעם גוף און טרענירן דעם חומר. דאַן, זאָגן זיי, וועט מען שוין ממילא זיין געזונט און מען וועט קריגן מוסקולאַטורעס מיט אַ ברוסטקאַסטן, מיט אַלע גוטע זאַכן. דער עיקר איז, מען זאָל אַריינלייגן וואָס מער כוחות אויף צו קריגן געזונט. פרעג איך דאָך: איז וואָס וועט זיין, אַז איר וועט שוין קריגן געזונט? — וועלן מיר, זאָגן זיי, מיט דעם-דאָזיקן כוח אָנטאָן נאָך אַ כוח, כדי אַריינצוקריגן נאָכמער געזונט. איז וואָס-זשע, פרעג איך ווייטער, וועט זיין דער תכלית, אַז איר וועט האָבן גאָר אַ סך געזונט? — וועלן מיר, זאָגן זיי, זיין שטאַרק און געזונט און האָבן אַ סך כוח... טפו!

ס'איז דאָס, וואָס מען זאָגט: „פריש, געזונט און משוגע".

האָב איך טאַקע פיר בנים, וואָס אַז איר קוקט זיי אָן, וועט איר אָסור גלויבן, אַז דאָס זענען מיינע זין, מיינע, פישל-הענעך דעם מלמדס, זין. העלדן זאָג איך אייך! מיט דריי קעפּ העכער פון מיר. אַז איך גיי מיט זיי אין גאַס, זע איך אויס, ווי אַ טל-ומטר אין אַ קליין סידורל. יעדער איינער — אַ גידול, אַ פּאַרשוין. ברייט-ביייניקע יונגאַטשעס, שטאַרק, געזונט, פעסט — ביטער!..

וואָלט עס אפשר נישט געווען אַזוי ביטער. טרעפט אַמאָל ביי אַ טאַטן נישט קיין געראָטענע קינדער. זיך נישט איינגעגעבן אין

טאַטן. איז אָבער די צרה, וואָס איך, דאָס שוואַכע קליינע יידל, פישל־העניך דער מלמד, באַדאַרף דידאָזיקע חברה מפרנס זיין, מחמת זיי האָבן קיין צייט נישט צו זוכן פרנסה. זיי דאַרפן, זאָגן זיי, זוכן כוח. איך אָבער, וואָס איך בין נישט קיין גרויסער מקפיד אויף געזונט און קיין כוח האָב איך סיי־ווי־סיי נישט, און אנשטאָט מוס־קולאַטורעס מיט אַ ברוסטקאַסטן האָב איך אַ ברוסטפעלער, — בין נישט חולה צו זוכן חיונה!

מיט וואָס פאַרנעמען זיך מיינע קינדער? שטייט־זשע. לאָמיר גיין כסדר.

איין זון האָב איך, — שלמה, איז ער אַ ל ו י פ ע ר. וואָס, מיינט איר, לויפט ער? אין בית־מדרש? זוכן אַ תלמיד אין חדר אַריין? אָדער אַ גמילת־חסד כאַפּן? — אָסור! נאָר סתם מען לויפט. אַ גאַסן־לויפער געוואָרן. אין אונזערע צייטן איז אַ גאַסן־לויפער געווען אַ בזיון; היינט איז עס געוואָרן גאָר אַ געהייבענע מדרגה. אַז ער לויפט איבער די גאַסן, מאַכט מען אַ וואַרע, מען שרייט „הוראַ” און מען פּאַטשט בראַוואָ... און דאָס, זאָגט מיין זון, איז נאָך נישט אַלץ. לעת־עתּה איז ער נאָר אַ לויפער פון „אַ קורצן מהלך”, אָבער מיט דער צייט וועט ער ווערן אַ לויפער פון „אַ ווייטן מהלך”, דעמאָלט וועט ער קריגן די אמתע סמיכה אויף אַ לויפער און ווערן אַ גדול בישראל.

אַנומלט גיי איך אַזוי פון חדר וואַרמעס עסן. זע איך: רעדלעך מיט מענטשן, מען שטייט אויף די גאַסן און מען וואַרט. מיין איך, אַז אוודאַי אַ געהייבענע לוויה דאַרף באַלד דורכגיין, אָדער חיילות מיט מוזיק, אָדער אַ גענעראַל דאַרף דאָ דורכפאָרן מיט זיין סוויטע, — שטעל איך מיך אויך אַוועק. איז ווי איך שטיי אַזוי — ערשט מען לויפט. אַ חברה בחורים אין קורצע הויזן, מיט באָרוועסע קני, און מען לויפט. איך גיב אַ קוק: מיין קדיש! מיין איך דאָך, אַז היינט לויפן נאָך, און וויל שוין נעמען לויפן — ערשט נישטאָ קיין הינט! הייב איך אָן רופן: שלמה! והילד איננו! — אַוועקגעפלויגן! און די גאַס איז עולה לגדולה. מען הייבט די היטלען און מען שרייט: „וויוואַט!”.. עס איז ליהודים.

און וואָס דער קונץ איז—אַז ביזוואַנען איך בין געקומען אַהיים, איז ער שוין אויך געווען אינדערהיים! אַ פאַרשוויצטער, ווי אַ ביבער, אַ פאַרשטויבטער.

— פונוואַנען קומט אַן אורח? — פרעג איך אים. — וואָרים דו זעסט דאָך אויס, זאָג איך, ווי דו וואָלסט געקומען צופוס פון גאָר ווייטע מרחקים.

— פון מאָקאָטאָוו, — ענטפערט ער.

— וואָס האָט מען געטאָן אין מאָקאָטאָוו?

— מען איז געלאָפן.

— עפּעס אַ ספּיעשנע געשעפט? — פרעג איך.

— קיין ספּיעשנע געשעפט דווקא נישט, נאָר מען האָט געדאַרפט זיין צו דער ריכטיקער מינוט.

— טאָ וואָס-זשע איז די גראַטשקע? און וואָס איז דאָס שיך-רייסעניש?

— עס איז אַזאַ ספּאָרט-זאַך, — זאָגט ער. — און דאָס איז נאָך גאָרנישט. ער וועט, זאָגט ער, נאָך לויפן קיין יאַבלאָנע, קיין זשע-ליבאָזש, קיין זשעגזשע, קיין גריצע און וואו די וועלט האָט אַן עק!

— אַ גליק האָט געטראָפן דעם טאַטן דיינעם...

— און איצט, — זאָגט ער, — זאָל מען גרייטן דעם טיש, מחמת ער איז טויט-הונגעריק... — און ער נעמט, קיין עין-הרע, רייבן די סעודה אויףביידע באַקן. אַ ווערטעלע צו זאָגן, וואָרים נאָך אַזאַ נסיעה צו-פוס קריגט מען דעם אמתן אַפּעטיט.

איז נאָך ווייניק די גאַס, האַלט ער אין איין אַרומלויפן אין שטוב גופא. דאָס „טרענירט" ער זיך. דאָס הייסט, ער חזרט איין די דרשה אינדערהיים. לויפט ער: פון איין צימער אין צווייטן, אַרום טיש, צווישן די בעטן, צווישן די שטולן, אויף איין אָרט. אפשר אַ שעה צייט קאָן ער אייך שטיין אויף איין אָרט און לויפן. איינס, צוויי! איינס, צוויי! און טאָמער איז עס נאָך ווייניק, קערט מען איבער אויף דער פּאָדלאָגע די שטולן, די בענקלעך מיט די טישן און מען שפּרינגט. דאָס הייסט: „אַ געלאָף מיט שטרויכלונגען"... און אַז ער וועט קאָנען לויפן „אַ ווייטן מהלך" און מיט „שטרויכ-לונגען", וועלן מיר אַלע זיין ממש גליקלעכע מענטשן.

דאָס האָט איר נומער איינס.

* *
*

מיין צווייטער זון, מענדל, איז אַ באָקסער. נישט אַ באָקסער, וואָס וואַקסט אין ארץ־ישראל און וואָס ציגן עסן עס דאָרט, נאָר אַן אַנדער סאָרט באָקסער. אַ נייע פּרי אַזאַ. פון ענגלאַנד. וואָס איז זיין עובדא? ער האָט אַ צעשפּאָלטענע ליפּ, אונטערגעשלאָגענע אויגן און אַ צעפּלעטשעטע נאָז. און זיין טועכץ — ער האַלט אין איין בוכצען; גייט אָנגעטאָן אַ פּאָר גרויסע אָנגעשוואָלענע רימענע הענטשקעס און בוכצעט. וואָס ער זאָל נישט טרעפן אויפן וועג — אַ בוכץ, אַ שטורך, אַ קנאַק. מען איז ממש נישט זיכער מיטן לעבן. אין זיינע ד׳ אמות נישט צו שטיין!... איז וואָס־זשע טוט גאָט — שיקט ער אים צו אַזעלכע חברים, ווי ער איז: אויך מיט פויסטן און אויך מיט הענטשקעס — און מען טוט און מען בוכצעט זיך עד־חרמה!

און אַז קיין חברים מיט קיין אַנדערע באָקסערס זענען נישטאָ, איז ווידער די מעשה מיט דעם „טרענינג״ — בוכצעט מען, אין וואָס עס מאַכט זיך: אין שפּיגל, אין הענגלאָמפּ, אין אויוון. אָדער מ׳נעמט אַ קישן, מען הענגט עס אויף אינמיטן שטוב אויף אַ שטריק — און מען בוכצעט, וויפל עס גייט נאָר אין איר אַריין. און די קישן וויגט זיך, קרעכצט, סאָפּעט אונטער די קלעפּ... עס פּאַסט צו זאָגן: מוטשעט זיך, נעבעך, אויף הינערשע פּעדערן. און ער בוכ־צעט און בוכצעט, רחמנא ליצלן, מיט אַזאַ רציחה און מיט אַזאַ אכזריות, אַז באַהיט זאָל מען ווערן!

זאָג איך צו אים, צו מיין באָקסער: דו ביזט דאָך משוגע אויף טויט, זאָג איך. וועסט באַלד, זאָג איך, אָנהייבן שלאָגן מיטן קאָפּ אַן פּערענע.

לאַכט ער: איך האָב נישט, זאָגט ער, קיין „פּאַיענטשע״, וואָס הייסט „באָקס״. ער זוכט, זאָגט ער, אַלץ צו דערטאַפּן דעם אמתן „קנאַקאַוט״, דאָס הייסט דעם אמתן שאָס. אַז גאָט וועט אים העלפן און ער וועט קאָנען אַריינפּאַרן דעם קעגנער זיינעם דעם אמתן שאָס אין דער מאָרדע אַריין, אַז יענער זאָל דערזען קראָקע מיט לעמבערג, וועלן מיר אַלע דעמאָלט האָבן אי כבוד, אי געלט, און איך וועל שוין נישט דאַרפן זוכן קיין קנעלונג; וואָרים פאַר אַזאַ „קנאַקאַוט״

האָט נישט לאַנג איינער, אויך אַזאַ מין באָקסער, באַקומען אַ מיליאָן דאָלאַר... אַ מציאה פון אַ גנבֿ!

האָט איר, הייסט עס, צוויי נומערן. איצט גייען מיר איבער צום נומער דריי.

* * *

מיין דריטער זון, בענצע, איז אַ שווימער. אַז מען וויל, בין איך אַליין, ווי איר קוקט מיך אָן, אויך אַ שווימער. און בחורוויז האָב איך אפילו אויך געשמט פאַר אַ וואַזשנעם שווימער, און ווער רעדט — מיט פענכערס בין איך געווען גאָר אַ מזיק. נאָר... וואָס האָט עס פאַר אַ דמיון מיט היינטיקע שווימערס און מיט אַזאַ שווי־מער, ווי מיין זון! ווארים דאָס איז גאָרנישט קיין שווימעריי, נאָר עס הייסט ביי זיי „לייכטע קאַטלעטיק" — אַ שווימען מיט די גרעסטע קונצן און מיט דער גרעסטער מסירת־נפש. און נישט נאָר אום זומער, נאָר אפילו אינמיטן ווינטער, אינמיטן שבט: מען האַקט אויס אַ סטעזשקע אין אייז און מען לאָזט זיך שווימען אין דער סאַמע קרירה.

איר גלויבט נישט? וועל איך אייך זאָגן, אַז בעיני ראיתי. הערט, וועט איר נשתּומם ווערן.

היינטיקן „זאת חנוכּה" זאָגט צו מיר מיין בענצע: טאַטע, קום היינט צום טייך, וועסטו זען אַ שווים־מעטש.

פרעג איך: וואָס איז דאָס אַזוינס אַ שווים־מעטש? זאָגט ער: מען וועט שווימען. ווי אַזוי, זאָג איך, וועסטו שווימען, אַז דער טייך שטייט! זאָגט ער: מען וועט אויסהאַקן דאָס אייז און מען וועט שווימען.

— משוגע מיינע שונאים, זאָג איך, אין אַזאַ קרירה, אין אַזאַ פראָסט! וועלכער מטורף וועט עס גיין איינשטעלן דאָס לעבן און גיין שווימען?

זאָגט ער: קום, וועסטו שוין זען!

בין איך געווען טשיקאַווע, האָב איך אָנגעטאָן מיין וואַרעם פוטערל מיט דעם וואַטאָווען קאַפּטל, אַרומגעבונדן זיך מיט אַ וואַרעמען שאַליק, אָנגעטאָן פּילצענע שטיוול מיט קאַלאָשן און וואָלענע זאָקן און מיין וואַרעמע היטל מיט די אויערן, און בין געגאַנגען.

דער פראָסט האָט געקנאַקט — סכנות־נפשות. עס האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. אָן אבער נישט אַרויסצושטעקן. האָבן די משוגעים אויפגעהאַקט דאָס אייז און האַלב־נאַקעטע זיך געלאָזן שווימען און מיין בענצע אויך בתוכם. איך מוז אייך זאָגן, עס איז פּרחה נשמתי געוואָרן. אָט האָסטו דיר, טראַכט איך, אַ פאַרטיקן קאַנדידאַט אויף אַ לונגען־אנצינדונג! און דער סוף איז געווען, אַז זיי זענען אַלע אַרויס פון וואַסער פריש, פריילעך, רויט און געזונט. און אויב עמעצער האָט זיך דערנאָך פאַרקילט, איז עס געווען נישט קיין אַנדערער, נאָר איך אַליין במחילת כבודי.

און וואָס טוט מען אין שטוב, וואו ס'איז נישטאָ קיין טייך און קיין וואַסער און קיין שווים־מעטש? דעמאָלט שווימט מען אויף דער יבשה: מען לייגט זיך אַוועק „פלאַסטאָם" אויף אַלע פיר אויף דער ערד און מען שווימט. ווידעראַמאָל — „טרעינינג"! מען מאַכט און מען פּאַטשט מיט די פיס און מיט די הענט און מען שוועבט, ווי אַ זעגלשיף. אָדער גאָר, מען קריכט־אַרויף אויף עפּעס אַ שטיק מעבל און מען שפּרינגט אַרונטער. אַ גאַנצע טאָג האַלט מען אין איין שפּרינגען: פון טיש, פון בעט, פון פענסטער, פון שאַפע. וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּרינגעניש? — דאָס לערנט ער זיך שפּרינגען פון בריק און אין וואַסער.

— עס איז שוין דיר געקומען, זאָג איך, זון מיינער, צו שפּרינגען פון בריק און אין וואַסער?

— אוודאי, זאָגט ער, דאַרף מען קענען שפּרינגען אין וואַסער און וואָס העכער — אַלץ בעסער.

— מיטן היגן טייך, זאָגט ער, איז ער שוין באַלד פאַרטיק, ער באַדאַרף זיך נאָר אויסלערנען איבערשווימען אַ קאַנאַל. — „וואו ווּעסטו בעמען אַ קאַנאַל?" — פאַראַן, זאָגט ער, אַזאַ קאַנאַל, וואָס אַלע שווימען אים דאָרט איבער, אפילו ווייבער. עס איז שוין דאָרט ממש אַ געדראַנג פון שווימערס. ער ליגט צווישן פאַריז און ענגלאַנד.

— צו וואָס־זשע, זאָג איך, באַדאַרף מען דאָס דאָרט שווימען אויפן קאַנאַל? דאַכט זיך, זאָג איך, אַז ענגלאַנד האָט, קיין עין־הרע,

אַ גאַנץ שיינעם פלאַט און מען קאָן זיך פאַרגינען איבערצופאָרן דעם קאַנאַל מיט אַ שיף, אָדער, לכל הפחות, מיט אַ דרעדנאָוט!

זאָגט ער: דאָס איז אַלץ ספאָרט. און ווייבאַלד ספאָרט — איז דאָך נישט שייך!

* * *

און איצט קומען מיר צו מיין פערטן יינגסטן זון, שמוליק. ער פאַרנעמט זיך מיט אייזן-ברעכעריי. ער ברעכט אייזן, הייבט שווערע משאות, רייסט קייטן, קלאַפּט טשוועקעס, בויגט פּאָדקאָוועס, בייסט מטבעות. „גרויס-קאַטלעטיק" הייסט עס ביי אים. נאָר גרויס-קאַטלעטיק. „קליין-קאַטלעטיק" פּאַסט אים נישט. אַזאַ קליינער וועוויריק—און נאָר „גרויס-קאַטלעטיק" ווילט זיך אים. וואָס ער זעט נאָר, רייסט ער, בייסט ער. זילבערנע זלאָטעס זאָל איך אים געבן, וועט ער זיי צעבויגן צווישן די פינגער און צעגריזשען מיט די ציין. געפעלן אייך מיינע געשעפטן? איך זאָל פאַרדינען די מטבע, און ער וועט זי צעבויגן... מוחל, זאָג איך אים, עס קומט מיר גאָרנישט אָן אַזוי גרינג די מטבע, איך זאָל מיט איר ווייזן קונצן.

טאָג, ווי נאַכט, האַלט ער אין איין קלאַפּן טשוועקעס: אין טיש, אין שאַפע, אין וואַנט. דאָס גאַנצע מעבל איז ביי מיר מיט טשוועקעס. ווען איר לאָזט אים, קלאַפּט ער אין מיר אויך אַריין אַ טשוואַק.

— וואָס וועט זיין פון דערדאָזיקער עובדא? — פרעג איך ביי אים.

— דאָס וועט זיין, — ענטפערט ער, — אַז איך וועל ווערן אַן אייזן-קעניג. איך וועל ירשענען דעם טראָן פון זישע ברייטבאַרד, וואָס איז געווען דער גרעסטער גיבור אויף דער וועלט און דער גרעסטער העלד ביי יידן און וואָס האָט געריסן קייטן, ווי בר-כוכבא אין יידישן טעאַטער. אם ירצה השם, טאַטע, — זאָגט ער, — אַז איך וועל ווערן אַזאַ אייזן-קעניג, וועסטו ביי מיר, טאַטע, פאָרן אין אויטאָס און טאַקע איבערפאָרן איבער מיר אַליין. דערווייל, טאַטע, לאָז, איך וועל דיך אויפהייבן.

און ער נעמט און כאַפּט מיך אָן פאַרן קאָלנער און מיט צוויי פינגער גיט ער מיך אַזוי אַ הייב אויף, אַז איך באַקום שיעור נישט קיין ריסוק-אברים אויפן אָרט.

איצט קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, ווען די גאַנצע חברה קומט זיך צונויף ביי מיר אין שטוב און יעדערער הייבט אָן זיין „טרעני־רונג" און הייבט אָן זיין אַרבעט מיט זיינע קונצן. איינער לויפט אַרום, ווי אַ משוגענער, הענדום-פענדום, ווי שדים וואָלטן אים נאָכ־געיאָגט — דאָס איז דער לויפער; אַ צווייטער לויפט אַרום מיט אַ פּאָר אָנגעשוואָלענע ידים אין הענטשקעס און בוכצעט אין אַ אַ קישן, און פון קישן פליען פעדערן און עס איז פול די שטוב מיט פעדערן—דאָס איז דער באָקסער; אַ דריטער שוועבט איבערן צימער און פאָכעט מיט די הענט און שפרינגט פון טיש — דאָס איז דער שווימער; אַ פערטער שטייט און קלאַפּט טשוועקעס אין אַ בענקל — דאָס איז דער אייזן-קעניג. דעמאָלט ווערט זיך אייך אויסדאַכטן, אַז ס'איז אַ משוגעים-הויז, אָדער, רחמנא ליצלן, אַ פּאָגראָם אויף יידן. נאָר זיי זאָגן, אַז דאָס איז ספּאָרט — און אַז ספּאָרט, איז דאָך נישט שייך...

און אָט אַזוי האָב איך מיר פיר בנים און אַלע זענען זיי ספּאָרטניקעס, און אַלע האָבן ליב די אכילה, און האָבן, קיין עין הרע, דעם אמתן אַפּעטיט! און איך דאַרף זיין דער בעל-מפרנס און אויסהאַלטן די גאַנצע חברה מיט „גרויס-קאַטלעטיק" און „קליין קאַטלעטיק"... פרעג איך אייך, ווער ווייזט אַ גרעסערע גבורה: איך, צי זיי? דאַכט מיר, אַז אין פלוג גענומען בין איך גאָר דער ספּאָרטניק און נישט זיי. ווי מיינט איר?

# נחת פון טאַנצן

א מאָנאָלאָג פון א יידן, וואָס הייסט „משה טענצער".

— איר פרעגט, ווי עס לעבט זיך מיר מיט מיין הויזגעזינד? אַ דאַנק פאַרן פרעגן. אַט מען טאַנצט. צי מאַכט מען דערפון אַ לעבן? — געוויס. מען טאַנצט און מען מאַכט אַ לעבן. געלויבט דער אויבערשטער. עס איז ביי מיר, ווי מען זאָגט, „אלו ואלו בטענצל מטאַנצעלים".

אַלע טאַנצן ביי מיר. עס איז שוין ביי אונז אַזאַ ירושה-זאַך. נאָך מיין זיידע, עליו השלום, ר' לייבעלע זוסמאַן, האָט געשמט מיט זיין „קאָזאַק" און מיין טאַטע, ר' ארטשע, איז אויך, אונז צו לענגערע יאָר, געווען באַרימט מיט זיינס אַ רקודל, מיט זיין אַוועקשטעלן אַ פוס, מיט זיינעם אַ טופּ, און ווער רעדט די ווייבער — זיי זענען דאָך גאָר געווען באַרימט מיט זייערן אַ קאָרדיל, אַ שער...

איך בין דווקא נישט פון די גרויסע טענצער, נאָר דערפאַר האָב איך אַ גענגעלע אַזאַ, אַ טענצלדיקן, אַ הילוך מיט אַ „שפרינג-אונטער". דאָס איז מיר איבערגעגאַנגען בירושה. און דערפאַר הייס איך „משה טענצער". ווען איך גיב זיך אָפּ דערמיט, וואָלט איך מיין דאָזיקן טענצל-גענגל דערפירט צו אַ הויכער מדרגה. האָב איך עס פאַרלאָזט און פאַרבליבן ביי מיין טענצלדיקן הילוך, און ווייטער נישט...

עס איז שוין ביי אונז אַזאַ משפחה-זאַך, עפּעס ליגט ביי אונז אין די פיס. מבינים זאָגן, אַז דאָס הייסט „ריטם". וואו דאָס ליגט — ווייס איך נישט, צי דאָרט, וואו די איקרע, צי אפשר גאָר אין פּיענטע.

הייסט עס, אַז דער חוש פון טאַנץ האָט געטליעט אין די פיס פון אונזער פאַמיליע דורות-לאַנג. ערשט איצט, ביי מיינע קינדער, איז די דאָזיקע תשוקה אַרויס אויף דער פרייער וועלט, זיך צעשפּילט אויף אַלע כלים.

אַלע טאַנצן ביי אונז.

מיין עלטערער זון דוד־פייטל האָט זיך זיין טאַנץ־אַקאַדעמיע אויף פּאַוויע־גאַס. פאַרנעמט, קיין עין הרע, דעם גאַנצן „פּאַרטאַמענט" פון פינפטן שטאָק. האָט זיך זיין אייגענע קאַפּעליע כלי־זמר מיט אַ „צאַסבאַנד". האָט, גאָט צו דאַנקען, אַ שיינעם נאָמען. ווער ווייסט עס נישט פון דוד־פייטל משה טענצערס טאַנץ־אַקאַדעמיע? ביי אים טאַנצן נישט אַבי־ווער, נאָר לויטער לייטישע באַלעבאַטישע קינדער, סוביעקטן, דאַנטיסטן און אַנדערע אינטעליגענטן, און זיי האָבן ביי אים טאַקע אַ פּעולה, וואָרים אַזאַ בעל־פועל, ווי מיין דוד־פייטל דער באַלעטניק, איז ווייט צו זוכן. אַז ער נעמט אַריין אַ תלמיד אָדער אַ תלמידה אין זיינע הענט, שטעלט ער עס אַוועק אויף די פיס...

די ערשטע צייט איז אפילו געווען שווערלעך, מחמת ער איז געווען אַ ביסל אָפּגעשטאַנען אויף די נייע טענץ, אַ ביסל הינטערשטעליק. נאָר ביי מיינע קינדער איז נישטאָ קיין שווועריקייטן: איינמאָל אַ קוק געטאָן — און פאַרטיק. די פיסלעך גייען. אַז מען שמועסט, עס איז דאָ אינטעליגענץ אין די פיס! איצט קענט איר זיך ביי אים לערנען, וואָס איר ווילט: אַ שימי, אַ פאָקסטראָט, אַ באָסטאָנטשיק, אַ טשאַרל־סטאָן, און אַ „בלאָז" נישט סתם אַזוי אַ „בלאָז", נאָר דעם אמתן „בלאָז" פון בלאָזן־לאַנד.

• • •

בלויז מיין עלטערע טאָכטער זלאַטע־מירל איז אַ ביסל געווען הינטערשטעליק, נישט געוואָלט טאַנצן, כאָטש טו זיך אָן אַ מעשה. האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ ביכלעך מיט בילדונג וכדומה אַזעלכע נאַרישקייטן. איך ווייס גאָרנישט, אין ווען זי האָט זיך איינגעגעבן? וואָס איך האָב מיט איר נישט איינגעטענהט, אַז מען טאָר נישט אַזוי, אַז אַ מענטש טאָר נישט זיצן מיט „פאַרלייגטע פיס". „וואָס הייסט עפּעס — האָב איך איר געזאָגט — אַ וועלט מיט מענטשן טאַנצן און דו גאָרנישט? וועסט דאָך נאָך, חלילה, פאַרזעסן ווערן

ביזן גרויען צאָפּ. געלויבט צו גאָט, מען דאַרף נישט זוכן קיין פרעמדע טאַנץ־קלאַסן, וואו צו לערנען זיך! דו האָסט אַן אייגענעם ברודער מיט אַ טאַנץ־אַקאַדעמיע, לערנט מען זיך אויס אַ ביסל טאַנצן און מען ווערט אַ מענטש."

האָב איך מיט איר אַזוי לאַנג איינגעטענהט, ביז איך האָב געפועלט. איז זי אַוועק צו מיין זון דעם באַלעטניק אין טאַנץ־אַקאַדעמיע, זיך אַ ביסל צוגעלערנט און תיכף געכאַפּט דעם שניט, וואָרים מיינע קינדער באַדאַרפן זיך לאַנג נישט לערנען. זיי האָבן שוין דעם פּאַרטיקן איינגבוירענעם חוש אין די פיס מיט דער אמתער אינטעליגענץ. מען דאַרף זיי נאָר ווייזן־און עס גייט שוין אַ טאַנץ.

איצט איז זי שוין אַ פולע טענצערין. האָט זיך אָפּגעשוירן, ווי אַ יינגל נאָך אַ טיפוס און טאַנצט. איצט הייסט זי שוין נישט זלאַטע־פערל, נאָר „מימי", פאַרוואָס „מימי"? ווייס איך נישט. נאָר, מילא, זאָל זיין „מימי". „זייער גלייך — זאָג איך צו איר — האָסט זיך אָפּגעשוירן ווי נאָך אַ טיפוס און האָסט זיך משנה השם געווען ווי נאָך אַ קרענק..." נאָר, מילא, אַבי דערלעבט פון אַ קינד אַ שטיקל נחת.

איצט טאַנצט זי אין רעסטאָראַציע „בלייערנער פייגל" און אין באַר „בלויע שצשערקע" און ברענגט זיך אַהיים אַ פּאָר גילדן אַלע נאַכט. און וואָס דער עיקר איז—זי האָט געפונען איר זווג: אַט טאַקע דער שותף, מיט וועלכן זי טאַנצט בשותפות אין „בלייערנעם פייגל", אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ שרונט איבערן גאַנצן קאָפּ. ער האָט זיך אין איר פאַרליבט צוליב די טענץ, וואָרים אַזאַ שותפטע צום טאַנץ, ווי מיין טאָכטער איז, זאָגט ער, איז גאָר ווייט צו זוכן. מיינע קינדער, אַז זיי ווילן, קענען זיי. האָבן זיי טאַקע מיט מזל התונה געהאַט און ער איז געוואָרן מיין איידעם. איצט טאַנצן זיי ביידע אין „ווענעציע". דאָס איז אַ צוקערניע מיט אַ „דאַנציג". זיי זענען „פּאַרנטעטענצער", זענען זיי. וואָס איז דאָס אַזוינס „פּאַרנט־טענצער"? דאָס איז דאָסזעלבע, וואָס פּאָרזאָגער. זיי זענען די ערשטע צום טאַנץ. און אַ צוקערניע באַדאַרף עס האָבן. וואָרים אַ גאַסט איז אַ ביסל שעמעוודיק צו גיין צום ערשטן צום טאַנץ. אַ גאַסט איז בעצם אַ נאָכטענצער. עמעצער מוז אים מאַכן דעם „פּאָ־טשאָנטעק". מאַכן זיי, הייסט עס, מיין טאָכטער און איידעם אַ לעבן. ציען דערפון פּרנסה. עסן־טרינקען — פעלט זיי אויך נישט, וואָרים

ין איין אָרט גיט מען זיי „ווערליג קאָנטראַקטור" וועטשערע, אין אַ צווייט אָרט — קאַווע מיט טשאַסטעס, אין אַ דריט אָרט — לעמאָ-ניאַדע מיט סאָדעוואַסער וכדומה.

ס'פאַרשטייט זיך, ווען זיי וואָלטן געווען נישט נאָר פּאָרנט-טענצער, נאָר אויך קענען טאַנצן אַ זאָלאָ-טאַנץ, אָדער אַזוי אַ טאַנץ, מיט קונצן און מיט „אַנטראַקציעס", וואָלטן זיי געמאַכט בעסערע געשעפטן. קענען זיי אָבער נישט. עס הייסט, מיין טאָכטער וואָלט עס יאָ געקענט. מחמת מיינע קינדער קענען אַלץ. עס ליגט שוין ביי זיי אין די פיס. נאָר וואָס דען? מיין איידעם — ער טאָר נישט טאַנצן די אַלע שווערע טענץ. אַמאָל האָט ער יאָ געטאַנצט — נאָך ווי געטאַנצט! געווען אַ שאַרפער טענצער. האָט ער פון די טענץ, לא-עליכם, געקריגן אַ שוואַך האַרץ „אַ נערוויצי סערדצאַ" קאָן ער נישט טאַנצן. מאָלט אייך, אַז איר ווילט, קען ער נאָך היינט אויך אַ כאַפּ טאָן מיין טאָכטער און נעמען מיט איר טאַנצן און טאַנצן אַזוי, נישט-מיר, נישט-דיר, אַ האַלבע שעה אויפן זייגער. נאָר ער קריגט, נעבעך, דערנאָך אַזאַן „אַטאַק סערדצאַ", אַז מען קען אים קוים דער-מינטערן.

דאָ, אַנומלט, האָט זיך אים פאַרגלוסט צו מאַכן אַזאַ קונץ-שטיק און האָט געטאַנצט מיט מיין טאָכטער איבעריקע דריי מינוט. האָט ער באַקומען אַ האַרץ-שלאַג, און מען האָט געמיינט, אַז עס עקט זיך אים דאָס לעבן. קוים אָפּגעראַטעוועט. איצט ליגט ער ביי מיר צו בעט. דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן אַ לאַנגע צייט צו טאַנצן. וואָלט עס נאָך געווען אַ האַלבע צרה, קען אָבער מיין טאָכטער אויך נישט טאַנצן. מחמת עס פעלט איר אַ שותף. זיצן זיי דערווייל, אָט דיביידע טענצער, אויף מיינע קעסט...

• • •

דערפאַר אָבער איז די צווייטע טאָכטער מיינע, סאַלטשע, שוין גאָר אַן אַנדער מענטש. דאָס איז אַ מיידל אַ פייער, אַ

בראַנד. טאַנצן איז ביי איר דאָס חיות, טאַקע ווי משה טענצערס טאָכטער קען. האָט זי טאַקע היי־יאָר געענדיקט דווקא די אמתע טאַנץ־אַקאַדעמיעס פון דער באַלעטניציכע ציקאָריאַ שמענטאַנקווונאַ, געענדיקט מיט אַ דיפּלאָם און מיט אַ נאַגראָדע. דאָס איז שוין נישט סתם אַ טענצערין, נאָר אַ טענצערין פון גרויסן פאָרמאַט. זי קען אייך אָוועקליייגן אַ טאַנץ גאָר פון די געהייבענע טענץ טאַקע.

דערזעלבער פאַקסטראָט אָדער דערזעלבער „וואַן סטעפּל", נאָר מיט אַ שמד־שטיקל. דערזעלבער „בלאָז" און דאָך אַן אַנדער „בלאָז": מיט אַ תּנועהלע, מיט אַ חנדעלע, אַז עס פאַרנעמט אַן אויג!.. איצט הייסט זי שוין נישט סאַלטשע, נאָר „סאַלאָטאַ מאַרינאַטאָ", מחמת מיין פאַמיליענאָמען איז מאַרינאַטניק.

איר האָט געמעגט אָנקוקן אַ פּאָר שאַרפע פיסלעך!.. און וואָס פאַר אַ שטיקלעך זי וואַרפט מיט זיי אַרויס! דאָס איז נישט סתם אַזוי אַ טאַנץ, נאָר אַ טאַנץ מיט עקצענטריצניק, מיט כאַראַקטער און דער גוטער יאָר ווייסט מיט נאָך וואָס. זי האָט אַפילו אַזעלכע טענץ, וואָס יעדער טאַנץ האָט ביי איר אַ באַזונדער נאָמען. אַזעלכע טענץ וואָס מען קען עס פשוט איינטייטשן און דרשהנען מיט גאָר טיפע כוונות. זי טאַנצט און איר זעט באַשיינפּערלעך, וואָס זי וויל. זיי רופן עס „פּלאַצטיטשנע" טענץ. אָט זעט איר, ווי זי בענקט נאָך עפּעס — מסתּמא חתונה האָבן — און גייט אויס פון עצבות, און אָט ווערט זי גאָר בגלופין, און אָט שטאַרבט זי, און אָט שטייט זי אויף תּחית־המתים, און אָט פאַלט זי אַריין אין הינערפּלעט און אָט שטעלט זי זיך גאָר דאַוונען אָדער זי ווערט ברוגז. מיט איין וואָרט, אַזעלכע טענץ, וואָס „איטשע דאַרע דונקעס" מעג ביי איר הייצן די פּעטשערעס.

איז אָבער אַ צרה, וואָס מיט־ אַזעלכע טענץ קען מען נישט גיין טאַנצן אין אַ רעסטאָראַציע אָדער אין אַ צוקערניע. מיט אַזעלכע טענץ טרעט מען אַרויס אויף קאָנצערטן, אין טעאַטער, אָדער אין אַן אָפּערע. טאָ טרעט־זשע אַרויס אין אַ טעאַטער! באַדאַרף מען דערצו האָבן אַלערליי קאָסטיומען מיט קליידער. דאָ מאַך איר אַ קלייד פון מלכּה־שבא און דאָ דאַרף זי האָבן אַ קלייד פון אַ וואַסער־מיידל, און דאָ דאַרף זי האָבן אַ קלייד אויף רייפן, אַ קרינאָלין, ווי אַ גאַז־רעזערוואואַר, וואָס מען דאַרף דערצו האָבן 77 מעטער סחורה, אַחוץ קעשענעס... און פלוצלונג דאַרף זי האָבן אַ קלייד, וואָס איז אייגנטלעך גאָר קיין קלייד נישט, נאָר אַ זאָקנבענדל. מיינט איר דאָך,

אַז אַזאַ קלייד קאָסט שיי-שמיי, אַ שבֿוש — האָט איר אַ טעות! אַזאַ קלייד קאָסט מער, ווי יענע קלייד מיט די 77 מעטער סחורה. און פּלוצלונג מאַך איר אַ פּאָר פליודערן צו טאַנצן „שכנה-רעזאַדע", היינט לאַטשן מיט שיכלעך, מיט סאַנדאַלן. ווער קען זיך דאָס אויף דעם אַלעם אָננעמען געלט?

מען דאַרף דאָך דערצו האָבן דעם קיסערס אוצרות...

נאָ נישט לאַנג האָט זי אַפילו שוין יאָ געפונען אַן אָרט, וואו זי וועט אַרויסטרעטן מיט אַ קאָנצערט-טאַנץ און דווקא אין סאַמע טעאַטער. זי וועט דאָרט זיין די פּרימאַ-באַלעטרינע. זי וועט טאַנצן אַ טאַנץ, וואָס הייסט „דער לץ און די פלעדערמויז". דער שותּף וועט טאַנצן דעם לץ און זי וועט טאַנצן די פלעדערמויז. האָבן מיר פּאַר איר אויסגעמייסטרעוועט אַ מלבֿוש פון אַ פלעדערמויז. מאָלט אייך, אַז נישט אַזוי גרינג מאַכט מען אַ בגד פון אַ פלעדערמויז.

עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. מאָלער האָבן געמאָלט, שניידערס האָבן געשניטן, חברטעס האָבן געניייט...

איינגעביסן. געמאַכט. איז מען אַוועק אויף דער רעפּעטיציע פון דעמדאָזיקן טאַנץ. און דאָס איז אַזאַ מין טאַנץ, וואָס מיין טאָכטער באַדאַרף געבן אַ שפּרונג און ער, דער זכר, דער לץ, הייסט עס, באַדאַרף זי אונטערכאַפּן. האָט זי געגעבן אַ שפּרונג און דער לץ, טאַקע אַן אמתער לץ, האָט פאַרגעסן זי אונטערצוכאַפּן. ס'איז אים אַרויס פון קאָפּ, זאָגט ער, דער שלים-מזל, אַז מען דאַרף זי אונטער-כאַפּן. באשר עס האָט אים געפעלט אַ טאַקט. די מוזיק האָט פאַר-געסן צו געבן די נאָטקע אין דער ריכטיקער צייט. איז זי אַוועק-געפאַלן, מיין טאָכטער, און אויסגעלענקט אַ פוס.

איצט ליגט זי אין בעט מיט אַ פאַרגיפּסעוועטן פוס.

• •

זעט איר, פון מיין יינגערן זון העניך האָב איך דווקא קיין נחת נישט. נישט, חלילה, ווייל ער וויל נישט טאַנצן. אַזוי ווייט

צעלאָזן און אויסגעלאַסן זענען מיינע קינדער נישט. מיינס אַ קינד, פריער אָדער שפּעטער, מוז טאַנצן. עס ליגט שוין אַזוי אין אונזער נאַטור און נישט אַזוי אין דער נאַטור, ווי אין אונזערע פיס. טאַנצט ער, און נאָך וואָס פאַר אַ טאַנצן! אַ פּאָר פיס פון אַן עלוי! און אַ גרויסער מתמיד דערצו. טאָג, ווי נאַכט, טאַנצט ער. אַז איר וועט אַ קוק טאָן אויפן בחור, איז עס כלו טאַנץ. כל עצמותיו תאמרנה, און ער דאַרף קיין מוזיק אויך נישט. ביי יעדער געלעגנהייט וועט ער כאַפּן אַ טענצל. שפּילט אַ קאַטערינקע, טאַנצט ער; שפּילט ביים שכן אַ גראַמאָפאָן — טאַנצט ער; קלאַפּט עמעצער אויף אַ ניימאַשין, אָדער מען האַקט לעבער אין אַ צווייטער שטוב — טאַנצט ער. זיינע קונצשטיק, וואָס ער וויַיזט מיט די פיס, איז אין לשער. ער שווימט, ער שוועבט. זיין מאַכן מיט די פיס איז ממש פלאים. מיין סאַלטשע קאָן דאָך אויך מאַכן מיט די פיס, נאָר צו זיין מאַכן מיט די פיס קומט עס נישט. ער, אַז ער וועט אייך אויסקלאַפּן „אַ דזיג" מיט „אַ טרעסקאָטקע" מיט די שפּיץ פינגער פון די פיס, איז ווי אויף אַ פּייקל ממש, ווי מען שיט אַרבעס אויף אַ בלעך פון אַ לע-כערדיקן זאַק... אַז איר ווילט, וועט ער אייך מאַכן אַזוי, אַז בלויז די פיס זאָלן זיך אים טרייסלען און דער גאַנצער גוף זאָל שטיין גלייך ווי אַ סטרונע, אָדער ער וועט אייך מאַכן, אַז בלויז די קני זאָלן זיך ביי אים טרייסלען און די פיס זאָלן שטיין, ווי נישט זיי מיינט מען. אָדער ער לאָזט אַוועק אין גאַנג בלויז די קנעכלעך, אָדער ער הייבט גאָר אָן אַרבעטן מיט די זייטן, מיט די לענדן און מיט וואָס נישט?

אַלץ גוט. נאָר קיין תכלית זעט מען נישט. ער קאָן עפּעס נישט קומען צו קיין ציל. ביי לייטן מיט אַזאַ פּאָר פיס וואָלט מען געוואָרן אַ גדול בישראל. עס וואָלט שוין געווען אַ נחת פאַר אים, פאַר טאַטע-מאַמע און פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק, און ער? גאָרנישט. איך טענה צו אים: „שוין-זשע קענסטו נישט, אַזאַ בחורעץ, ווי דו, צו עפּענען עפּעס אַ שטיקל טאַנץ-קלאַס. וועסט מאַכן בענעפיסן מיט זאַבאַוועס. מיין עלטערע טאָכטער, זלאַטע-מירל, זיצט דאָך סיי ווי סיי אָן אַ שטאָך אַרבעט, וועט זי דאָרט פאַרקויפן די פּאַפּירלעך, וואָס מען וואַרפט דאָרטן, ווי הייסט עס „טערפּענטין" מיט „קאָנפעקטן" און עס וועט אַריינפאַלן אַ גראָשן אין קעשענע. איז גאָרנישט.

זומער לויפט ער אַרום איבער די דאַטשע-ערטער, כלומרשט

ער עפנט דאָרטן טאַנץ־אַקאַדעמיעס, נאָר קיין טאָלק דערפון איז נישטאָ.

און דו, טאַטע, קויף אים קראַוואַטן. די שענסטע קראַוואַטן דאַרף ער האָבן, און דווקא פון פּאַריז, און שקאַרפּעטן באַדאַרף ער דווקא פון ווין. אַלע ווילדע מאַך אים סמאָקינגס. און קויף אים שיך. איר האָט דען אַ השגה, וויפל סמאָקינגס עס הענגען בײַ מיר אַ־שטוב? מײַן אײדעמס סמאָקינג און מײַן זונס סמאָקינג, אַחוץ פראַקן מיט סאַנדאַלן, מיט קליידונג. אַ קליידערגעשעפט—און פּאַרטיק...

נאָר וואָס קען מען העלפן, דאָס איז דאָך זייער געצייג. נאָר זיי־זשע כאָטש אַ מענטש און זוך אַ תכלית. דאָס נישט.

דערפאַר כבוד האָב איך פון אים.

דאָ, אַנומלט, האָט ער אויף אַ באַל באַוויזן גאָר אַ וואַזשנעם חידוש: ער האָט געטאַנצט פופצן שעה „שיידלסטיין" אָן אויפהער, כמעט אַ גאַנצן מעת־לעת. אַ סך מענטשן האָבן געטאַנצט, עס איז געווען אַ געוועט אַזאַ, נאָר זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן. דריי שעה. פינף שעה—און געבליבן שטיין. מײַן זון אָבער האָט געטאַנצט גאַנצע 15 שעה. נו, האָט ער געקריגן דערפאַר אַ „נאַגראַדע", אַ פּריז, אַ בלעכענעם וואַנטזייגער. דער וואַנטזייגער גייט נישט, נאָר דערפאַר איז די גאַנצע שטאָט געווען פול מיט אים. צײַטונגען האָבן וועגן אים געשריבן און זײַן פּאָרטרעט האָט מען געדרוקט. אַפילו איך, אַז איך גיי אין גאַס, טײַטלט מען אויף מיר מיט די פינגער: אָט גייט דער טאַטע פון דעם זון, וואָס האָט געטאַנצט פופצן שעה אויפן זייגער...

געוויס איז עס אַ נחת פאַר טאַטע־מאַמע. אַז גאָט בענטשט מיט אַ זון — אַ טענצער אַ חד בדרא, איז אַוודאַי גוט. נאָר וואָס דען, ער ליגט, נעבעך, שוין דריי וואָכן צו בעט, געפאַלן אויף די פיס, זיך איבערגעטאַנצט. איצט גייט אַ דאָקטאָר, מיט אַ פעלדשער, מיט אַ מאַסאַזשיסט, און מען מאַכט אים מאַסאַזש מיט זאַלץ און מיט שפּירט, און ווער ווייס, ווילאַנג ער וועט נאָך אַזוי דאַרפן ליגן.

געלויבט דער אויבערשטער, עס איז בײַ מיר אַ פאַמיליע פון טענצער און קיין נחת פעלט נישט.

# דער לאַכער.

מיד פון אומגיין לײדיק, האָב איך זיך צוגעזעצט אָפּרוען אויף אַ באַנק, אין איינעם פון די שטאָטגערטנער.

זיץ איך.

אויפן סאַמע עק באַנק איז געזעסן אַ פּאַרשוין מיט דער פּלייצע צו מיר.

זיצט ער.

אַ פּלייצע, אַ געוויינלעכע, אַ פּאַרעווע, האַלב־רונדע, נייטראַלע, וואָס זאָגט גאָרנישט.

איך האָב געקוקט אויף דער פּלייצע און געפּרוואוט טרעפן, מיט וואָס פאַרנעמט זיך אָט דער פּאַרשוין, וואָס פאַרמאָגט אָט דידאָזיקע פּלייצע? וואָס איז ער? איז ער אַן אינטעליגענט אָדער אַ בעל־מלאכה? אַן אײדעם אויף קעסט? אַ בעקער? אַ ציוניסט? אַ בעטלער? אַ בעל־מנגן? אַ בוכהאַלטער? אַ פלייש־עסער, צי אַ וועגעטאַריאַנער? אַ קאָלעקטאָר פון לאָטעריע־צעטלען, אָדער גאָר אַ פּעסימיסט?

פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויסלאָזן אַ מאָדנעם לאַך מיט אַ טרילער, אַ קייך טאָן מיט אַ פאַרשטיקטן געלעכטער אין די הויפּנס אַריין אָדער אַרויסגעברומט מיט אַן איינגעהאַלטענעם באַס: כאַ, כאַ, כאַ! אָפּגערוט, אַנטשוויגן געוואָרן, און באַלד ווידער אָנגעהייבן פונדאָסניי.

עס איז מיר געוואָרן קשה די געשיכטע: אַ מאָדנער פּאַרשוין. לאַכט און קייכט פאַר געלעכטער. וואָס איז מיט אים די שמחה אינמיטן העלן טאָג? וואָס פאַר אַ גדולה אויף זיין קאָפּ? און אפשר איז עס גאָר אַ קרענק אַזאַ? ר״ל, אַ ספּאַזמע? אַ משוגעת?

איך בין געוואָרן נייגעריק. איך האָב זיך צוגערוקט נענטער צו מיין באַנקמיטזיצער און געטאָן אַ קוין הוסטל. די פּלייצע האָט

זיך אַ באַוועג געטאָן. דער פאַרשוין האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ, און איך האָב דערזען אַ פּנים, וואָס האָט נאָך ווייניקער געזאָגט, ווי זיין פּלייצע. אַן איינפאַך פּנים פון אַ יונגן מענטש, אַ קורץ בערדל, אַ גלעלע, נישט דערבאַקענע נאָז, אַ האַרט קאַפּעליושל און אַ דאַרן האַלז מיט אַ גרויסער בראָדאַווקע פון פאָרנט, וואָס קאָן אין אַ דוחק דינען אַלס קנעפּל צו פאַרקנעפּלען דעם קאָלנער.

די איינציקע זאַך, וואָס האָט זיך יאָ געוואָרפן אין די אויגן, איז דער טיפער אויסטערלישער טרויער אויף זיין פּנים און די טיפע מעלאַנכאָליע, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן.

און אַזאַ מענטש מיט אַזאַ פּנים לאַכט? בין איך געוואָרן נאָכמער טשיקאַווע, און איך האָב באַשלאָסן אים אַ פרעג טאָן:

— אַנטשולדיקט, — האָב איך אָנגעהייבן, — אַפּנים, אַז איר ליידט פון עפּעס אַזאַ נערוונשוואַכקייט אָדער אַ ספּאַזמע אַזאַ, וואָס איר לאַכט אַזוי משונה?

— אַזוי?.. איר האָט אונטערגעהערט? — האָט ער זיך שעמעוודיק פאַררויטלט און זיין גלעלע נישט דערבאַקענע נאָז האָט זיך קוים, קוים פאַרברוינט, ווי איך וואָלט אים פּלוצלונג געכאַפּט ביי אַ גניבה. — המ... גאָרנישט... אַזוי זיך... ס'איז אַ פּראָבע....

— אַ פּראָבע?

איך האָב אים אָנגעקוקט מיט אַ קוק פון אַ גאַנצן טוץ פראַגעצייכנס.

— ס'איז אייך קשה?.. — זאָגט ער. — טאָ קומט אַריין מיט מיר דאָ קעגנאיבער אין אַ קאַפעהויז, וועט איר שטעקן אַ טעפּל קאַווע, וועלן מיר זיך דערוואַרעמען, וועל איך אייך דערציילן.

מיר האָבן אַזוי געטאָן. מיין פאַרשוין האָט געטאָן אַ זופּ קאַווע און געזאָגט:

— מנא, מהיכא תיתי... איין מענטש מעג דאָך וויסן דעם סוד... איר וועט דאָך קיינעם נישט אויסזאָגן... אַ יאָ?

— יאָ.

— איז גוט... איך... איך בין אַ לאַכער, בין איך, איך מאַך אַ לעבן פון לאַכן... מיין פּראָפעסיע איז עס... איז פון צייט צו צייט מאַך איך רעפּעטיציע... איר פאַרשטייט?

איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. איך האָב אים אָנגעקוקט מיט דעמזעלבן קשיה-פּנים און געלאָזט אים רעדן ווייטער.

— איך זע, אַז איר פֿאַרשטייט נאָך אַלץ נישט, וועל איך אייך אויפֿקלערן און עס וועט אייך ווערן קלאָר... זאָגט מיר, איך בעט אייך, האָט איר עפּעס ליב טעאַטער? גייט איר אַמאָל אַריין אין אַ קינאָ, אין אַ קאַבאַרעט?

— נו, געוויס. נאָר וואָס איז עס פֿאַר אַ משל אַהער?

— האָט צייט... האָט איר עפּעס ליב קאָמעדיע?

— ס׳פֿאַרשטייט זיך. אַוודאי האָב איך ליב קאָמעדיע.

— נישט נאָר איר, אַלע האָבן היינט ליב קאָמעדיע, — האָט ער געזאָגט.—אַלע האָבן היינט ליב פֿריילעכס. מען וויל אַ ביסל צעשטרייען זיך, וויילן. טראַגעדיעס האָט יעדער גענוג אינדערהיים. יעדער טראָגט זיך אַרום מיט זיין פּעקל צרות, ווילט זיך אַ ביסל פֿאַרגעסן. אַ יאָ?

— ס׳איז אַזוי!

— לויפֿט דעריבער היינט דער עולם אויף אַ קאָמעדיע. לויפֿט אויף אַ פֿאַרס אין קאַבאַרעט אַריין, צו הערן אַ וויץ... איז במה דברים אמורים, אַז די קאָמעדיע איז אַ קאָמעדיע, און דער פֿאַרס איז אַ פֿאַרס, און דער וויץ איז אַ וויץ. ווי איז אָבער דער דין, אַז די קאָמעדיע איז פֿון די היינטיקע קאָמעדיעס, וואָס מען דאַרף פֿון זיי וויינען מיט ביטערע טרערן, און דער פֿאַרס איז פֿון די פֿאַרסן, וואָס עס שלאָגט מיט חלשות, און דער וויץ איז אַזאַ וויץ, וואָס מען דאַרף נאָך אים זיך זעצן שבעה און פּראַווען אבילות? אָט, למשל, לייענט איר שוואַרץ אויפֿן רויטן אָדער געלן אַפֿיש, אַז דאָ און דאָ שפּילט מען די און די קאָמעדיע אָדער קינאָבילד, וואו איר וועט האָבן צוויי-דריי שעה „קאַסקאַדישן געלעכטער”. צוויי-דריי שעה „וואולקאַנישער לאַכהוראַגאַן”. צוויי-דריי שעה לאַכנדיקער וואָלקנ-אויסברוך מיט ספּאַזמעס. און איר גייט און קוקט און זעט עס און עס ווילט זיך אייך גענעצן מיט אַזעלכע לאַנגע גענעצן, וואָס מען קאָן זיי מעסטן אויפֿן אַרשין, און עס ווילט זיך אויך וויינען מיט טרערן, ווי באָב, אויף אייער פֿאַרלוירענער צייט און אויף אייערע פֿאַרלוירענע פּאָר גראָשן.

— איז וואָס-זשע טוט מען?

— איר ווייסט נישט וואָס צו טאָן. אַ טעאַטער-דירעקטאָר אָבער, אָדער אַן אינהאַבער פֿון אַ קינאָ האָט שוין געטראָפֿן וואָס צו טאָן: מען דינגט אַ לאַכער, דינגט מען, עלעהיי אַ בראַוואָ-פּאַטשער. מען דינגט אים, מען זעצט אים אַריין צווישן עולם און זאָל ער לאַכן.

— מילא בכן?

— און אָט אַזאַ מין לאַכער בין איך עס. אַ געדונגענער פּראָפעסיאָנעלער לאַכער.

איינער אַזאַ מין דירעקטאָר פון אַ קאָמעדיע־טעאַטער האָט מיך אַמאָל געהערט לאַכנדיק, איז אים געפעלן געוואָרן מיין לאַכעכץ און ער האָט מיך אָפּגעדונגען. און לאַכן, באַדאַרפט איר וויסן, האָב איך אַמאָל געקענט. ווארים אויפן הארצן איז געווען פריילעך, פּרנסה האָב איך געהאַט בשפע, נישט געדאַרפט אָנקומען צו דער היינטיקער לאַדמלאכה. איז מיין געלעכטער טאַקע געווען אַ זאַפטיק געלעכטער, אַ געלעכטער, ווי מען זאָגט, מיט פאַרשידנקייטן און ניואַנסן. ווילט איר—האָט ער געדונערט, ווי אַ דונער און געגרעגערט, ווי אַ גרעגער, ווילט איר — האָט ער זיך געשאָטן, ווי אַרבעס אויף אַ פּויק; ווילט איר — האָב איך זיך פאַרקײַכט אויף אַ דינעם טרילערדיקן קוויטש, און דער עיקר — ער איז געווען אָנשטעקנד. אָנשטעקנד, ווי יעדע אָנשטעקנדיקע קרענק, ווי אַ טיפוס, ווי אַן אַנגינע, ווי אַ כאָלערע, ר"ל.

האָט מען מיך אַריינגעזעצט אין אַ טעאַטער צווישן פּובליקום און געהייסן לאַכן. האָב איך געלאַכט. אויף דער בינע איז געגאַנגען עפּעס אַ חלשות און איך האָב געלאַכט, און אַז איך האָב געלאַכט, האָט דער עולם אויך געלאַכט. האָט די קאַסע אויך געלאַכט, און דער דירעקטאָר האָט געלאַכט, און די אַקטיאָרן האָבן געלאַכט, און עס איז געווען ליהודים.

האָט זיך דערפון דערוואוסט אַ צווייטער טעאַטער־דירעקטאָר און אַ קינאָ־אייגנטימער און אַ באַלעבאָס פון אַ רעווי־טעאַטער, און עס איז אַוועק אַ גאַנג. איצט אַרבעט איך אין צוויי טעאַטערס, דריי קינאָס און פיר קאַבאַרעטן.

ער האָט אַ זופּ געטאָן דאָס לעצטע ביסל קאַווע און געזאָגט:

— אָט אַזוי איז עס, מיין פריינט. מען לאַכט. עס איז נישט קיין לייכט שטיקל אַרבעט. מען דאַרף האָרעווען, ווי אַן אייזל. מען דאַרף לויפן פון איין טעאַטער אין אַ צווייטן, פון איין קינאָ אין אַ צווייטן, פון איין קאַבאַרעט אין אַ צווייטן. און אומעטום מוז מען זיין צו דער ריכטיקער מינוט. און אין יעדן אָרט דאַרף מען וויסן, ווי אַזוי צו לאַכן: אין איין אָרט דאַרף מען לאַכן גראָב, מיט אַ באַס, אין אַ צווייטן אָרט באַדאַרף מען לאַכן דין, איידל, אינטעליגענטיש, און אין אַ דריטן אָרט דאַרף מען פּשוט היר(ז)שען, ווי אַ פערד...

נאָר דאָס וואָלט נאָך נישט געווען אַזוי שווער, ווי די מאָראַלישע

ליידן, דאָס, וואָס מען דאַרף לאַכן ביי אַזעלכע שטיק, וואָס מען קאָן פון זיי אַריינפאַלן אין אַ מרה-שחורה, אָדער הערן וויצן פון אַ קאָנפעראַנסיע, וואָס נאָך יעדן וויץ ווילט זיך אים וואַרפן אַ שטיוול, און דו דאַרפסט זיצן און קייכן פאַר געלעכטער און באַלעקן זיך. און געגאַרן קאָן מען דאָך נישט. וואָרים דער באַלעבאָס קוקט אויף דיר מיט טויזנט אויגן. און טאָמער ווערסטו מיד און דו ווילסט אַ דרעמל טאָן, שטייט שוין דער באַלעבאָס איבער דיר און דערלאַנגט דיר אַ שטורך אין זייט:

— לאַך!

אַנומלט בין איך איינגעשלאָפן אין אַ קינאָ, און ווען איך האָב זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף און אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, זענען גאָר אויפן עקראַן געגאַנגען די רעקלאַמעס און עס איז שיער נישט אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל, און איך האָב שיער די שטעלע נישט פאַרלוירן.

יאָ, מיין פריינט,—האָט ער געזאָגט, אויפהייבנדיק זיך פון אָרט,— פאַר אייך שטייט אַ טראַגישע פיגור. נאָך וויקטאָר הוגאָס „דער מענטש, וואָס לאַכט”, בין איך די צווייטע טראַגישע פיגור.

מעגן דיר די ציין ווי טאָן, מעג דיר אויפן האַרצן זיין אָנגע- זאָטלט, מעגסטו דיר האָבן דיינע היימישע צרות—דו מוזט לאַכן. ווי זינגט מען אין די „פּאַיאַצן”.

„לאַך דו, פּאַיאַץ! דאָס פּאָלק וויל דיין לאַ—אַ—כן!”

דאָס לאַכן נעמט ביי מיר צו דעם גאַנצן הומאָר, מיין פריי- לעכקייט. איך קאָן דען היינט לאַכן? אַמאָל, אַז איך האָב נישט גע- דאַרפט אָנקומען צום לאַכן, האָב איך געקאָנט לאַכן... אָבער זינט איך האָב אָנגעהייבן לאַכן, האָב איך גאָר פאַרגעסן לאַכן... און דעריבער מוז איך איצט אָפט מאַכן פּראָבעס, רעפּעטירן זיך. עך, נו, זייט מיר געזונט... און אַ דאַנק אייך פאַר דער קאַווע... שוין זעקס אַ זייגער, מען דאַרף שוין גיין לאַכן... „כאַ-כאַ-כאַ! כאָ-כאָ-כאָ! כי-כי-כי”! — האָט ער אַ פּרואוו געטאָן זיין געלעכטער אויף אַלע רעגיסטערס, ווי אַ זינגער גיט אַ פּרואוו זיין שטימע איידער ער גייט זינגען.

און ער איז אַוועק מיט זייער טרויעריקע טריט צו זיין לאַכנ- דיקער אַרבעט.

## ער האָט זיך קורירט, האָט ער זיך.

א מאָנאָלאָג פון א קראנקן יידן, וואָס האָט געוואוינען די „דאָלאָראוויקע“ און הייסט יעקב־יידל.

איך האָב אים געטראָפן ליגנדיק אין בעט, אין איינעם פון די אַטוואָצקער פּענסיאָנאַטן.

— וואָס־זשע מאַכט איר עפּעס, ר׳ יעקב־יידל? אַ שאָק מיט יאָרן אייך נישט געזען. וואו זענט איר דאָס אויסן געווען היינטיקן זומער? און וואָס ליגט איר עפּעס אין בעט?

— אָט, מען ליגט... — האָט ער געענטפערט מיט אַ מידער צע־בראָכענער שטים. — נישט פון קראַנקהייט, חלילה, נאָר גאָרנישט. מען האָט זיך קורירט, האָט מען זיך... איך קום פון די קוראָרטן, פון די בעדער, פון די בערג, ימים, פון די פלאַזשעס מיט די קוואַלן וואַסער, מיט די וואַנעס, מיט די הידראָפּאַטיעס, מיט די מאַסאַזשן... מען האָט זיך קורירט, האָט מען זיך, ליגט מען אין בעט... קכ... קקככ... קקכככ...

ער האָט זיך אויסגעהוסט, אויפגעזעצט, אַ קרעכץ געטאָן און ווידער גערעדט.

— אויב אייך איז באַקאַנט, בין איך שוין אַן אַלטער חולה. יעקב־יידל איז באַרימט פאַר אַ חולה אַ ספּעציאַליסט. דער גרעסטער טאַלענט אויף קרענקען. נישטאָ קיין מחלה, וואָס איך זאָל זי נישט האָבן... אַלטע איינגעפונדעוועטע קרענק, פאַרלעגענע, אַלטגעבאַקענע, ווי אויך שפּאָגלנייע, פרישצאַפּלדיקע, נייאַמאָדישע. איר געפינט ביי מיר אויפן לאַגער, וואָס איר ווילט נאָר הערן און געדענקען. אַסטמע־איז אַסטמע, צוקער — איז צוקער, מאַנדלען אין האַלז, ניסלעך אין קאָפּ, פלוימען אין געזעס און ווייסל און נירן און זאַמד און פעטס

און שטיינער און וואַפּנע און וואַסער און קאַלך — אַ סקלאַד פֿון בוי־מאַטעריאַלן צוזאַמען מיט באַקאַלייקראַמען... היינט האָב איך אַ גע־שוואָלענע לעבער, אַן אויסגעצויגענעם מילץ, אַ קאַליקן מאָגן, אָנגע־גריפּענע לונגען, אַ כראָנישן בראָנכיט, פּאָדאַגרע, שלאָפלאָזיקייט, אַטרעטיס, ראַמאַטיס, אישיאַס, נעווראַלגיע, מיגרען, און אַ ביסעלע מירידן טאַקע אויך, אַחוץ אַ סך קרענק, וואָס איך ווייס נאָך נישט זייערע נעמען. היינט אַ האַרץ האָב איך, וואָס האָט אין זיך עטלעכע קרענק מיטאַמאָל: „נערוויצאַ סערדצאַ", „וואדא סערדצאַ", „פּאָראָק סערדצאַ", „סקלעראָז סערדצאַ" און סתּם אַ האַרצפֿעלער. און אַחוץ דעם אַלעמען, פֿיל איך זיך סתּם נישט מיט אַלעמען.

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער דערציילט:

— איז כּל־זמן מען איז געווען אַן אָרעמאַן, האָט מען זיי גע־הערט, אָט די אַלע קרענק, ווי דעם קאָטער. נאָר איצט, אַז דער אויבערשטער האָט געהאָלפֿן און יעקבֿ־יידל האָט געוואונען די דאָ־לאַרוואוקע, האָט ער, יעקבֿ־יידל, דערפֿילט אַלע קרענק מיטאַמאָל, און איך האָב באַשלאָסן איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל זיך אַ קוריר טאָן, אָבער טאַקע „גרונטאָוונע", „פֿונדאַמענטאַלנע", וואָרים מיינס אַ קרענק איז אויך, ברוך־השם, אַ גרונטאָוונע. יעדע קרענק איז ביי מיר אַן איינ־געזעסענע, אַ יוסטע, אַן איינגעפֿונדעוועטע, מיט אַ חזקה, מיט אַ היסטאָריע, מיט אַ ירושה.

איז וואָס־זשע האָב איך געטאָן? האָב איך אַזוי געטראַכט. איך וועל נעמען אָט דעמדאָזיקן פּאַרשוין, אָט דעם יעקבֿ־יידלען, ווי איר קוקט אים אָן, און איך וועל אים איבערגעבן אינגאַנצן אויף קוראַציע. אַ גאַנצן זומער אויף קוראַציע. איך וועל גאָרנישט טאָן, נאָר קורירן זיך. אַ סוף! געקומען די צייט, איך זאָל פּטור ווערן פֿון מיינע מחלות. הגם אסור זאָל מיר זיין, אויב איך ווייס, ווי אַזוי איך וועל אָן זיי אויסזען. אַזויפֿיל יאָרן מיט זיי זיך איינגעלעבט, און דאָ פּלוצלונג נעם און ווער געזונט, פֿריש און משוגע. עס קען דאָך, חלילה, פֿאַרשאַטן.

— הכּלל, תּיכּף ביים סאַמע אָנהייב „וועסנע־צייט" האָב איך מיר אויסגעאַרבעט אַ זאַגראַניטשנעם פּאַס, אַ „קאָנסולאַרנעם", וואו עס זענען אויסגערעכנט כּלערליי בעדער און לענדער און מלוכות פֿון דער גאָרער וועלט. צו וואָס זאָל איך זיין „געקרעמפּעוועט"? אַ מער, לאָמיך קאָנען פֿאָרן וואו איך וויל און ווען איך וויל... און האָב

מיך גענומען זיך מיישב זיין מיט דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן, און אַלץ „גרונטאָוונע", און האָב גענומען לייענען און שטודירן די אַלע אַרטיקלען און עצות אין די צייטונגען וועגן קור-אָרטן און בעדער, און אַלץ „גרונטאָוונע". און אַנאַליזן האָב איך געמאַכט אַ 75 שטיק, אויך „גרונטאָוונע" און געלאָזט זיך דורכקוקעוודיק דורכלייכטן מיט „סעזאַלאָגן-שטראַלן" און געלאָזט זיך מעסטן דעם בלוט-דרוק מיט דעם „בלוט-צירקולאַר", מיט דעם פּולס.

— האָב איך איינגעטיילט דעם זומער אויף פיר חדשים און יעדן חודש אויף צוויי חלקים, דאָס הייסט צו צוויי וואָכן, האָבן מיר, אַ קיימאַ לן, פון 8 צווייוואָכעדיקע. יעדע צוויי וואָכן אָפּגעגעבן אויף אַ באַזונדער קרענק, וועלן מיר, הייסט עס, אין משך פון זומער פּטור ווערן פון 8 קרענק... מעגלעך, אַז עס וועלן נאָך איבערבלייבן עטלעכע קליינע מחלהלעך, קיי און שפּיי, נאָר דאָס איז אַ קלייניקייט. מען קען דאָך נישט נעמען און אויסבייטלען זיך פון אַלע מחלות פּאַראַמאַל.

האָב איך זיך גענומען צו קוראַציע. צוערשט צו אַסטמע. האָב איך איבערגעלייענט אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג פון דעם ד"ר פּימפּל, אַז צו אַסטמע מוז מען פאָרן קיין עמס און טרינקען עמסן-וואַסער. בין איך אַוועקגעפאָרן קיין עמס און האָב מיר געטרונקען דאָס עמסן-וואַסער, אָבער „גרונטאָוונע" געטרונקען און אין צוויי וואָכן האָט עס מיין אַסטמע אָפּגענומען, ווי מיט די הענט. אמת, דעם אָטעם קאָן איך נאָך איצט אויך נישט כאַפּן און ביינאַכט ווער איך אַ דערשטיקטער און דער הוסט... דער הוסט... יעדע פינף מינוט באַפאַלט מיך אַ הוסט און האַלט מיך אָן אַ האַלבע שעה... נאָר די דאָקטוירים זאָגן, אַז דאָס נעמט זיך פון דער „רעאַקציע". דאָס הייסט, אַז דערפאַר, וואָס די אַסטמע ווערט אויסגעהיילט און ווערט שוואַכער, דערפאַר שטאַרקט זי זיך... קכע... קכע... קכע...

דעם אַנדערן חודש האָב איך באַשטימט פאַר מיין ראַמאַטיס און אַטרעטיס. דאָס הייסט, צוויי וואָכן אויף ראַמאַטיס און צוויי וואָכן אויף אַטרעטיס. זאָגן די דאָקטוירים, אַז אויף אַטרעטיס און ראַמאַטיס איז דאָס בעסטע דווקא דער היימישער קוראָרט טרוסקאַוויעץ. דאַכט זיך, גאָר אַ היימישער קוראָרט, דאָך אַ כפּרה פאַר אים אַלע זאַגראַניטשנע קוראָרטן, און נאָך בעסער איז ציעכאָמשינעק, וואָרים ציעכאָטשינעק ווייזט ממש וואונדער. דאָ זעט

איר, ווי עס קומט צו פאָרן אַ חולה, וואָס מען פירט אים אויף אַ וועגעלע, און אין צוויי-דריי טעג לויפט ער שוין אַרום, ווי אַ פּאַטשטאָווע פערד. וואָס זשע טו איך? האָב איך צוויי וואָכן זיך געהיילט אין טרוסקאַוויעץ און צוויי וואָכן אין ציעכאָטשינעק. און ווי מיינט איר? איר זאָלט ביי מיר זוכן איצט אַ שטיקל ראַמאַטיס אָדער אַטרעטיס מיט אַ ליכט, וועט איר נישט געפינען... אמת, אַז ביינאַכט ברעכט מיר אין די אַקסלען און די געלענקען ווערן ביי מיר אויסגעדרייט און די ווייטיקן איז אין לשער. און די פּאָגאָדע וועל איך אייך פאָרויסזאָגן בעסער ווי דער גרעסטער וועלט-נביא. נאָר דאָס איז אַלץ די פינסטערע „רעאַקציע". די דאָקטוירים זאָגן, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס די דאָזיקע קראַנקהייטן האַלטן אין אַרויסגיין, און בשעת אַ קראַנקהייט גייט אַרויס, מוז שטאַרק וויי טאָן.

— איצט האָב איך זיך אַ נעם געטאָן צו מיינע גאַלשטיינער און צו מיין צוקער. און צו גאַלשטיינער און צוקער איז דאָס בעסטע פּלאַץ קאַרלסבאַד. קאַרלסבאַדער וואַסער נעמט צו דעם גרעסטן גאַל-שטיין, צעזעצט און צעמאַלט און צערייבט אים אויף פּיץ-פּיצלעך, און דעם צוקער שווענקט עס אַראָפּ, אַז עס בלייבט נישט קיין שריד ופליט... און כּך הוה. אין אַ משך פון צוויי וואָכן, וואָס איך בין געוועזן אין קאַרלסבאַד, בין איך פּטור געוואָרן פון מיינע גאַלשטיי-נער און איך פיהל זיך, קיין עין הרע, גאָר געזונט, און איך וואָלט זיך געפילט נאָך מער געזונט, ווען נישט די אַטאַקעס פון די גאַל-שטיינער און די ווייטיקן פון דעם צוקער, וואָס איך לייד אַזוי אָפט. נאָר דאָס איז אויך, מסתמא, צוליב דער פאַרשאָלטענער „רעאַקציע".

איצט באַדאַרף מען זיך אַ נעם טאָן צו מיין מאָגן. און פאַר מיין מאָגן איז אויך, אייגנטלעך, גוט „ווישי", וואָס אין פראַנקרייך. נאָר פאַר מיין אויסטערלישן מאָגן, זאָגן די דאָקטוירים, איז נאָך בעסער קיסינגען, וואָס אין דייטשלאַנד. בין איך אָבער אַ ייד, וואָס קאָן זיך פאַרגינען אַ פאָר טאָן אי קיין פראַנקרייך, אי קיין דייטש-לאַנד, אי קיין ווישי, אי קיין קיסינגען. אין צווייען איז שטאַרקער, ווי מיינט איר? האָב איך טאַקע אין איינע צוויי וואָכן גרונטאָוונע אויסגעהיילט מיין מאָגן. נישט קיין מאָגן, נאָר אַ ריז, נישט מער, עסן טאָר איך גאָרנישט, מחמת ער קאָכט נישט, ווי געהעריק און עס ברענט מיר אונטערן האַרצן, משמעות די קוואַסן...

פטור געוואָרן פון מיין מאָגן, האָב איך באַשלאָסן פטור צו ווערן פון מיין פעטס און הויפטזעכלעך פון מיין בויך, מחמת פון מיין בויך נעמען זיך אַלע צרות. עס פעלט אין אים דער ווערסל-שטאָף, און פאַר דעם, זאָגן זיי, איז גוט מאַריענבאַד און פראַנצעס-באַד. מאַריענבאַדער וואַסער און פראַנצעסבאַדער בלאָטע. האָב איך זיך אָוועקגעזעצט צווישן מאַריענבאַד און פראַנצעסבאַד אויף גאַנצע צוויי וואָכן. איין טאָג געפאָרן קיין מאַריענבאַד און געטרונקען וואַ-סער און אויפן צווייטן טאָג געפאָרן קיין פראַנצעסבאַד און גענומען בלאָטע. געלאָפן אַהין און געלאָפן אַהער און אַזוי טאָג-איין, טאָג-אויס, גאַנצע צוויי וואָכן, אַביסל וואַסער, אַביסל בלאָטע, און מיין בויך איז טאַקע געוואָרן קלענער, כמעט אויס בויך.

נאָר וואָס דען? דאָס האַרץ. איך האָב דערפילט מיין האַרץ. דאָס האַרץ איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט. האָב איך גענומען און בין אָוועקגעפאָרן קיין מאַלאַגאַס, וואָס אין שפּאַניע, לעבן באַרצעלאָנא צו שטאַרקן דאָס האַרץ. באַקומען אַ ריזנהאַרץ, האָב איך זיך דערמאָנט אויף מיינע לונגען, אויף מיין כראָנישן בראָנכיט און בין אָוועקגע-פאָרן אויף צוויי וואָכן קיין מעראַן, וואָס איז אין איטאַליע, און אויסגעהיילט מיינע לונגען, אַז זיי זענען געוואָרן נישט קיין לונגען, נאָר אמתע ריזנבלאָזזעק. און ווען נישט דער הוסט, וואָלט איך ערשט געפילט, ווי שטאַרק זיי זענען. דער הוסט שטעכט. קכו... קקק... ה... קכך...

איצט, אַז מען נעמט אַזאַ „גרונטאָוונעם" קור, באַדאַרף מען נעמען אַ נאָך-קור? ווי מיינט איר? און וואו איז נאָך אַ בעסערער פלאַץ פאַר אַ נאָך-קור ווי אָסטענדע, וואָס אין בעלגיע! קודם כל האָט איר דעם ים און ים-לופט איז פשוט פאַר מיין אַסטמאַ און פאַר מיין כראָנישן נאַז-קאַטאַר, ווי אָנגעמאָסטן. אמת, פאַר מיינע לונגען איז בעסער באַרג-לופט. איז וואָס-זשע טו איך? נעם איך און טייל מיר איין די צוויי וואָכן, וואָס איך האָב באַשטימט פאַר מיין נאָך-קור, אויף צוויי ראַטעס: איין וואָך וועל איך זיצן אין אָסטענדע און אָטעמען ים-לופט און אַ צווייטע וואָך וועל איך מיר זיצן אין זאַקאָפּאַנע אויף די קאַרפּאַטנבערג און וועל מיר אָטעמען מיט באַרג-לופט. האָב איך טאַקע אַזוי געטאָן, אַ ביסל אָסטענדע, אַ ביסל זאַקאָ-פּאַנע און דערווייל אַראָפּגעכאַפּט זיך קיין וויסבאַדן אויף אַ טרויבן-קור.

איצט בין איך, געליבט דער אויבערשטער, געזונט און אייזן־שטאַרק, אַ מויער, אַ פעלז.

אַי, פאַרוואָס ליג איך אין בעט און זע אויס ווי אַ גוסס, וואָלט איך געווען אַ בעלן צו זען, אַז איר זאָלט דורכמאַכן אַזאַ קוראַציע און איר זאָלט שענער אויסזען...

אפשר ווייסט איר עפּעס פון אַ גוטן דאָקטאָר?

# דער שוואַרצער אַטלעס.

(צירק-הומאָרעסקע).

זעליק קרעפּלמאַן, אַ הויכער דאַרער בחור, ווי אַ באָקסער, איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט טויט-הונגעריק. אין בויך האָט ביי אים אַזוי געדודערט, אַז ווען די געדו-דעריי וואָלט זיין נאָך איין ביסל שטאַרקער, וואָלט מען אים זיכער געלאָזט אַרעסטירן פאַר מאַכן אַ טומל אין גאַס און פאַר שטערן די עפנטלעכע רו.

שוין עטלעכע יאָר, אַז ער וואַלגערט זיך איבער דער גרויסער וועלט, איבער אַלע גרויסע שטעט, נאָר אַזוי שלעכט, ווי אין דער-דאָזיקער שטאָט, איז אים נאָך קיינמאָל נישט געווען. נישטאָ קיין שטיקל אַרבעט אויף אַ רפואה, כאָטש נעם לייג זיך און שטאַרב.

שוין באַלד דריי טעג, אַז ער גייט אַזוי אַרום הונגעריק, פאַר-שמאַכט, מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, און זיינע מידע אויסגע-סטאַרטשעטע אויגן זוכן אויף דער ערד כאָטש אַ ברעקל פּאַפּיראָס, צו פאַרטרייבן די נודנעקייט.

און אָט, גייענדיק אַזוי איבער איינער פון די זייטיקע גאַסן און וואַקלענדיק זיך קוים אויף זיינע דאַרע אָפּגעשוואַכטע פיס, איז זיין בליק געפאַלן אויף אַ הויז, וואו דער פראָנט איז אינגאַנצן גע-ווען אויסגעקלעפּט מיט אַלערליי פּלאַקאַטן מיט פאַרשידענע קאָלירטע בילדער. די בילדער זענען צוגעפּאַסט באַשטאַנען פון אַלערליי חיות און עופות: ווי אַ העלפאַנד שטייט אויף פלעשער, אַ ים-הונט ציט פאַר אַ גלעקל, אַ מאַלפּע פאָרט אויף אַ ראָווער, אַ מיידל טאַנצט אויף אַ פערד, שפּרינגט דורך אַ רייף. נאָר הויפּטזעכלעך זענען

די בילדער באַשטאַנען פון מגושמדיקע דיקע, פולבייביקע און מוס-קולישע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַלטן איינער דעם אַנדערן אַרומ-גענומען אין פאַרשידענע פאָזעס.

איבער די אויפשריפטן איז געווען אַרויסגעהאָנגען אַ גרויסע שילד, וואו מיט גרויסע אותיות איז געווען אויפגעשריבן:

## צירקוס! גרויסע אַטראַקציאָן: פראַנצויזישער אַטלעטן-קאַמף!

און נאָך אַ צעטל איז דערביי געווען אָנגעקלעפּט מיט אַן אויפשריפט:

## מענטשן ווערן געזוכט צו לייכטע אַרבעט!

„אַ קשיא אויף אַ מעשה" — האָט ער געטראַכט — „לאָמיר נאָר אַריינגיין אַהער, אפשר וועל איך עפּעס געפינען דאָ אַרבעט".

אין אַ מינוט אַרום איז ער געשטאַנען פאַר אַ דיקן פליכעוואַטן פאַרשוין מיט אַ פליישיקן פנים — דער דירעקטאָר פון צירק.

— אַזוי, אייגנטלעך, האָב איך דאָ פאַר אייך קיין אַרבעט נישט,— האָט דער צירק-דירעקטאָר געזאָגט, באַטראַכטנדיק זיין נייעם קאָנ-טראַהענט פון אויבן ביז אַראָפּ. — איך רעכן אָבער, אַז פון אייך וואָלט געקאָנט זיין אַ גוטער נעגער-אַטלעט. גראָד אַזאַ איינער פעלט מיר איצט צום אַנסאַמבל.

זעליק קרעפּלמאַן האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע פאַר-וואונדערטע אויגן און אַ ברייט-פאַנאַנדערגעעפנט מויל.

— שרעקט זיך נישט און וואונדערט זיך נישט, יונגערמאַן,—האָט דער דירעקטאָר ווידער געזאָגט, באַרואיקנדיק זיין איבערגעשראָקענעם פאַרשוין. — די זאַך איז גאַנץ איינפאַך און קיין איבערנאַטירלעכקייט איז דאָ נישט פאַראַן. איך וועל אייך געבן עפּעס געלט, וועט איר קויפן אַ פאָר פונט וואַטע. מיט דער וואַטע וועלן מיר אַרומלייגן און אַרומוויקלען אייער קערפּער, אייערע הענט און פיס און די אי-בעריקע גלידער, און אויסמייסטרעווען אויף אייך, וואו מען דאַרף, אַלערליי מוסקולן, אַ ברוסטקאַסטן, מיט די אמתע ליטקעס... אויף דעם אַלעמען וועט איר אָנטאָן אַ טריקאָ. דעם טריקאָ וועלן מיר אָפּפאַרבן אויף שוואַרץ, אַזוי שוואַרץ, אַז מען וועט דאַרפן אָנרייבן אַ שוועבעלע, אייך צו זען. דערנאָך וועלן מיר אייך ווייזן עטלעכע

כּלים פון פראַנצויזישן אַטלעטן־קאַמף און איר וועט ביי אונז מיט מזל ווערן אַ גרויסער נעגערישער וועלט־טשעמפּיאָן. איבעריקנס, ווי הייסט איר?

— זעליק קרעפּלמאַן.

— פון היינט אָן וועט איר ביי אונז נישט מער הייסן זעליק קרעפּלמאַן, נאָר טשאַרלי דזשעקסאָן. גוט?

— גוט, — האָט דער הונגעריקער בחור געשאָקלט מיטן קאָפּ פון אויבן ביז אַראָפּ.

— וואָס אָנבאַלאַנגט גאַזשע, קאָנען מיר אייך מער ווי פינף זלאָטעס אַ נאַכט נישט געבן. זענט איר מסכים?

— מסכים, — האָט דער קינפּטיקער אַטלעט מיד געענטפערט.

— אַלזאָ, גוט. נאָך היינט ביינאַכט קאָנט איר ביי אונז אייער דעביוט מאַכן. איצט וועלן מיר אָנשרייבן אַ קאָנטראַקט.

אין קאָנטראַקט איז געווען געשריבן, אַז ער, זעליק קרעפּלמאַן, טרעט אַריין אַלס נעגערישער טשעמפּיאָן, אונטער דעם נאָמען טשאַרלי דזשעקסאָן. פינף זלאָטעס אַ נאַכט געהאַלט. ער, טשאַרלי דזשעקסאָן, טאָר זיך נישט דערוועגן ווענען עס איז די ערשטע טעג צו לייגן און צו באַזיגן אָן דער הסכּמה פון דעם זשורי. דאַקעגן מוז ער גע־האָרכזאַם זיין און לאָזן זיך לייגן פון יעדן איינעם, וואָס דער זשורי וועט באַפעלן. טשאַרלי דזשעקסאָן איז מחויב, ווען מ׳וועט אים הייסן, צו צעברעכן אַ פּוס, אויסלינקען אַ האַנט, צעשפּאַלטן דעם קאָפּ, צע־ברעכן די פּאָרענטשע, אַראָפּפאַלן פון דער עסטראַדע און לאָזן בלוט פון נאָז, אויף צו פלומרשט, נאַטירלעך. ער מוז אויך, ווען מען וועט דאַרפן, אַוועקלייגן אַ צווייטן, כאָטש יענער מעג זיין אַ ריז און אין דרייען שטאַרקער און ווילדער פון אים. לאָמיר זאָגן — דעם ווילדן אינדיאַנער מעק־מעקינגלי פון די דזשונגלעס.

ביי דעם פּונקט האָט זעליק קרעפּלמאַן ווידער געמאַכט אַ פאַר־וואונדערט פּנים מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן. נאָר דער דירעקטאָר האָט אים גלייך באַרואיקט. אַ קלאַפּ געבנדיק אים פריינטלעך איבער דער פּלייצע, אַז דער דאַרער בחור האָט זיך שיעור נישט צעשאָטן אויף שטיקלעך.

— שרעקט זיך נישט, יונגערמאַן, וועגן דעם וועלן מיר שוין באַוואָרענען פון יענעם צד... אגב, איז יענער אינדיאַנישער ריז פון דערזעלבער ראַסע, וואָס איר און הייסט פישל... עס וועט זיין, הייסט

עס, אַ קאַמף צווישן זעליק דעם נעגער און פּישל דעם אינדיאַנער, נאָר קיינער באַדאַרף עס נישט וויסן... ווייטער זענט איר מחויב אָנ־צושטרענגען אייער זכרון און גוט געדענקען, אין וויפל צייט, אויף וועלכן אופן און מיט וועלכן טריק איר אָדער יענער דאַרף געלייגט ווערן, אַנדערש קאָנט איר אונז נאָך קאַליע מאַכן דאָס גאַנצע קרעמל... איר דאַרפט אויך קאָנען אַרויסטרעטן מיט אַ פּראָטעסט, טומלען, שרייען, באַליידיקן זיך, פאָדערן רעוואַנש, וויינען, לאַכן — הכלל, אַלץ, וואָס מען וועט נאָר דאַרפן...

— נו, איצט גייט אייך געזונטערהייט און צום אָוונט צו זאָלט איר אַהערקומען, וועלן מיר אייך אַלץ צערעכט מאַכן, אויסדרעסירן, באַקענען אייך מיט אונזער היימישן רעפּאָרטער... און איר וועט האָבן אייער ערשטן אַרויסטריט.

* * *

אַ געפאַנגענער, וועלכער זיצט שוין 20 יאָר אין אַן איינזאַמער תפיסה, האָט אַזוי נישט געוואַרט אויף זיין באַפרייונג, ווי זעליק קרעפּלמאַן האָט געוואַרט אויף דעם אָוונט. פינף זלאָטעס! גאַנצע פינף זלאָטעס נאָך אַזאַ לאַנגן הונגער! די ערשטע קאָלאַציע וועט ער האָבן נאָך אַזאַ לאַנגן תענית! נאָר ביז צו דער נאַכט איז נאָך גאַנצע זיבן שעה! גאַנצע זיבן שעה הונגער און יסורים.

די גליקלעכע שעה איז געקומען.

דער גרויסער זאַל פון צירק איז שוין באַלויכטן פון אַ סך גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן. אָן אַ שיעור העלע פלעקן פון מענטשן־פּנימער האָבן געפינטלט אַרום, פון פּאַרטער ביז צו די העכסטע גאַ־לערקעס. מוזיק שפּילט אַ צערעמאָניאַל־מאַרש. אַ ריי פון האַלב־נאַקעטע פליישיקע מענטשן מיט אויסגעשטעלטע מוסקולן און ברוסטן טרעטן איינער נאָך דעם אַנדערן אין אַ פּראָצעסיע, ווי גרויסע פעט־אויס־געפאַשעטע פערד און טראָגן מאַסיוו זייערע לייבער אַרום דער אַרענע. צווישן זיי איז אויך אונזער באַקאַנטער זעליק קרעפּלמאַן, נאָר איר

וועט אים איצט נישט דערקענען, מחמת ער איז איצט אין צווייען דיקער געוואָרן, און שוואַרץ איז ער, ווי מען וואָלט אים אָפּגעטובלט אין אַ מקווה פון טינט.

באַלד שטייען אַלע אויף דער עסטראַדע און דער אַרביטער, אַ נידעריק, בייכיק פּאַרשוינדל, ווי אַ סאַמאָוואַרל, מיט כיטרע אוי־געלעך און אַ ווייס האַרץ און קורצע פיס רופט אויס יעדן איינעם ביים נאָמען, רעכנט אויס זיינע מעלות און פאַרדינסטן, דערציילט פון זיינע גרויסע גבורות, נצחונות און העלדישקייטן.

— טשאַרלי דזשעקסאָן! — רופט אויס דער אַרביטער מיט מער פּאַטאָס און רעקאָמענדירט דעם נייעם אַטלעט, ווי אַן אויסערגעוויינ־לעכע אַטראַקציע. — גרויסער וועלט־טשעמפּיאָן פון אַמעריקע! נאָר וואָס געקומען פון טראַנסוואַל, געקעמפּט אין טשיקאַגאָ, קראָקע, אין בוענאָס־איירעס, אין מיטל־אַפריקע, אין טאָקיאָ, גריצע, פּראַנקפורט, לוצק, כעלם, פּאַריז, קאַלקוטאַ,ביים נאָרד־פּאָל, אָסטראָווצע און אויף די קאַנאַרישע אינזלען... אין יאָר 1907 באַזיגט אויף דעם גרויסן וועלט־טורניר פון אַטלעטן אין באָמביי די באַרימטע וועלט־טשעמפּיאָנען אַלפרעד נאָסיג, מאַרק אוורעלי, גראַף טאָלסטאָי, לעאָניד אַנדרייעוו און ד״ר קלויזנער; באַקומט ביי אונז פאַר יעדן אַרויסטריט פינף הונדערט זלאָטעס מיט נײַנציק גראָשן; באַזיצט אַ סך מעדאַלן, פּריזן און אַן ערן־פּאַס, וואָס באַטרעפן אַ סומע פון אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר מיט פינף און דרייסיק סענט. אין יאָר 1910 האָט ער באַ־קומען דעם ערשטן נאָבעל־פּרייז פאַר זיין גראַנדיעזסטן און שענסטן קערפּער־בוי און דעם טיטל „דער שוואַרצער אַפּאָלאָ פון בעלוועדער״.

זעליק קרעפּלמאַן איז געשטאַנען, פאַרנומען די געהייבענע אַטעסטאַציעס פון דעם אַרביטער; זיינע טעמפּע גלעזערנע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט איבער דער גרויסער מאַסע יום־טובדיקע פּנימער, וואָס האָבן אים נייגיריק באַטראַכט פון אַלע זייטן. אַ נס, צוליב דער שוואַרצער פאַרב האָט מען נישט באַמערקט זיין טויט בלאַס פּנים. פון צייט צו צייט פלעגט זיך זיין אויסגעמאָגערטער הונגערי־קער קערפּער אַ וואַקל טאָן אויף די אָפּגעשוואַכטע פיס.

און דער אַרביטער רופט אַלץ ווייטער:

— זיין קאָלאָסאַלער קערפּער וועגט צוויי הונדערט קילאָ, נײַנ־ציק דעקא מיט זיבן הונדערט דראַכמעס! שפּילט מיט הונדערט־קילאָדיקע געוויכטער, ווי מיט אַרבעס. זיין עסן איז אומגעהויער: ער

עסט אויף 30 בולקעס, 60 זעמל, אַ פּיינקוּכן פון 6 שאָק אייער און ער טרינקט אויס 10 גלאָז מילך, 17 גלעזער קאַקאָאַ און 16 גלעזער שאָקאָלאַד פאַר איין פרישטיק!..

ביי זעליק קרעפּלמאַנען האָט אָנגעהייבן שטאַרק טריקענען דער גומען און חלשן דאָס האַרץ: אָט-אָט פאַלט עס אַרויס. אויף זיינע פאַרשמאַכטע און רויט-באַפאַרבטע ליפּן איז אַרויסגעטראָטן אַ שוים. די אונטערשטע ליפּ איז בײ אים אַרונטערגעפאַלן און געבליבן הענגען, ווי ביי אַן אָפּגעחלשטער שקאַפּע אין גרויסע היצן. און דעם אַרביטערס שטים הודזשעט אים אַלץ אין די אויערן און הודזשעט:

— צו מיטאָג עסט ער אַליין אויף אַ געבראָטענע גאַנז מיט צוויי געפּרעגלטע הינער, 5 טעלער בוליאָן, 5 אַרבוזן, אַ וואָגן פּרוכט, פאַרטרינקט מיט 118 פלאַש ביר, 16 שיסלען קאָמפּאָט. צום סוף עסט ער אויף אַליין אַ גאַנץ פעסל ליאָדעס.

זעליק קרעפּלמאַנען האָט געגעבן אַ צי פאַרן האַרץ, די פיס האָבן זיך אונטערגעבראָכן, דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט און אין די אויגן איז אים פינסטער געוואָרן שטאָק-נאַכט.

ער איז געפאַלן חלשות.

# דער זעלבסטמערדער.

(הומאָרעסקע).

עס איז שוין אודאי 4 אַ זייגער נאָך האַלבע נאַכט, און יצחק מאַסקילייסאָן, דער קאָרעקטאָר פון דער העברעישער צייטונג „כצפיחת בדבש”, קאָן נישט איינשלאָפן.

ער וואַרפט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, דאָס אייזערנע בעטל אויף די אויסגעקרימטע פיסלעך גייט כאָדאָראָם, סקריפעט, וויגט זיך און קרעכצט, ווי אַ קינפּעטאָרן.

וואָס איז די סיבה?

היינט אָוונט, זאת חנוכה, האָט ער געשפּילט אין קאָרטן און האָט פאַרשפּילט 73 זל.

בלויז איין אָוונט האָט ער געפּרוואווט זיין מזל, און—פאַרשפּילט!

73 זלאָטעס פאַרלוירן אומזיסט און אומנישט. און פאַרפאַלן, אויף אייביק פאַרפאַלן.

73 זלאָטעס! וואָס האָט ער נישט געקאָנט אויפטאָן מיט אַזאַ אוצר געלט?! ממש וואונדער!

מען האָט געקאָנט קויפן צוויי פּאָר שיך מיט קאַלאָשן, מיט אַ פּערטל טוך ווארעמע זאָקן! אָדער אָפּצאָלן דירה-געלט פאַר אַ האַלב יאָר! אָדער אַ גאַנץ לעבן איינמאָל אין יאָר גיין אין באָד; געבן אָדער אומבייטן דאָסדאָזיקע איינגעפאַלענע בעטל מיט דעם צעריסענעם שעניק אויף אַ שיין ברייט רחבתדיק בעט מיט דעם גוטן ווייכן מאַטראַץ אויף ספּרענזשינעס.

אַזוי פאַרגינט מען זיך נישט דאָס קלענסטע פאַרגעניגן, אַן איבעריקן ביסן אויפצועסן דערלויבט מען זיך נישט.

וואָרים אַן אייַנגעהאַלטענער איז ער, יצחק מאַסק ל'יסאָן... נישט אַזוי קאַרג, ווי אַן אויסגערעכנטער. זיין פּאַך איז אַזאַ, ער איז אַ קאַרעקטאָר און פאַר אַ דגוש איז ער אייך גרייט דורס זיין און פּאַר אַ גענזן-פיסל וועט ער גיין ביז בלוט.

אַ גרויסער מדקדק איז ער, אונזער העלד, און אַן אויסגערעכנ-טער. ער איז אַפילו קאַרג אין אַ וואָרט. אַ שווייגער, ווייל אַז מען רעדט, קאָן מען זיך אַמאָל אַרויסכאַפּן מיט אַ גרייז. און גרייזן האָלט יצחק מאַסקיליסאָן פאַר דאָס ערגסטע אין דער וועלט, און ווייל דאָס גאַנצע לעבן איז פול מיט גרייזן, איז ער אַ פּעסימיסט אויך.

אַ שרעקלעכער פּעסימיסט. די גאַנצע וועלט שטייט, מישטיינס געזאָגט, אויף איין „גענזן-פיסל" און דאָס לעבן איז נישט ווערט קיין „קאָמאַ".

דערציילט אים נישט קיין וויצן, מחמת ער וועט נישט לאַכן. אויף דעם בעסטן וויץ קוקט ער אייך אָן זייער בייז, באַטריבט, און ער זאָגט: „אַנטשולדיקט, וואָס איך לאַך נישט פון אייער וויץ: איך בין דאָך אַ פּעסימיסט.

און פּלוצלונג, נאַ דיר אַן אבידה פון 73 זלאָטעס! די מאָס פון פּעסימיזם איז אַריבער די ברעגעס. דאָ האָט ער דערזען באַשיינ-פּערלעך, אַז די וועלט איז אַן עמק הבכא, אַז דער סכום פון פאַר-געניגנס איז אַ סך הינטערשטעליק לגבי דעם סכום פון ליידן.

ווען ער וואָלט געוואונען 73 זלאָטעס—צי וואָלט זיין פרייד גע-ווען אַזוי גרויס, ווי איצט זיין צער? אָ, ניין!

יאָ, גערעכט איז דער גרויסער פּעסימיסט שאָפּענהויער: ווען אַ וואָלף עסט אַ שעפּסעלע, זענען די ליידן פון שעפּסעלע אַ סך גרעסער, ווי די הנאה פון וואָלף.

73 זלאָטעס!... עס איז אים נישט געגאַנגען! נישט געגאַנגען, כאַטש צערייס זיך! ווי אַ פאַרבאָרגענע פאַטאַלע קראַפט וואָלט אים אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל און געשריגן: „פאַרשפּיל! פאַרשפּיל! אַקעגן מזל קאָן מען נישט גיין!"

יצחק קערט זיך אום אויף דער צווייטער זייט, וויקלט זיך אונטער די קאָלדרע און טרייבט ווייטער זיינע פּעסימיסטישע געדאַנקען.

„אַ שלים-מזל בין איך! דאָס גאַנצע לעבן גייט מיר שלים-שלים-מזלדיק. דאָס גאַנצע לעבן בין איך אַ פאַרשפּילטער".

„יאָ, דאָס קאָרטנשפּיל — דאָס איז דאָס שפּיגעלע פון מיין גאַנצן לעבן. ערשט דאָ זע איך באַשיינפּערלעך, ווי דער שלים-מזל פאַרפאָלגט מיך און רודפט מיך עד חרמה."

יצחק פּרואווט טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן, נאָר די 73 זלאָ-טעס לאָזן אים נישט אָפּ.

ווי מיט אַ פייערדיקן פּרענט וואָלט עמעצער איינגעקריצט די-דאָזיקע פאַטאַלע ציפער אין זיינע געהירן און עס טוט אַזוי וויי.

ער האָט זיך ווידער איבערגעוואָרפן אויף דער צווייטער זייט, אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט דעם נאַסן שטערן, ווי ער וואָלט וועלן מיט די פינגער אָנטאַפּן דעמדאָזיקן דעם וויטיק.

73 זלאָטעס!

אַך, ווען מען קאָן אַריינלאָזן אַ צוועגל אין מאַרך אַריין און אַרויסרייסן דידאָזיקע ציפער, ווי מען רייסט אַרויס אַן אָנגעווייטיקטן צאָן!

„ווי זאָל איך מיט מיין מזל קעמפן? זאָל איך מאָרגן ווידער שפּילן? און וואָס וועל איך טאָן, אַז איך וועל ווייטער פאַרשפּילן? וואו איז די גאַראַנטיע, אַז איך וועל געווינען? אַז ער שטייט הינ-טער מיינע פּלייצעס, אָט דער בייזער מעפיסטאָ און לאַכט, לאַכט, לאַכט...

ניין! ער וועט איבער מיר לאַנג נישט חוזק מאַכן, דער בייזער גורל מיינער! ער וויל מיין לעבן מאַכן פאַר אַ קייט פון ליידן און דורכפאַלן און מפּלות. אָ, ניין! מיט איין זאַך וועל איך דיך מנצח זיין! איך וועל מיר דאָס לעבן נעמען, און דאַן, אָ, לאַך איך פון דיר — נישטאָ! אויס! איך לעב נישט, און טו מיר עפּעס!

זעלבסטמאָרד!

יאָ, עס איז געקומען די צייט, אַז איך אַליין זאָל איבעררייסן דעם פאָדעם פון מיין לעבן.

ער איז אויפגעשטאַנען, אָנגעצונדן אַ ליכט, איז צוגעגאַנגען צום ביכער-שענקל, האָט אַרויסגענומען שעקספּירן, האָט אויפגעמישט „האַמלעט" און אין דער שטיל געלייענט:

„זיין, אָדער נישט זיין?—דאָס איז די פראַגע.
איז ערלעכער צו טראָגן מיט געדולד די שווערע קלעפּ פון
בייזן מזל,
אָדער קעגן שטראָם פון לעבן אויפשטיין
און אַ סוף מאַכן צו אַלדע צרות?...

שטאַרבן... שלאָפן... ווייטער גאָרנישט...
וויסן, אַז אין שלאָף וועט קומען די רפואה
צו אַלע ווייטיקן פון הארצן
און צו טויזנטער ענינים,
וואָס דעם גוף קומט אויס צו טראָגן...
שטאַרבן... שלאָפן..."

ער האָט אָװעקגעלייגט שעקספּירן, גענומען דעם „מעבר-יבוק" און גענומען ווידער לייענען מיט זייער אַ צעבראָכענער שטים:

„וואָס איז דען דאָס לעבן? אַ נאַרישער חלום? און וואָס איז דען דער מענטש? אַ שאָטן, וואָס פאַרשווינדט, אַ פייגל, וואָס פאַרפליט, אַ גרעזל, וואָס פאַרוועלקט, אַ ליכט, וואָס גייט אויס... וואָס איז דאָס לעבן, אויב נישט אַ קייט פון מי און יסורים, פון אנגסט אוןליידן?.. צו וואָס די מי? צו וואָס די ליידן, ווער קאָן עס אַנטשיידן?.."

עס איז אים פלוצלונג לייכטער געוואָרן. די ציטאַטן האָבן אים בארואיקט און אָנגעסטראָיעט זיין גאַנץ וועזן צו דער שרעקלעכער טאַט, וועלכע איז אייגנטלעך גאָרנישט שרעקלעך.

מאָרגן, תיכף באַגינען, וועט ער צוגיין דאָ אַנטקעגן אין אַן אייזנגעשעפט. ער וועט קויפן אַ האָק. אַ שטריקל האָט ער און — וועט זיך הענגען. מאָרגן אין אָט דער צייט וועט ער שוין נישט זיין. עס וועט פאַרשוואונדן ווערן זיין „איך" צוזאַמען מיט דער פאַרשאָלטענער ברענענדיקער גאַנגרענע-ציפער 73 און עס וועט אים ווערן אַזוי לייכט, גרינג, רואיק, שטיל. ער וועט קומען, דער טויט, דער זיסער טויט. איז דען דער טויט זיס אָדער ביטער? וואָס פאַר אַ טעם האָט דער טויט? האָט ער עפּעס אַ טעם? ניין, דער טויט האָט נישט קיין טעם. ער איז נישט זיס און נישט ביטער, נישט זויער, נישט מיִעס, נישט הייס און נישט קאַלט און נישט לעבלעך. גאָרנישט-נישט.

די זיסע, ליבע, רואיקע נירוואַנאַ. דאָס ליבע, זיסע, רואיקע גאָרנישט-נישט!

* *
*

אין פענסטער האָט אַריינגעקוקט אַ גרויער ווינטערדיקער באַגינען. יצחק איז אויפגעשטאַנען, געגומען אָנטאָן דעם אנצוג און געטראַכט אַלץ, וואָס אַ זעלבסטמערדער דאַרף טראַכטן. למשל: „דאָס לעצטע מאָל טו איך אָן די הויזן". ביים פאַרבינדן די שנירלעך פון די שיך האָט ער געטראַכט: „זאָל איך מאַכן אַ קניפּל אָדער אַ שלייף? דאַכט זיך, אַז היינט קאָן איך שוין די שיך פאַרבינדן מיט אַ קניפּל, וואָרים איך וועל זיי שוין נישט דאַרפן אויפבינדן". ביים אַרויסגיין אויף דער גאַס האָט ער געטראַכט, אַז דאָסטאָיעווסקי איז גערעכט, ווען ער האָט באַמערקט, אַז אַ מענטש פאַרן טויט באַמערקט אַזעלכע קלייניקייטן, וואָס אַ געוויינלעכער מענטש באַמערקט עס נישט. זייער פּסיכאָלאָגיש. אָט באַמערק איך אויך, אַז ביי דעם סטרוזש איז אַ נייער בעזעם און אַז אויף דער שילד פון „סקלאַד אַפּטעטשני" פעלט אַן אות.

די קראָמען זענען נאָך געווען פאַרמאַכט. ער האָט אָנגעשטעלט זיין פאַלש-קאַראַקולענעם קאָלנער פון אַלטן מאַנטל און גענומען שפּאַצירן פאַרביי דעם געשעפט פון אייזן און שטריק. 9 אַ זייגער האָט מען געעפנט דאָס געשעפט, אַרויסגערוקט די שטאָרן און דער פּעסימיסט האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים פענסטער און אָנגעהייבן באַטראַכטן די האָקעס, וואָס זענען געווען אויסגעלייגט: גרויסע, קליינע, אייזערנע, מעשענע...

אָט מיט דעם קליינעם האָק קאָן מען אין אַ 10 מינוט אַרום מאַכן אַ סוף צו אַ לעבן. צו אַ גאַנץ לעבן. צו מיין טרויעריק לעבן, וואָס איז מיר שטענדיק נישט צום האַרץ... און נאָך וויל מען, אַז איך זאָל נתפּעל ווערן פון לעבן און נישט זיין קיין פּעסימיסט!

דערנעבן האָט מען אויפגעעפנט אַ צווייטן מאַגאַזין פון קאָלאָניאַל-סחורות. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ באַלכסין-בליק אויף דעם צווייטן פענסטער און דערזען אַ גרויסע מענגע פון אַלערליי מאכלים און פּרוכטן: עפּל, פייגן, טייטלען, קאָנסערוון און אַנדערע.

ביסלעכווייז, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, איז ער איבער-געגאַנגען צו דעמדאָזיקן פענסטער און גענומען אַראָפּלייענען די פּרייזן

און איז געקומען צום באַשלוס, אַז פייגן זענען היי־יאָר ביליק. ער איז אַריין אין געשעפט און געקויפט אַ קרענצל פייגן, אַריינגעלייגט עס אין קעשענע און איז אַוועק אין זאַקסישן גאָרטן.

אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געגאַנגען איבער די זייטיקע אַלעען, געשלעפט פייגן פון קעשענע, געלייגט אין מויל און געקייט בשתיקה, פאָרזיכטיק, מיט פאַרמאַכטע ליפן, אַז פאַרבייגייער זאָלן עס נישט באַמערקן

## זיין ווייב פאָרט אים היינט אַוועק.

אַז יערזשי ראַפּאַלקין האָט זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט אין בעט, האָט ער צום אַלעם ערשטן דערפילט עפּעס אַן אנגענעם געפיל, ווי אַ וואַרעמע האָניק-זיסע כוואַליע וואָלט אים אַ שלאָג געטאָן אונטערן לעפעלע פון האַרצן. ער האָט נאָך אַליין רעכט נישט געוואוסט די באַדייטונג, נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאַנט:

זיין ווייב, זיין העלענקע, פאָרט היינט אַוועק! אויף גאַנצע זעקס וואָכן פאָרט זי אַוועק קיין אויסלאַנד אויף קוראַציע!..

זיין פּנים האָט זיך צעשטראַלט, ווי אַ קוואַרץ-לאָמפּ. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט... קעגנאיבער אויפן צווייטן בעט איז שוין זיין ווייב נישט געווען. משמעות, זי איז אין עס-צימער און מאַכט זיך גרייט אין וועג. איצט קאָן מען פרייער אויסדריקן די גרויסע שמחה, וואָס פּוישט און זידט אין אים, ווי סאָדע-וואַסער און וואָס מען דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן, דאָס איינצוהאַלטן. ער האָט געבראָכן די הענט, כיכיקעט אין די הויפּנס און זיך אונטער־געהעצקעט אויף דעם מאַטראַץ מיט ספּרענזשינעס.

— היינט! היינט פאָרט זי אַוועק! ער האָט שוין אַפילו פאַר איר געכטן אַ בילעט געקויפט. שאַ נאַר, וואו איז דער בילעט?

ער האָט זיך אָנגעבויגן צום שטול, וואו ס'איז געהאָנגען זיין מאַרינאַרקע, אַרויסגענומען דעם בילעט פון קעשענע און גענומען עס באַטאַפּן, שפּילן און צאַצקען זיך דערמיט, ווי אַ פרומער ייד מיט אַ הדרדיק אתרוג.

— טייער, גאָלדן בילעטעלע מיינס! לאַנג לעבן זאָלסטו!

אין ער האָט עס אַ קוש געטאָן, ווי אַ טרייע זיסע ליבעס-פאָטאָגראַפיע.

דאָרט, אין עס-צימער, האָט זיך דאָס ווייב געפּאָרעט מיט אירע זאַכן. די אַרבעט איז געגאַנגען פרייליך און האָפערדיק, ווי ביי אַ פריילעכן מאַרשאַלעק, וואָס פּאָרעט זיך אַרום אַ רייכער חופּה-וועטשערע. אין מוח האָט געשפּרודלט דער פריילעכער געדאַנק, אַז היינט פּאָרט זי אַוועק... אויף גאַנצע זעקס וואָכן פאָרט זי אַוועק קיין אויסלאַנד, קיין פראַנצעזנסבאַד. די שכנים וועלן צעזעצט ווערן, די קאָלעזשאַנקעס וועלן צעפּוקעט ווערן... די פּיס אירע האָבן אונטערגעטאַנצט טשאַרלסטאָן און דאָס מויל האָט שטילערהייט, דער מאַן זאָל נישט הערן, אונטערגעזונגען דאָס לעצטע דזשאַז-לידל:

„ווי אַזוי מאַכסטו דאָס?
און פון וואַנען האָסטו דאָס?
און גיב מיר אויך אַ שטיקל!"

יערזשי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. עפּעס אַ מאָדנע לייכטקייט האָט ער געפילט אין אַלע גלידער. קיינמאָל האָט ער אין פרימאָרגן נישט געפילט זיך אַזוי לייכט, ממש ווי אַ פעדער. ווען ער וואָלט איז אַזאַ שפּרונג אויף אַ ספּאָרט-פּלאַץ, וואָלט ער באַקומען דעם ערשטן פּריז. מאָדנע שפּילעוודיק איז היינט צוגעגאַנגען דאָס אָנטאָן זיך. אַלץ האָט געזונגען אונטער די הענט. און ער האָט אונטערגעפּייפט שטיל, אַז דאָס ווייב זאָל נישט הערן, דאָס לעצטע שלאַגער-לידל פון קאַבאַרעט.

— „שאַדאַי, פאַן! ניץ ניע גאַדאַי, פאַן!"..

המ... אויף גאַנצע זעקס וואָכן פּאָרט זי אַוועק. זעקס וואָכן וועט ער זיין אַליין... אַליין... און זי וועט זיין ווייט... ווייט... אין פראַנצעזנסבאַד. מען דאַרף אַהינפאָרן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און נאָך אַ טאָג... און דריי גרענעצן... לאַנג לעבן זאָל דער ד"ר טרייבעל. ער האָט עס מיר צוגעדינט. — אמת, עס האָט מיר געקאָסט 25 דאָלאַר, אים אונטערצוקויפן... אָבער ס'האָט געלוינט.

ער איז אַריינגעקומען אין עס-צימער און זיך געזעצט צום פרישטיק. מאַן און ווייב זענען ביידע געזעסן ביים טיש, ווי אבלים, וואָס דער מת איז נאָר וואָס אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון שטוב.

פון צייט צו צייט האָט ער געטאָן אַ זיפץ, וואָס איז דער טייטש:

— ווי שווער איז די צעשיידונג!

אויף וואָס זי האָט אויך געענטפערט מיט אַ זיפֿץ, וואָס איז דער טייטש:

— און מיר אויך.

— נו, וואָס הערט זיך, מיין טייערע? — האָט ער געפרעגט מיט אַ קול, פול מיט אומענדלעכן יאוש און צעבראָכנקייט.

— איך בין שוין באַלד פּאַרטיק, — האָט זי געענטפערט מיט אַ קול פון לויטער אומעט און וועלט־שמערץ — איך באַדאַרף נאָר אַ צוויי־דריי וואַליזעס, אַ האַנט־רענצל, אַ פּלעד, אַ טערמאָס, אַ רייזע־מאַנטל און עטלעכע אַנדערע קלייניקייטן. וועסט עס מיר היינט באַזאָרגן, ליבינקער?

— הייסט עס, אַז דו פאָרסט טאַקע? — האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפֿץ, וואָס קען רירן אַ שטיין.

— אַ ברירה האָב איך, דער דאָקטאָר הייסט, — האָט זי אויך געענטפערט מיט אַ שווערן קרעכץ.

— מנע, מען דאַרף גיין באַזאָרגן דיר דיינע זאַכן, — האָט ער געזאָגט מיט א טאָן, ווי איינער, וואָס דאַרף גיין אַרויסנעמען אַ צאָן — און זיך אַוועקגעשלעפּט צו דער טיר.

אויף דער גאַס האָט יערזשי געגעבן אַ טרייסל מיט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די שווערע לאַסט פון טרויעריקייט, וואָס ער האָט געדאַרפט טראָגן אויף זיך לפנים, און זיך צעשמייכלט. דער טאָג איז דווקא געווען אַ טריבער, אַ נאַסער. עס האָט נודנע גערעגנט. נאָר יערזשי האָט עס נישט באַמערקט. פאַר אים איז דער טאָג געווען אַ הערלעכער, אַ זוניקער, אַ ליכטיקער... אַלע מענטשן זענען היינט אַזוי מילד און סימפּאַטיש. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער געכאַפּט אָט דאָ אינמיטן גאַס אַ טענצל.

אָט איז שוין דאָס געשעפט פון טשעמאָדאַנעס. ער קומט אַריין און זאָגט צום קרעמער:

— זייט אַזוי גוט, גיט מיר צוויי גוטע וואַליזעס מיט אַ האַנט־רענצל. מיין פרוי פאָרט היינט אַוועק קיין אויסלאַנד! אויף גאַנצע זעקס וואָכן פאָרט זי אַוועק... קיין פראַנצעזנסבאַד.

דער קרעמער, וואָס האָט בלויז געהערט די ערשטע ווערטער,

האָט אַראָפּגעכאַפּט צוויי טשעמאָדאַנעס פון דער פּאָליצע, אויסגעשטעלט פאַרן קונה און געזאָגט דעם פּרייז.

יערזשי האָט זיך נישט געדונגען, האָט איינגעצאָלט, געכאַפּט די וואַליזעס, ווי מען כאַפּט אַ פּאָר טייערע קינדער פון אַ שרפה אַרויס און זיך געלאָזט לויפן.

— אפשר אָפּשיקן עס אייך אַהיים?—האָט דער קרעמער געפרעגט.

— אַהיים? —האָט יערזשי ראַפּאַלקין איבערגעפרעגט. — נאָך וואָס? צו וואָס זאָלט איר זיך מטריח זיין? איך וועל שוין אַליין נעמען... איך דאַרף עס היינט אומבאַדינגט האָבן.

— מיר קענען עס אייך נאָך היינט צושטעלן.

— אויף פיר אַ זייגער?

— אויף פיר אַ זייגער.

— עט, איך וועל עס בעסער אַליין נעמען. איר קענט נאָך, חלילה, פאַרגעסן... צוואָס איינשטעלן? אַדיע!

ביז מיטאָג איז ראַפּאַלקין אַרומגעלאָפן איבער די געשעפטן. דער באַרג מיט סחורות, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך, איז מיט יעדן געשעפט געוואַקסן. צו מיטאָג־צו איז ער שוין געווען אָנגעלאָדן, ווי אַ קעמל, מיט אַזאַ באַרג חפצים, וואַליזעס, רענצלעך, פּעקלעך, וואָס פאַר אַן אַנדערן וואָלט עס געווען אַ משא־כבדה. פאַר אים איז עס אָבער געווען לייכט, ווי אַ פעדער. האָפּערדיק, מונטער איז ער געלאָפן, ווי אַ יונגער לאָשעק און געטראָגן די פּעק, אונטערזינגענדיק דעם מאַרש פון „ווילהעלם טעל” און מיט אַזאַ שמחה, ווי אַן אָרע־מאַן, וואָס טראָגט אַהיים אַ גרויסן לאָטעריע־געווינס.

מאַן און ווייב האָבן זיך געזעצט עסן דעם לעצטן מיטאָג. טרויעריק האָבן ביידע געזופּט דעם זופּ און דאָס ווייב האָט גע־טראַכט:

„5 אַ זייגער מיט 10 מינוט גייט אָפּ דער צוג. זי זאָל נאָך, חלילה, דעם צוג נישט פאַרשפּעטיקן. מען דאַרף זיך צוויילן. עס פּאַסט זיך אָבער נישט צו אײַלן, עס זאָל נישט אויסזען, ווי זי אײַלט זיך אַוועק־צופאָרן.

דער מאַן האָט געטראַכט:

„5 אַ זייגער מיט 10 מינוט גייט אָפּ דער צוג. זי זאָל נאָך, חלילה, נישט פאַרשפּעטיקן. נאַטירלעך, ווען זי פאַרלאָזט זיך אויף מיר, וואָלט זי דעם צוג זיכער נישט פאַרשפּעטיקט... נאָר איך וועל

דאָך זי נישט גיין יאָגן... אדרבא, איך וועל מיך מאַכן אַפּאַטיש און גלייכגילטיק. איז ווידער נישט גוט: אַז איך וועל נישט דערמאנען, קען זי נאָך מיט אירע ווייבערשע הכנות טאַקע פאַרשפּעטיקן... פרעגט זיך: ווי מאַכט מען, אַז איך זאָל זי נישט יאָגן און צום צוג זאָל זי נישט פאַרשפּעטיקן?.. אפשר זאָל איך איר אזוי סתם, כּלאחר־יד דערמאנען, אַז איר צוג גייט אַוועק פּונקט 5 אַ זייגער מיט 10 מינוט און טאַקע באַטאָנען, אַז די צוגן גייען היינט זייער פּינקטלעך... פּאַסט ווידער נישט... איך קען, חלילה, אין דער לעצטער מינוט זיך פאַרראַטן... אדרבא, איך וועל גאָר מאַכן דעם אָנשטעל, אַז הגם איך ווייס געגוי, ווען דער צוג גייט אַוועק, מאַך איך זיך אומישנע פאַרגעסן, כּדי זי זאָל מיינען, אַז איך האָב גאָרנישט דאַקעגן, אַז זי זאָל פאַרשפּעטיקן דעם צוג..."

— וואָס ביזטו אַזוי פאַרזאָרגט? — האָט דאָס ווייב אים איבערגעשלאָגן די רעיונות.

— ווי מיינסטו, עס איז מיר זייער אנגענעם צו בלייבן אָן דיר, מיין טייבעלע? בלייבן עלנט ווי אַ הונט!

— אָבער מען דאַרף זיך דאָך נישט נעמען אַזוי צום הארצן. אַ נאָוויינע, אַז אַ ווייב פאָרט אַוועק אויף קוראַציע. סך־הכּל אויף זעקס וואָכן.

— זעקס וואָכן איז ביי דיר גאָרנישט און ביי מיר איז עס אַן אייביקייט...

— וועל איך מאַכן די קוראַציע קירצער... זיין גענוג פיר וואָכן.

— חלילה! וואָס רעדסטו!?—האָט ער זיך צעבייזערט מיט גרויס צערטלעכקייט. — אַז דער דאָקטאָר הייסט זעקס וואָכן, מוז מען זיין זעקס וואָכן... איך וויל טאַקע, דו זאָלסט נעמען אַ פולע קוראַציע. און טאָמער וועסטו דאַרפן דאָרט ערגעץ האָבן אַ נ אָ ך־ק ו ר, זאָלסטו זיך גאָרנישט קרעמפּירן: נעם זיך אַ נאָך־קור אויך. און טאָמער וועט זיך דיר פאַרגלוסטן נאָך דעם נאָך־קור נעמען נאָך אַ נאָך־קור, זאָלסטו נאָך נעמען מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. וואָס, איך זשאַלעווע דיר דען, חלילה?

— אַ נאָך־קור קען איך דאָך נעמען דאָ.

— פאַרוואָס עפּעס דאָ, קינדעניו, אַ נאָך־קור איז אויך גוט נאָר אין אויסלאַנד. שפּילסט זיך מיט אויסלאַנד! מיט אויסלענדישער קולטור און קוראַציע, מיט אויסלענדישער טעכניק!

— כ'מיין, אַז דו ווילסט,—האָט דאָס ווייב געענטפערט מיט אַ טאָן פון רעזיגנאַציע,—איך טו דאָס דען פאַר מיר? אַלץ פאַר דיר... פאַר דיר...

צו דער ריכטיקער מינוט איז מען שוין געווען פאַרטיק. אַ גרויסער באַרג געפעק האָט זיך געטורעמט ביי דער טיר. ראַפאַלקין איז אַראָפּגעגאַנגען נאָך אַן אויטאָ. נאָר נישט אַלע אויטאָס האָבן ביי אַ ם נושא חן געווען. איין אויטאָ האָט געהאַט אַ ראָד מיט אַ שטאַרקן חשד, עס זאָל נישט אויסהאַלטן. אויפן וועג צו דער באַן קען עס נאָך, חלילה, פּלאַצן און מען זאָל פאַרשפּעטיקן דעם צוג. פון אַ צווייטן אויטאָ איז אים נישט געפעלן געוואָרן דער שאָפער. ער איז, דאַכט זיך, שיכורלעך. ווער ווייסט, וואָס עס קען נאָך געשען פאַר אַ קאַטאַסטראָפע, מען קען נאָך געהרגעט ווערן און... דאָס ווייב קען נאָך פאַרשפּעטיקן דעם צוג... ערשט דער דריטער אויטאָ איז אים געפעלן געוואָרן. אַ שטאַרקער אויטאָ, דאַכט זיך—אַ „קאַדי־ליאַק" אָדער „אַ ראָל־ראָיס". ביז דער באַן וועט ער אַוודאי דערציען.

אין אויטאָ איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק: מען דאַרף איר גאָר זאָגן, פון העפלעכקייט וועגן: „לאָמיר פאָרן צוריק. וועסט פאָרן אין אַ וואָך אַרום"... זאָל זי זען, אַז איך בין נישט להוט נאָך איר אָוועקפאָרן. נאָר באַלד האָט אים אַ צווייטער געדאַנק אַ ברי גע־טאָן: „משוגע מיינע שונאים! זי קען נאָך, חלילה, מסכים זיין. דו קענסט נישט די ווייבער. מען דאַרף עס נישט זאָגן. מען דאַרף בכלל גאָרנישט זאָגן. ווער הייסט מיר זאָגן. זיץ און שווייג און זיפץ. לאַנג וועסטו זיך שוין נישט פּלאָגן".

אָט איז דער פעראָן און אָט איז דער צוג. אַ לאַנגער, אַ גלאַנציקער, אַ רואיקער, איינגעשפּאַנט אין אַ גרויסן לאָקאָמאָטיוו.

— מלאך הגואל מיינער!—האָט ער אַ מורמל געטאָן, אַ גלעט טוענדיק בשתיקה דאָס גלאַטע ווענטל פון וואַגאָן. — ווייסט, ווען דו פירסט אַוועק?

— וואָס מורמלסטו דאָרט? — האָט דאָס ווייב געפרעגט.

— גאָרנישט, איך זאָג צום צוג: „מלאך־המות, מיינער!"

דער קאָנדוקטאָר האָט דערלאַנגט אַ הויכן פייף, וואָס האָט געקלונגען אין ביידנס אויערן, ווי די זיסטע מוזיק. מאַן און ווייב זענען געפאַלן אויף די העלזער. און מחמת איין פּנים האָט נישט

געזען דאָס צווייטע, האָבן ביידנס פּנימער שעלמיש געשמייכלט און געזשמורעט מיט אַן אויגל.

דער צוג האָט זיך גערירט און איז אַוועק. ראַפּאַלקין איז געבליבן שטיין, געפּאָכעט מיט דער האַנט און ווען דער צוג איז שוין געווען אַ קליין פּינטעלע, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין:

— אַוועקגעשוואומען... באַלד וועט ער זיין ווייט פונדאַנען... אין אַ שעה אַרום—נאָך ווייטער... אין צוויי שעה אַרום—נאָך ווייטער... און אַזוי ווייטער און ווייטער... צוריק וועט זיך דאָך דער צוג נישט אומקערן... האַ?.. וואָס מער ער גייט אַהין, אַלץ מער איז ער דאָך דאָרטן... דאָרטן... ווייט פונדאַנען... האַ? ער וועט דאָך צוריק נישט גיין!..

און איבערצייגנדיק זיך, אַז דער צוג וועט בשום אופן נישט אָנהייבן גיין צוריק, איז ער אַרויס פון וואָקזאַל. פאַרן אָפענעם פּלאַץ איז ער געבליבן שטיין. דער פּלאַץ איז, דאַכט זיך, געוואָרן גרעסער, דער הימל פרייער, ברייטער...

און ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס מענטשן גיבן אים נישט אָפּ מזל-טוב.

## פון באַגינען ביז צום אָוונט אויפן
## „שויס פון דער נאַטור".

— וואָס פאַר אַ שיינער הערלעכער זומערדיקער באַגינען!

אַזוי האָט אַרויסגעזאָגט נחום-לייב, אויפכאַפנדיק זיך אין בעט אויף דער דאַטשע „גרינער קשאַק".

ער האָט אויסגעריבן די אויגן, זיך אָנגעטאָן אין זיין לייכטער פּיזשאַמע און איז אַרויס אויף דער וואַרענדע.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף גאָטס וועלט, אויף דער זאַפטיקער באַטויטער שפע פון גרין-באַוואקסנקייט, דורכגעשפּרינקלט מיט אַלערליי בלימלעך (מסתמא רויזן), האָט אָנגענומען פולע לונגען מיט קילבלעכער שאַרפער באַגינען-לופט און אַרויסגעזאָגט מיט גרויס מתיקות, ווי נאָך אַ גוטן טרונק וויין:

— אַ—אַ! באַלזאַם!

צווישן דיביימער האָבן געשווישטשעט און „געקאַלאַראַטורעוועט" פאַרשידענע פייגלען (מסתמא, נאַכטיגאַלן), און מיט אַזויפיל פלייס און התמדה און געפיל, פונקט ווי זיי וואָלטן האַלטן אַן עקזאַמען אויף אַ חזנים-קאָנקורס אין אַ גרויסער שול.

זיי צו באַגלייטן האָבן מיליאָנען פייגעלעך און זומער-פייגעלעך און אַלערליי אַנדערע ווידמענונגען געהודזשעט און געזשומעט, ווי זיי וואָלטן „ציען אַ טאָן" און אונטערהאַלטן דאָס „פייגל-זאַגעכץ".

נחום-לייבס געמיט האָט זיך צעוויגט פון אינערלעכן גליק. אומבאַגרענעצטע קאָסמישע ליבע האָט אַרומגעכאַפּט זיין נשמה. אין יענער רגע איז ער גרייט געווען אַרומצונעמען די גאַנצע וועלט און אויסקושן איר אַלע גלידער.

זיינע ליפּן האָבן ווי פון זיך אַליין געמורמלט אַ פרימאָרגן־תּפילה:

— אָ, גאָטעניו! ווי שיין דיין וועלט איז! אין אַזאַ פרימאָרגן איז כּדאי צו לעבן אויף דיין וועלט. איך דאַנק דיר, רבש״ע, וואָס דו האָסט מיר אַריינגעגעבן אַ חוש צו פילן די שיינקייט און הער־לעכקייט פון דיין נאַטור.

דורכגעדרונגען מיט דידאָזיקע געפילן פון התפּעלות און באַ־גייסטערונג, האָט ער דורכגעשפּאַצירט דאָס נאָר וואָס אויפגעוואַכטע וועלדל, דורכגעשמועסט זיך מיט די שטראַקן פון דער נאָר וואָס אויפגייענדיקער זון, און זיך אומגעקערט צו דער וואַרענדע, וואו עס האָט שוין אויף אים געוואַרט דאָס געשמאַקע גלאָז קאַקאַאָ מיט פרישן שטרודל.

ער האָט אַ זופּ געטאָן דעם קאַקאַאָ, אַ ביס געטאָן פונם שטרודל און געזאָגט:

— און דאָס לעבן איז דאָך אַזוי הערלעך! אין אַזעלכע מינוטן ווילט זיך לעבן, און לע—...

— לעבער! לונגען! — האָט אים איבערגעשלאָגן אַ פּאַרפלעקטער ייד מיט אַ קאָשיק. — פּאַניע! אפשר דאַרפט איר פלייש, הינער, שפּאָנדרע!

— רעטעך! פרישע רעטעכער! — האָט נאָך אים געררופן אַן אָנ־געפּעלצטע יידענע מיט אַ גרויסן קויש.

— פליגנפּאַפּיר! פּעטער, אפשר דאַרפט איר פליגנפּאַפּיר?!

— אוגערקעס, אוגערקעס!

אין איין מינוט איז די וואַרענדע פול געוואָרן מיט יידן, ווייבער און קאָשיקעס. נחום־לייב, וואָס איז פול געווען מיט מענטשן־ליבע און דערהייבענער שטימונג, האָט איינגעטענהט מיט די הענדלער:

— טייערע, ליבע האַרציקע פריינט מיינע. איך דאַרף נישט קיין הינער און נישט קיין שפּאָנדרע און נישט קיין פליגנפּאַפּיר.

נאָר וואָס מער ער האָט מיט זיי איינגעטענהט, אַלץ מער זענען זיי צו אים צוגעשטאַנען, ביז ענדלעך האָט ער געמוזט קאַ־פּיטולירן און איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער.

ווען ער איז אַרויס צוריק אויף דער וואַרענדע, איז שוין

קיינער נישט געווען. דער קאַקאַאָ איז שוין געווען קאַלט, דער שטרודל — פאַרשוואונדן. ער האָט אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— עס גייט שוין ווערן וואַרעמלעך, ס'וועט שוין ווידער זיין אַ הייסער טאָג... מאַ!.. און די פליגן — אַן אָנשיקעניש מיט די פליגן!..

— אַ צייטונג! פעטער, אַ צייטונג!—האָט אַ ייִנגל געשריען מיט אַ צעכראַשטשעטן קוויטש, ווי מען וואָלט אים געקוילעט.

נחום-לייב האָט גענומען אַ צייטונג, אויפגעוויקלט און גענומען לייענען.

ער האָט געלייענט דעם לייטאַרטיקל. אַ געזעלשאַפטלעך לייט-אַרטיקל. איין פאַרטייפירער האָט געשריבן וועגן אַ צווייטן פאַרטיי-פירער:

„דערדאָזיקער מנוול און פאַררעטער! דערדאָזיקער געשוויר אויף דעם געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם, דערדאָזיקער קעמפער, מחילה, וואָס קעמפט אין איין ריי מיט אַלע פינסטערע עלעמענטן און כוליגאַנעס!!.״

ער האָט איבערגעלאָזט דעם לייטאַרטיקל און אָנגעהייבן לייענען אַ צווייטן אַרטיקל — אַ ליטעראַריש-פּאָלעמישן אַרטיקל. איין שרייבער שרייבט וועגן אַ צווייטן שרייבער:

„ווער איז ער, אָט דער יאָלד אין קאַפּעלוש? ווער איז ער, אָט דער פלאַסקעדריגע? צי ווייס ער נישט, אַז מיר אַלע ווייסן, אַז זיין שוואָגער פּאַרקעט די נאָז מיטן גראָבן פינגער און אַז זיין פעטער גנבעט שמוציקע נאָזטיכלעך פון קעשענע און...״

ער האָט אַוועקגעלייגט די צייטונג, האָט אַ קוק געטאָן אויף דער נאַטור אַרום, אַ שמאָרע געטאָן מיט דער נאָז און געזאָגט:

— צי דאַכט זיך מיר דאָס, אַז די לופט איז דאָ נישט גאָר ריין... צו אַלדע רוחות, די באַלעבאַטים פון די דאַטשעס! מענטשן זאָלן האָבן אַ טבע צו בויען די מיסטקאַסטנס הארט ביי די דאַטשעס...

די דינסט האָט דערלאַנגט דעם פרישטיק. ביי דער „יאַיעטש-ניצע״ האָט די גוטע שטימונג אים ווידער באַהערשט. די נאַטור האָט ווידער באַקומען איר הערלעך אויסזען, נאָר אַ צעקנייטשטע הייזע-ריקע שטים האָט אים איבערגעשלאָגן:

— שענקטס אַ נדבה!

נחום-לייב האָט אַרויסגענומען אַ מטבע און געגעבן דעם בעטלער.

באַלד האָבן זיך אַ שאָט געטאָן בעטלער פון אַלע זייטן און אַ כאָר פון הייזעריקע, קוויטשעדיקע, שטאַמלענדיקע, כאָרכלדיקע, שצעפּליאַווע און פאַנפאַטע שטימען האָבן געהודזשעט פון אַלע זייטן. צענדליקער הענט האָבן זיך געשטרעקט פאָרויס.

— געטס עפּעס פאַר אַ קאַליקע, האַר-לעבן!

— שענקטס עפּעס אַ קראַנקן, איך האָב די סוכאָטע.

— שענקטס אַ נדבה! איך בין שוין אַן אַלטע בעטלערין.

— און איך בין עלטער! איך בין שוין 14 יאָר אַ בעטלערין...

— אַוועק, דו מכשפה! איך בין שוין אפשר צוואָנציק יאָר אַ בעטלערין.

— שענקטס אַ נדבה! איך בין, נעבעך, אַ משוגענע!

די גאַנצע חברה קבצנים האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף דער ווארענדע.

נחום-לייב איז אַנטלאָפן אין נאָענטן שטעלכל, אָפּגעוואַרט און ווידער אַרויסגעקומען. די קבצנים זענען שוין נישט געווען. דער פרישטיק איז פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט צוויי לעפל.

— האָב דיר! — האָט נחום-לייב זיך אַ בייזער געטאָן, אַ פּאָך טוענדיק מיט דער האַנט און הרגענענדיק אַ קאָמאַר. — האָסטו געזען אַ ביסל קאָמאַרעס! קומט דער זומער, איז נישט צו לעבן פון די קאָמאַרעס.

ער האָט זיך דערמאַנט, אַז ער דאַרף היינט עפּעס ערלעדיקן אין שטאָט דורכן טעלעפאָן און איז אַוועק אין נאָענטן פענסיאָנאַט קלינגען.

אַ מינוט צען האָט ער געדרייט, ביז דאָס טעלעפאָן-מיידל האָט באַוויליקט זיך אָפּצורופן. דאָס מיידל האָט אויפגענומען דעם נומער און געהייסן וואַרטן. אין אַ שעה אַרום האָט זי זיך אָפּגערופן און מודיע געווען: „זאַיענטאַ". אין אַ שעה אַרום האָט מען אים פאַ-רייניקט, נאָר דער נומער איז געווען אַ פאַלשער.

האָט ער ווידער באַשטעלט און ווידער געוואַרט. ער האָט אַרויסגעקוקט פון פענסטער און געטראַכט:

— וואָס פאַר אַ נודנע לאַנדשאַפט.

ענדלעך האָט מען אים פאַרייניקט מיט דעם ריכטיקן נומער, און איידער ער האָט גענומען רעדן, האָט דאָס טעלעפאָן-מיידל מודיע

געווען, אַז די צייט איז געענדיקט און — איבערגעריסן. נחום-לייב האָט אַ שפּיי געטאָן און איז אַוועק עסן מיטאָג אין אַ דערבייאיקן רעסטאָראַן, וואו מען גיט „געשמאַקע היימישע מיטאָגן בחצי-חנם, אויף אַ פּראַכטפולער ווארענדע, איינגעטונקט אין גרינס און אַרומגע-רינגלט מיט אַלע שיינהייטן פון דער נאַטור".

דער מיטאָג האָט אים נישט געשמעקט. די זופּ איז געווען קאַלט, דאָס ברויט — אַלט, דאָס וואַסער — וואַרעם. די פיש האָבן געהאַט אַ פאַרדעכטיקן ריח. אינם קאָמפּאָט האָט ער געפונען אַ פליג און דער קעלנער האָט געמאַכט אַ לינקן חשבון.

צווישן פיש און זופּ האָט אַ דאָקטאָר געהאַלטן אַ ריינ-דיקע רעדע און געזאַמלט אויף „בריאות"; צווישן זופּ און פלייש האָבן צוויי יידן געזאַמלט אויף „בקור-חולים" און צום קאָמפּאָט האָט אַ פריילן פאַרקויפט בילעטן אויף אַ לאָטעריע, וואו מען האָט גע-פּלעט אַ פלעשל קעלניש וואַסער, וואָס אַ היגער פריזירער האָט גע-שענקט צוליב וואוילטעטיקע צוועקן.

נחום-לייב איז אַוועק אַהיים. אונטערן האַרצן האָט אים גע-ברענט, ווי אַ שריפה. ער האָט גענומען אַ פּראָשעק סאָדע און זיך געלייגט אויפן ליגשטול צו כאַפּן אַ דרעמל. נאָר פּלוצלונג האָבן זיך צעלאָזן דריי גראַמאָפאָנען און פיר ראַדיאָס אויף אַלע כלים. עס האָבן זיך צוזאַמענגעמישט „הבן-יקיר" און „דולצינעציאַ", „אַאידאַ" און „פּייפּקע יאַסע", אַ לעקציע וועגן „יאַגעלאָ" און אַ נומער מיט געלעכטער פון „בים-באָם". עס האָט געכאָרכלט, געפּייפט, געברילט, געגרילצט, גערייטשעט, געבילט אויף וואָס די וועלט שטייט!

נחום לייב איז אויפגעשפרונגען און זיך געלאָזט לויפן.

נחום-לייב! נחום-לייב! וואָס לויפסטו? זע נאָר, ווער עס איז געקומען!

דאָס איז געווען דער פעטער שמואל און די מומע זלאַטע-גיטל. געקומען צו גאַסט...

— אַ—אַ! סאַר אַ געסט! — האָט נחום-לייב האַפּערדיק אויסגע-שאָסן מיט אַ קול, וואָס מען קען נישט וויסן, צי דאָס איז אַ יובל-געשריי אָדער אַ ווייגעשריי.

— וואָס-זשע מאַכסטו?

— וואָס זאָל מען מאַכן...

— און וואָס מאַכט איר?

— אָט מען מאַכט.
— ווי לעבט זיך דאָס?
— אָט מען לעבט...
— און וואָס הערט זיך?
— אָט עס הערט זיך...
— און וואָס הערט זיך ביי דיר?
— וואָס זאָל זיך הערן...

ביים „פּאָדוויטשאָרעק" האָט מען זיך ערשט צערעדט, און דאָ איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פעטער איז אַ רעדוצירטער פון דער שטעלע, און וויבאַלד אַז עס איז סיי ווי סיי נישטאָ וואָס צו טאָן, האָט ער זיך מיישב געווען און זיך אַריבערגעכאַפּט צו נחום-לייבן אויף דער דאַטשע—אַ שמעק טאָן פרישע לופט.

די מומע זלאַטע-גיטל איז פאַר אַן אָפּעראַציע. זי האָט, נעבעך, אַ גוז אין בויך, אפשר פון 15 פונט, באַדאַרף מען עס אויסשניידן. אין אַ וואָך אַרום דאַרף זי, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, גיין אונטערן מעסער, האָבן איר די דאָקטוירים געראַטן, זי זאָל זיך ערגעץ דורכפאָרן אויפן לאַנד, כּדי אָנצונעמען זיך כּוחות פאַר דער אָפּעראַציע. טאָ וואוהין-זשע פאָרט מען? פאַרשטייט זיך, צו אונזער נחום-לייבן.

— וועט מען ביי דיר כאָטש קאָנען שלאָפן?

און נחום-לייב ענטפערט מיט אַ שטים, וואָס אַז מען וויל, איז עס אַ שטים פון „אתּה הראית" און אַז מען וויל, איז עס „קינות".

— געוויס, געוויס! מיטן גרעסטן הדרת הכּבוד

• •
•

די זון האָט גענומען אַראָפּנידערן מיט אַזויפיל פּאַראַד און פייערלעכקייט, אַז אַלץ אַרום האָט זיך צעפלאַלט און צערויטלט, ווי נאָך אַ באָד. די לופט האָט זיך צעשמעקט מיט די טייערסטע ריחות. אויפן טונקעלן הימל איז אַרויסגעשוואומען אַ שטיקל לבנה, ווי אַ זילבערן שניידמעסער. מיט איין וואָרט, עס איז געווען איינער פון

די שענסטע זומערדיקע פאַרנאַכטן, נאָר נחום-לייב האָט עס נישט באַמערקט, מחמת ער איז געווען פאַרנומען מיט צוגרייטן געלעגערס פאַר דעם פעטער שמואל און דער מומע זלאַטע-גיטל מיט דעם גוז.

ביי איין שכן האָט ער באַקומען געבאָרגט אַ צונויפגעלייגט בעטל, ביי אַ צווייטן — אַ קאָלדרע, ביי אַ דריטן — אַ מאַטראַץ. ער האָט עס אַלץ געטראָגן, געשלעפּט, געריסן די הויזן ביי די שטע-כעדיקע דראָטן און געקרעכצט מיט גרויס פאַרביטערונג:

— נאַטור-שמור! זאָל יענעם נישט גוט זיין, ווער עס האָט דאָס אויסגעטראַכט! אַ וויסטע בייזע מהומה זאָל קומען אויף דער גאַנצער נאַטור מיט דיביימער, מיט דער פרישער לופט, מיט דער לבנה, מיט די גראָז. טפו!..

ערגעץ-וואו האָט געבילט אַ הונט, און נחום-לייב האָט געטראַכט פון זעלבסטמאָרד.

## אויף אַ באַנקעט פון אַ יובילײ.

דער באַנקעט, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט אין באַר דער „גאָלדענער שלײער" לכבוד דעם 20־יעריקן יובילײ פון דעם לירישן דיכטער נח הארפע, האָט זיך אָנגעהייבן מיט גרויס פּאַרנעם און פייערלעכן גלאַנץ.

דער גרויסער לאַנגער טיש האָט זיך געבויגן אונטער דער שווערער לאַסט פון זענעפט, זאַלץ און פעפער, ציינשטעכער און פּאַפּירענע סערוועטקעס.

אויף די טעלער אַרום זענען געווען אויסגעלייגט וויזיטקאַרטן מיט די נעמען פון די געסט, וואָס די אָרדענער צוזאַמען מיט דעם יובילאַר בראש האָבן מיט גרויס קלוגשאַפט און טיפער דיפּלאָמאַטיע אויסגעלייגט, כדי צו באַשטימען יעדן איינעם זיין געהעריקן און געוויפּאַסיקן פּלאַץ, און — אויף וועלכן יעדער איינער פון די געסט איז דאָך, ווי דער שטייגער, נישט געזעסן.

אויבנאָן איז געזעסן דער חתן היובל אַליין — דער לירישער פּאָעט נח הארפע. ער איז געזעסן אין זיין אָפּגעפּרישטן גראַנאַט־אַנצוג, אין אַ האַרטן, הויכן, ווי אַ מאַנקעט, שטייענדיקן קאָלנער, וועלכער האָט אומברחמנותדיק געשניטן דעם דיכטער אונטער דער געמבע און אין אַ פּאָר קאָלירטע גומענע מאַנקעטן, וואָס האָבן מיט גרויס עקשנות געריסן זיך פון די אַרבל אַרויס און וועלכע דער באַלעבאָס זייערער האָט זיי מיט נישט ווייניקער עקשנות געטריבן צוריק אין די אַרבל אַריין.

דאָס פריש אָפּראַזירטע פּנים האָט זיך געהנדלט מיט פיל אונטערטעטיקייט און מאַרטירערטום, ווי איינער זאָגט: „אייך האָט זיך

פאַרוואָלט נישט אַנדערש, ווי מאַכן מיר אַ יובילייַ — טאָ מאַכט. וואָס קאָן איך העלפן? איך בין ביי אייך אין די הענט".

דערפאַר האָבן די אויגן זיינע געקוקט אַזוי מיד ערשעפּט און נישט דערשלאָפן און האָבן פאַררעטעריש אַרויסגעגעבן אַ גרויסן סוד:

— „איר האָט דען אַ באַגריף, ווי אונזער באַלעבאָס האָט זיך דאָס אָנגעהאָרעוועט ביי דעמדאָזיקן באַנקעט?"

הארט ביי זיינע ביידע זייטן זענען געזעסן די גאָר בכבודיקע געסט: פון רעכטס—רעדאַקטאָר פייגלפיפּן, וואָס שטייט זייער נאָענט צו דער יידישער דיכטונג, מחמת ער האָט אַ ברודער, וואָס גיט אַלע אַלע יאָר אַרויס אַ וואַנט-קאַלענדאַר, און לינקס — דר. שפּילקע, וואָס שטייט אויך זייער נאָענט צו דער יידישער ליטעראַטור און דיכטונג, מחמת זיינער אַ שוואָגער האָט אַ פּאָר וואָנסעס, וואָס זענען זייער ענלעך צו פּרצס.

ווייטער זענען געזעסן די קרובים פון דעם דיכטער האַרפע, ווי אויך אַ פּאָר שדכנים, וואָס זענען פון דיכטער אַליין איינגעלאַדן געוואָרן, כדי זיי זאָלן צוזען זיין גדולה און פאַרנעם און וויסן, וואָס פאַר אַ שידוך אים אָנצומעסטן.

נידעריקער זענען געזעסן די שרעקלעכע פּובליציסטן, עסייאיסטן און קריטיקער, וואָס וואַרפן אַ מורא מיט זייער אָנוועזנהייט אויף יעדן שרייבער; נאָך נידעריקער—די ווייניקער שעדלעכערע שרייבער— די בעלעטריסטן, הומאָריסטן און פּאָעטן, און גאָר אַרונטער זענען געשטאַנען די קליינע ליטעראַרישע און פּרעסע-טישלעך מיט די כראָניקער, רעפּאָרטערן, קיי און שפּיי, ווי אויך דער קאָמיוואָיאַזשאָר ציפּקין, וועלכער האָט אייגנטלעך אַ קנאַפּע שייכות צו ליטעראַטור, נאָר ער קען פריילעך מאַכן ביי אַ באַנקעט.

אין סאַמע ווינקל איז געשטאַנען, ווי אַ מיסטישער גולם דער צוגעדעקטער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט, אויף וועלכן די געסט האָבן געוואָרפן פון צייט צו צייט אַן אויג און טאַקע אין זינען געהאַט נישט דורכצולאָזן דעם ריכטיקן מאָמענט.

מען האָט געוואַרט אויף דער פאַראַדנער וועטשערע.

העכער-צו, צווישן די אָנגעזעענע געסט, איז אויך געזעסן אונזער שטרענגער און ביז גאָר אָביעקטיווער קריטיקער צמח באַקצאָן. ער איז געזעסן און געבלינצלט מיט זיינע ברילן-גלעזער איבער דעם גאַנצן עולם און געטראַכט.

— איך בין אַ קריטיקער, און דאַרף דעריבער אַלץ באַטראַכטן מיט מיין אַנאַליטיש-קריטישן בליק.

אַ זויערע אומצופרידנקייט איז אַראָפּגעהאָנגען פון זיין קרי-טישער אונטערשטער ליפּ און ער האָט געוואָרטשעט צו זיין שכן רעכטס:

— נאַ-נאַ, באַנקעטן אויף מיין קאָפּ... אַ מגפה פון יובילייען און באַנקעטן... יעדער איינער מאַכט זיך באַנקעטן... אזא אומפאַר-אַנטוואָרטלעכע הפקרות...

ער האָט נאָך היינט נישט געגעסן, דער קריטיקער. יעדעס מאָל, ווען ער ווערט איינגעלאַדן אויף אַ באַנקעט, פירט ער דריי טעג פאַר דעם אַ שטרענגע דיעטע, און צערט זיך, ווי אַ זעלנער פאַרן פּריזיוו. דעם ערשטן טאָג עסט ער ווייניקלעך, דעם צווייטן טאָג עסט ער נאָך ווייניקער און אין דעם טאָג פון באַנקעט פאַסט ער לחלוטין. דאָס איז אַלץ, כדי ער זאָל עסן די וועטשערע מיט מער אַפּעטיט.

דער טאָסט-מייסטער האָט געהאַלטן אַ לאַנגע אינטעליגענטישע איינלייטונגס-באַגריסונגס-רעדע וועגן דעם בעל-היובל און זיין אַטמאָ-ספערע, וועגן דעם היינטיקן באַנקעט און זיינע עוואָלוציעס.

די אומגעדולדיקע קעלנער זענען געשטאַנען גרייט מיט די פּאָלומישקעס פיש אין די הענט און געוואַרט אויף דעם ערשטן סיג-נאַל צו דערלאַנגען צום טיש.

דער קריטיקער האָט געוואָרפן דאָרשטיק-רוגזהדיקע בליקן פון טאָסט-מייסטער צו די פּאָלומישקעס פיש און צוריק און געמורמלט צו זיין שכן לינקס:

—זיך צערעדט... פאַראַן וועגן וועמען צו רעדן... „אַ פּאָעט-ניק", מישטיינס גצזאָגט. יענער איז אַ גראַפאָמאַן פון ערשטן ראַנג!.. זיך אַ נאָמען געגעבן „האַרפּע"... אַ דראָנג איז עס, נישט קיין האַרפּע...

און אַ קער טוענדיק זיך צו זיין שכן רעכטס, האָט ער ווײַ-טער געזאָגט:

— אַבי באַנקעטן מאַכט ער זיך... דער אידיאָט... און אידיאָטן זייען... און איך בין אויך אַ נישקשהדיקער אידיאָט, אויך געקומען...

און אַ גלאַנץ טוענדיק מיט די ברילן צום אויבנאָן-צו האָט ער צוגעגעבן צו זיין שכן לינקס:

— קוקט אים נאָר אָן, דעם פאַרשוין, דעם בעל־שמחה... זעט נאָר אַ פּנים, אַ פּרצוף... טפו!..

דער טאָסט־מייסטער האָט געענדיקט. דער רעפּאָרטער פּורקין האָט אַרומגעטראָגן אַ פלעשל לימאָנאַד, געגאָסן אין די גלעזלעך און מתּרה געווען דעם עולם:

— חברים! פאַר די „שאַרפע געטרענקע" וועט מען דאַרפן צאָלן עקסטרע!..

לויט אַ וואונק פון אויבן, האָט דער קריטיקער באַקומען אַ גלעזל משקה גראַטיס. ער האָט אויסגעטרונקען „לחיים" און גענומען זיך צו דעם קאַרפּן־קאָפּ, וואָס האָט זיך מיט גרויס חשיבות געהייבן, ווי אַ פּיראַמידע אויפן טעלער. אַרבעטנדיק איבער דעם קאַרפּן־קאָפּ מיט גרויס התמדה און מיט אַ סך כריין, און טונקענדיק די פרישע חלה אין פיש־יויך, און לעקנדיק די פעטע פיש־ביינדלעך,—האָט אונזער קריטיקער גערעדט אין טעלער אַריין:

— און צוריק גערעדט... מנא... קיין גרויסע סכנה איז, אייגנטלעך, נישטאָ דערביי, ווען מען מאַכט אַמאָל פאַר אַ חבר אַ שטיקל סעודה... מילא, איז ער נישט קיין פּש־פּש... נישט אַלע קענען דאָך זיין פּש־פּשן... נאָר ווען אַפילו אַ טאַלאַנטלאָזיקייט, אָדער אַ שוסטער אַרבעט אָפּ אַזויפיל יאָרן, מעג מען דאָך אים אויך מאַכן אַ שמחה...

זופּנדיק די פעטע יויך מיט די פּאַוואָרקעס, האָט דער קריטיקער גערעדט צו זיין שכן קעגנאיבער:

— און אַז מען וויל, איז ער גאָרנישט אַזאַ מנוול ווי מען מיינט, נאָר—אַ סך אַ גרעסערער... כע־כע... כ'מיין, ס'איז אַ וויץ... אַז מען וויל, איז ער אַ גאַנץ וואויל מענטשל. און מיר דאַכט, אַז ער האָט עפּעס אין זיך. איך ווייס נישט וואָס, נאָר עפּעס... זייט אַזוי גוט, דערלאַנגט מיר די סערוועטקע... מען זאָגט, אַז ער האָט שוין 20 בענדער לידער. איך האָב זיי נישט געליינט, נאָר איך בין משער, אַז מען קען דאָרט געפינען איין לידל, וואָס פאַרמאָגט איין שורה, וואָס האָט אַ גאַנץ נישקשהדיקן גראַם אויך... נישט קיין געהייבענער גראַם, אָבער פאָרט אַ גראַם...

מען האָט דערלאַנגט דאָס פלייש. דער קריטיקער האָט באַקומען אַ פולקע געענזס. ער האָט אָנגענומען די פולקע ביי ביידע פּאָלוסן, גענומען אַרומגריזשען דאָס זאַפטיקע פלייש און גערעדט אין פולקע אַריין:

— איך האָב, אייגנטלעך, שטענדיק פון אים געהאַלטן... איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר עפּעס האָב איך געפילט צו אים אַ סימ־פּאַטיע... איך ווייס נישט וואָס, נאָר עפּעס שטראַלט אַרויס פון זיין פּנים... זייט אַזוי גוט, דערלאַנגט מיר די אוגערקע... אַ זייער גייסט־רייך פּנים.

דער טאָסט־מייסטער האָט אויסגערופן:

— אַ וואָרט צו באַגריסונג האָט אונזער באַרימטער קריטיקער צמח באַקצאַן.

דורך אַ וואונק פון אויבן האָט מען דעם קריטיקער אָנגעגאָסן אַ גלעזל „כּרמל״־ווײַן, און דער קריטיקער האָט אָנגעהייבן:

— חברים און פריינדע! מיר אַלע האָבן זיך היינט צונויפגעזאַמלט צו ערן אונזער ליבן חבר, דעם לירישן דיכטער נח האַרפּע. איך זאָג „האַרפּע״, ווייל כּשמו כּן הוא!.. אַ האַרפּע איז ער געווען און אַ האַרפּע וועט ער בלייבן!.. יאָ, חברים! עס איז אַ יום־טוב ביי אונז! נאָר נאָך גרעסער איז דער יום־טוב ביי מיר פּערזענלעך! ווייל איך—איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַנטדעקט די געטלעכע סטרונעס אין דערדאָזיקער האַרפּע! איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַנטדעקט אין אים דעם „עפּעס״, דעמדאָזיקן עפּעס, וואָס שפּריצט און שפּרודלט מיט עקספּרעסיע און נשמה־עקספּלאָ־זיע, מיט לירישן ציק־צאַק־בליץ און האַרציקן טראַנסילוואַניען... (שטרעקט אויס די האַנט צום יובילאַר). נעם צו, חבר, די האַנט פון אַ קריטיקער, וואָס האָט דיך געפירט פון די פינסטערע בין־השמשותן צו די ליכ־טיקע וועגן, וואָס זעגנען באַוואַקסן מיט נאַקטיורן און באַלויכטן מיט עלעקטרישע לאָמפּן... גיב אַהער, חבר, דיינע לירישע פּיסקעס און לאָמיר זיך צעקושן אין איין לאַנגן היסטאָרישן קוש.

דער קוש האָט געדויערט לאַנג, כּדי צו געבן אַ מעגלעכקייט דעם פאָטאָגראַף, צו פאַראייביקן דעם גרויסן היסטאָרישן מאָמענט.

ער האָט נאָך געוואָלט, דער קריטיקער, אַרויסקוועטשן אַ טרער פון אויג, נאָר די טרער איז נישט געגאַנגען, האָט ער זיך אַוועק־געזעצט און גענומען עסן דעם פלוימען־קאָמפּאָט.

פון אויבנאָן האָט מען אים דערלאַנגט נאָך אַ גלעזל „כּרמל״־ווײַן.

פאַרטרינקענדיק מיטן גלעזל ווײַן, האָט דער קריטיקער אויסגערופן:

— אַ זמרל!.. אַ זמרל!.. זאָל מען זינגען אַ ניגון!.. עי, חברה! אַ ניגון!..

און ער האָט אָנגעהייבן:

„לאָמיר אַלע אינאיינעם, אינאיינעם!..
„דעם לירישן דיכטער, נח הארפע, מקבל פנים זיין!
„דעם לירישן דיכטער, נח הארפע, מקבל פנים זיין!"

ער איז שוין געשטאַנען אויפן שטול, דער קריטיקער, אין איין האַנט אַ גאָפּל, אין דער אַנדערער — אַ לעפל, דיריגירט מיט גרויס התלהבות, און דער עולם האָט געזונגען:

„לאָמיר אַלע אינאיינעם!
„לאָמיר אַלע אינאיינעם!"

— און איצט אַ ריקודל, אַ ריקודל!.. עי, חברה! אַ טענצל! דעם יובילאַר אַהער! דעם דיכטער אַהער!..—האָט דער קריטיקער געשריען נישט מיט זיין קול.

ער האָט צערוקט די טישן, אַריינגעשלעפּט דעם דיכטער אין אַ קאַראַהאָד און איז אַוועק טאַנצן, זינגענדיק העכער פון אַלעמען.

— און איצט הייבן! לאָמיר הייבן אונזער ליבן טייערן חבר, דעם לירישן דיכטער!.. עי, חברה, נעמט אים!

באַלד האָט זיך אינדערלופטן געוויגט דער דיכטער, אַ צעשמייכלטער, אַ שיינענדיקער, אונטערגעוואָרפן פון צענדליקער הענט, אונטער אַ יובל-געשריי פון צענדליקער העלזער. נאָר מער פון אַלעמען האָט געליאַרעמט דער קריטיקער:

— זאָל לעבן אונזער לירישער דיכטער! אונזער שטאָלץ פון אונזער ליטעראַטור! זאָל לעבן אונזער מאָדערנער קלאַסיקער און קאָלאָסאַלער זשעני!.. הורראַ!..

# מוסטערן.

## I

(אַ מוסטער פון אַן אַרטיקל פון איינעם, וואָס האָט
נישט וואָס צו זאָגן).

עס ווילט זיך אונז הײַנט שרײַבן אַ זאַכלעכן אַרטיקל, אָבער
וועגן וואָס זאָלן מיר שרײַבן? אַדרבה, זאָגט אונז, וועגן וואָס זאָלן
מיר שרײַבן?

אייגנטלעך וואָלטן מיר געקענט שרײַבן אָט טאַקע וועגן דעם,
אַז מיר האָבן נישט וואָס צו שרײַבן. נאָר דאָס איז שוין נישט נײַ.
ווער האָט שוין נישט אויסגענוצט דידאַזיקע טעמע? עס איז דאָך
אַזוי אַלט און באַנאַל.

האָבן מיר, הייסט עס, דערווײַל אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז
„שרײַבן וועגן דעם, אַז עס איז נישטאָ, וואָס צו שרײַבן, איז אַלט
און באַנאַל".

האָבן מיר אָבער מורא, אַז דער לעצטער געדאַנק, אַז „שרײַבן
וועגן דעם, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו שרײַבן, איז אַלט און באַנאַל",
איז אויך אַלט און באַנאַל.

עס איז דאָך אַ מעשה אָן אַ סוף. איז אפשר אַ סברא, אַז דאָ
זאָלן מיר בלײַבן שטיין?

וואָלטן מיר טאַקע געקענט דאָ בלײַבן שטיין, איז אָבער אַ
צרה, וואָס דאָס אַרטיקל איז נאָך צו קליין. אַן אַרטיקל מוז זײַן
לענגער, לכל הפחות, נאָך אויף אַ פערציק שורות.

מאָלט אײַך, אַז דערמיט, וואָס מיר האָבן אַרויסגעזאָגט, אַז
„אונזער אַרטיקל איז צו קורץ, ער באַדאַרף זײַן לענגער און באַ-

דאַרף האָבן נאָך פערציק שורות״, האָבן מיר שוין מיט דעם אַליין צען שורות אָנגעשריבן, און עס פעלט אונז איצט סך-הכּל דרייסיק שורות.

וואו-זשע נעמט מען נאָך דרייסיק שורות?

מאָלט אייך, אַז מיר וועלן זיך אַן עצה געבן: מיר וועלן ווידעראַמאָל זיך באַקלאָגן, אַז אונזער אַרטיקל איז נאָך אַלץ צו קורץ, אַז מיר האָבן נישט מיט וואָס צו פאַרענדיקן, אַז עס פעלן אונז דרייסיק שורות וכדומה און אַזױאַרום אַרײַנשמוגלען נאָך אַ צען שורות און עס זאָלן אונז פעלן בלויז נאָך צוואַנציק שורות.

טוען מיר טאַקע אַזוי.

וואָס-זשע טוט מען אָבער מיט די לעצטע צוואַנציק שורות? ס׳הייסט, אייגנטלעך, באַדאַרפן מיר שוין נישט קיין גאַנצע צוואַנציק שורות, וואָרים פרעגנדיק: „וואָס-זשע טוט מען מיט די לעצטע צוואַנ-שורות״, האָבן מיר שוין אַ שורות זיבן אַרײַנגעבראָקט, פעלן אונז סך-הכּל דרייצן שורות.

גייענדיק מיט דעמזעלבן וועג און זעלבן נוסח, האָבן מיר געקענט אָפּפּטרן אויך דאָס רעשט ביסל שורות און מאַכן אַ סוף צום אַר-טיקל, נאָר דאָס וואָלט שוין געוועזן צו נודנע. דאַרף מען זוכן עפּעס אַן אַנדער אויסוועג.

זוכן מיר אַן אויסוועג. זוכן מיר אַהין, זוכן מיר אַהער, און ביני לביני זענען מיר שוין פאַרטיק געוואָרן מיט דער נייטיקער צאָל שורות און—פאַרטיק מיטן אַרטיקל.

## II

(וויאַזוי מען שרייבט ביי אונז טעאַטער-רעצענזיעס.
אַז מען זאָל יוצא זיין פון אַלע זייטן).

אין טעאַטער „משפּאג״ (מען שטאַרבט פאַר אַ גראָשן) ג״יט איצט אַ נייע שטיק „קאַרטאָפל״ פון יונה פּעפּעלניק.

אַ שטיק?—אַ ניין! עס איז מער ווי אַ שטיק. עס איז אַ סימ-פאָניע, אַ סענסאַציע, אַ דערשיינונג. עס איז אַן עפּאָכע-מאַכנדע עפּאָכע, וואָס מוז אַרויסרופן אַנטציקונג, באַגייסטערונג פון איין זייט, און טרויער און פאַרדראָס פון דער אַנדערער זייט.

מיר זאָגן: „טרויער און פאַרדראָס״, ווייל ווען מען זאָל אָט

דאָסדאָזיקע גרויסע ווערק צעגלידערן און אַנאַליזירן, וועט דערפון אַרויס־קומען נישט קיין שטיק, נאָר אַ שטיקל. אַ שטיקל פּאַסקודסטווע, אַ שטיק גראַפאָמאַניע פון גרויסן פאַרנעם.

עס איז אָבער אַזאַ גראַפאָמאַניע, וואָס אַן־און־פאַר־זיך איז עס אַ קונסטווערק: אַ קונסטווערק פון טאַלאַנטלאָזיקייט, אַרכיטעקטאָניש קאָנדענסירט, זאַפטיק, פאַרביק, פולבלוטיק און... עס וואָלט, נאַטירלעך, געקענט זיין נאָך מער אַרכיטעקטאָנישער, קאָנדענסירטער, פאַרביקער און פולבלוטיקער, ווען עס זאָל נישט געווען זיין אַזויפיל וואַסער־דיק, בלאַס, בלוטאָרעם און דער עיקר—באַנאַל... הגם דידאָזיקע באַ־באַליטעט איז גראָד ניי און אָריגינעל.

עס איז די באַנאַלע אָריגינאַליטעט.

די אַלטגעבאַקענע פרישקייט.

די פרישע אַלטגעבאַקנקייט.

די קאָנדענסירטע וואַסערדיקייט.

און קאָלאָסאַלע קליינלעכקייט.

און דאָך, נישט קוקנדיק אויף די אַלע מעלות, האָט עס דאָך אַזויפיל שוואונג, גייסט, פאַרנעם, אַז צייטנווייז מאַכט עס דעם איינ־דרוק פון אומבאַהאָלפענער שמירעריי.

צי איז עס קונסט?—אי יאָ, אי ניין. עס איז אַ געשמאַק־זאַך. דער געשמאַקלאָזער וועט זאָגן, אַז עס איז געשמאַקפול און דער פיינשמעקער וועט זאָגן, אַז דאָס איז געשמאַקלאָז.

און ווי זאָגט געטע: די געשמעקע זינד פאַרשידן.

אַלזאָ—מיר באַגריסן!

וויאַזוי איז דאָס שטיק געשפּילט געוואָרן? יאָ. ד. ה. ניין.

די אַרטיסטן האָבן געטאָן, וואָס זיי קענען. און דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געקענט, האָבן זיי נישט געטאָן.

דאָסזעלבע מיט דעם רעזשיסער דעקאָראַציע־מאַלער, לאָמפּן־צינדער, בילעטיאָר און קאַסירער.

יעדער האָט דערגאַנצט די דערגאַנצונג.

יאָ, ס'איז ריכטיק דאָס גריכישע ווערטל: זע קאַפּערוסאַ, זע כאַלעפוסאַ — פאַראַן אַ שטיק, וואָס טויג אויף כּפּרות און פאַראַן אַ שטיק, וואָס איז גאָלע גאונור.

אַ יישר־כּוח.

## אַ מוסטער, ווי צו פירן ליטעראַרישע פּאָלעמיק.

חזיר!
ליידאַק!
פּאַרך!
פּיאַק!
סמאַראָוואָזניק!
ממזרוק!
כלב שבכלבים!
טריפניאַק!
אויסוואורף
ליגנער!
בלאָפער!
פּאַסקודניאַק און אַזוי ווייטער!

## ע נ ט פ ע ר.

ווער? איך בין אַ חזיר? אַ ליידאַק? אַ פּיאַק? אַ פּאַרך? אַ ממזר? אַ כלב שבכלבים? אַ טריפניאַק? אַן אויסוואורף? אַ ליגנער? אַ בלאָפער, אַ סמאַראָוואָזניק, אַ פּאַסקודניאַק און אַזוי ווייטער? דו ביזט אַליין אַ ליגנער, אַ בלאָפער, אַן אויסוואורף, אַ כלב שבכלבים, אַ ממזר, אַ ליידאַק, אַ סמאַראוואזניק, אַ חזיר און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער!..

## ·ענטפער אויף אַן ענטפער.

אויב איך בין אַ חזיר, אַ ליידאַק, אַ פּיאַק, אַ פּאַרך, אַ ממזר, אַ כּלב שבכּלבים, אַ טריפּניאַק, אַן אויסוואורף, אַ סמאַראָוואָז, אַ בלאָפער און אַזוי ווייטער און ווייטער,—ביזטו אַ שמענדריק בן געץ, אַ גרינער אַגרעס, אַ פּאַרפל-שלינגער, אַ יאָקטאָן, אַ פלי סק דריגע— אַ צעקוועטשטע פּאָסאָליע, אַ געווענזלטער הערינג, אַ ים-קאָט. ר, אַ יאָשע-קאַפּאָשע-בים-באָם-קליאָשע, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

## אַן ענטפער אויף אַן ענטפערס ענטפער.

ער! ער האָט מיך אָנגערופן שמענדריק בן געץ, גרינער אַגרעס, פּאַרפל-שלינגער, יאָקטאָן, ים-קאָטער, פליאָסקעדריגע, געווענזלטער הערינג, יאָשע-קאַפּאָשע בים-באָם קליאָשע א. אז. וו., א. אַז. וו... אין דער צייט, וואָס די גאַנצע וועלט, מהדו ועד כּוש, ווייסן, אַז ער איז אַ טעלערלעקער בן טעלערלעקער, אַ בייגל-כאַפּער בן בייגל-כאַפּער, אַן אַלפאָנס בן אַלפאָנס, אַ וויזל-טיר בן וויזל-טיר, אַ פּיפּערנאָטער בן פּיפּערנאָטער, אַ בופּלאָקס בן בופּלאָקס, אַ קעשענע-גנב בן קעשענע-גנב, אַ באָד-גוי בן באָד-גוי, אַ לאַמטשעדריילאָם בן לאַמטשעדריילאָם... אַ רוח זאָל אין... און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

## אַ מוסטער ווי צו שרייבן קריטיק.

פאַר מיר ליגן עטלעכע ביכלעך פון איינעם אַ מיסטער שעקספּיר. איך עפן אויף און לייען: „האַמלעט", „שיילאָק", „אָטעלאָ", „מאַקבעט", און מער לייען איך שוין נישט. איך זע שוין מיט וואָס עס שמעקט.

דידאָזיקע זאַכן זענען, אויף וויפל איך געדענק, געווען געדרוקט אַלס פעליעטאָנען ערגעץ אין אַ זאַגלעמבער צייטונג. אפשר אַלס פעליעטאָנען זענען זיי נאָך געווען צו דערליידן, אָבער אין אַ זאַמלונג

אַנטפּלעקט זיך ערשט זייער אומבאַהאָלפנקייט, גייסט־אָרעמקייט, האַ־מעטנעקייט און אומדרוקפעאיקייט.

קוועטשט זיי, די ביכלעך, פון היינט ביז מאָרגן און איר וועט נישט אויסקוועטשן קיין טראָפּן בלוט, קיין טראָפּן זאַפט און נישט קיין ביסל מאַלינאָוון סאָק, מען זאָל קאָנען טרינקען דערמיט אַ גלעזל סאָדע־וואַסער.

מען זאָגט, אַז ער האָט גייסט, דער בחור — ס'אַ ליגן.

מען זאָגט, אַז דאָ זענען פאַראַן אַלוועלטלעכע טיפן. איז, ערשטנס, זענען זיי נישטאָ, והשנית, אויב זיי זענען יאָ דאָ, איז וואָס? מען זאָגט, אַז ער האָט אין זיך געניאַליטעט. איז, ערשטנס, לא יעלה ולא יבוא; אויף וויפל איך פאַרשטיי זיך אויף געניאַליטעט, איז דאָ נישטאָ קיין ברעקל. און טאָמער אפילו איז יאָ דאָ געניאַליטעט, איז מה בכך? אַ וואַזשנע מציאה, געניאַליטעט!

ווייס איך דאָרטן — שעקספּיר־שמעקספּיר...

וואָס איז „קעניג ליר"? אַ וויץ, צעשמירט אויף 100 זייטן. און וואָס איז „האַמלעט"? פון „האַמלעט" האָט מען, העכסטנס, געקאָנט מאַכן אַ הומאָרעסקע, און וואָס האָט ער געמאַכט? גאָרנישט.

אויב עס איז אַ טראַגעדיע, פרעג איך אייך, וואו איז דאָ „דער הומאָר פון דער סיטואַציע"? און וואו איז דאָ „דער דראַמאַ־טישער מאָמענט פון דער אילוזיע"? האַ?

און וואו איז דאָ דער קאַטאַקליזם? האַ?

דערצו איז ער נאָך אַזוי באַנאַל, אַט דער שעקספּיר: אַ מענטש שעמט זיך נישט צו איבערחזרן אַן אַלט־אויסגעדראָשענע פראַזע: „זיין אָדער נישט זיין". אַ פראַזע, וואָס יעדער גימנאַזיסט פון צווייטן קלאַס זאָגט זי צען מאָל אַ טאָג. און אַט די פראַזע: „אָ, דעזדעמאָ־נאַ!" — ווער פון אייך האָט זי נישט געהערט אַ מאָל צוואַנציק?

היינט, וויאַזוי בויט ער אַ זאַץ? איך פרעג אייך באַר: וואו איז דער „פרעדיקאַט" און וואו איז דער „סוביעקט"?

און די איבעריקע זאַכעלעך? נישט כדאַי צו רעדן!

„הענריק דער IV-טער" — אַ שמאַטע.

„שיילאָק" — גאָרנישט.

„מאַקבעט" — קוואַטש.

„ראָמעאַ און יוליאַ" — שטותים.

און אַלץ מיט איינאַנדער—איין שטיק גראַפאָמאַניע פון ערגסטן סאָרט.

אין בעסטן פאַל איז עס אַ שלעכטער „אָנפאַנגער" און עס האָט געמוזט קומען דער קריטיקער, וואָס זאָל אים זאָגן: „יונגערמאַן, נעם זיך בעסער צו סטאָלערײַ!"

און אַזאַ איינער האָט נאָך די חוצפה זיך אָנצורופן שעקספּיר!

וויי, וויי געשריען

# ליטעראַטן מיט בקיאות.

איינמאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, באַווייזט זיך אין דער צייטונג „דער מעשענער פייפל“ אַן אַרטיקל פון ד״ר זשיטלאָווסקי: „די פרוי אין דער דינאַמישער אַטמאָספערע פון די שאַפונגס-כוחות אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע“. דערביי ברענגט ער אַזאַ שטעלע: „יאָ, אַלס באַווייז פאַר דער ריכטיקייט פאַר מיין טעאָריע, קען איך ברענגען אַ פראַזע פון באַרימטן פילאָזאָף און טיפן אַנאַליטיש-רעוואָלוציאָנערן דענקער ש י נ צ ע, וועלכע לויטעט: „די פרוי — איז דער צימעס פון דער נאַטור“. דערדאָזיקער אַפאָריזם, וועלכן ער האָט געשריבן אויפן פערציקסטן יאָר פון זיין שאַפן, האָט געקענט בלויז אַרויסדרינגען פון אַ טיף דורכגעטראַכטער פילאָזאָפישער אנשויונג, אַלס פועל-יוצא פון אַ קאָסמישן אַלץ-אַרומכאַפּנדיקן סיסטעם.“

נאָך דעם אַרטיקל באַווייזט זיך אַן אַרטיקל פון לעאָ פינקעלשטיין אין די ליטעראַרישע „בעזעם-בלעטער“ אויף דער טעמע „די רעאַלע רוחניות און די מעטאַפיזיק פון היגערפּלעט“. צווישן אַנדערן שרייבט ער: „געוויס, דאָס אַרטיקל פון קאָלעגע ד״ר זשיטלאָווסקי צווינגט אויך צו פאַרטראַכטן זיך איבער דעם גרויסן פּראָבלעמאַטישן פּראָבלעם פון דער אייביקער ווייבערישער ווייבלעכקייט פון דער ווייב. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די ציטאַטע, וואָס ער ברענגט פון דעם ענגלישן דענקער, דעם געניאַלן ש י נ צ ע, אַז „די פרוי איז דער צימעס פון דער נאַטור“, האָט געטראָפן אין סאַמע צענטער פון פינטל. און מערקווירדיק איז, בשעת איך האָב געלייענט די געניאַלע ווערק פון דעם גרויסן און מיין באַליבטן און גייסטיק פאַרוואַנדטן ש י נ צ ע, האָב איך אויך זיך אָפּגעשטעלט אויף דערדאָזיקער פראַזע, וועלכע איז פאַר מיר, ווי פאַר פיל אונזערע פון זיינע תלמידים און דענקנדע

מעענטשן, פשוט אַן אַנטפּלעקונג. יאָ, „די פרוי איז דער צימעס פון דער נאַטור״. אַזאַ לאָזונג האָט געקענט געבוירן ווערן אין דעם מוח פון אַן ענגלענדער, אַ ראַציאָנאַליסט, פּאָזיטיוויסט און פילאָטעליסט, ווי עס איז געווען דער ענגלענדער שינצע... און הגם עס טיילט אונז אָפּ גאַנצע 7 יאָרהונדערטער פון זיין שאַפונגספּעריאָד, דאָך בלייבט זיין יעדע פראַזע פריש און יונג און גענוג אַקטועל פאַר אַלע צייטן און דורות. יאָ, „די פרוי איז דער צימעס פון דער נאַטור.״

נאָך דעמדאָזיקן אַרטיקל באַווייזט זיך אַן אַרטיקל פון ד״ר גליקסמאַן אין „זשעליבאָזשער אַלמאַנאַך״. דאָס אַרטיקל הייסט „פּראָפ. פרויד אין זיין מעדיצינישער אַנאַליזע פון ד״ר רייפונער.״ צווישן אַנדערן שרייבט ער: „ווען איך זאָג, אַז דער געשלעכטס-באַטריב איז די אַקס, אויף וועלכער עס דרייט זיך דער קאָסמאָס, מיין איך צו זאָגן, אַז דער קאָסמאָס איז די אַקס, אויף וועלכער עס דרייט זיך דער געשלעכטס-באַטריב. און מהאי טעמא מוז איך זאָגן, אַז די ציטאַטע, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי ברענגט פונם דייטשן דיכטער שינצע (זאָל מיר מוחל זיין דער חבר לעאָ פינקעלשטיין: שינצע איז קיינמאָל נישט געווען קיין ענגלענדער און האָט נישט געלעבט אין מיטלאַלטער, נאָר אַ דייטשער דענקער איז ער געווען און געניאַלער ענציקלאָפּעדיסט, וואָס האָט געהערט צו דער גרופּע ענציקלאָפּעדיסטן פון דער פירמע „בראָקהויז, עפראָן עט קאָמפּ.״, וואָס האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון 18-טן יאָרהונדערט און וועמעס לעקציעס איך האָב געהאַט דאָס גליק צו הערן אין בערן אין יאָר 1905), אַז די פרוי איז דער צימעס פון עראָטישן אונטערבאַוואוסטזיין, איז פשוט טרעפלעך און געניאַל און אַז דאָס איז דער קווינט-עסענץ פון גאַנץ פרוידיזם. עס פרייט מיך זייער, וואָס קאָלעגע און אויך דאָקטאָר, נעמלעך, ד״ר זשיטלאָווסקי, האָט געטראָפן, פונקט ווי איך, צו ציטירן מיין באַליבטן דענקער, וועלכן איך האָב נאָך פון מיין יונגסטער יוגנט, ווען איך בין נאָך געווען אַ וואונדער-קינד, ליב געהאַט צו לעזן און צו קאָמענטירן און צו ציטירן און וועלכער האָט מיר געגעבן אַזויפיל עספּרי און וועדווע און שאַרם פאַר מיין דיסערטאַציע „די פרוי, פרויד און זיין פּסיכאָאַנאַליטיטע דימפּראָגאע״. דידאָזיקע געניאַלע פראַזע פון שינצע האָב איך

אויך אייניקע מאָל געבראַכט אַלס מאָטאָ צו מיינע אָפּהאַנדלונגען. יאָ, די פרוי איז דער צימעס פון דער נאַטור!״

● ענדלעך קומט דער געלערנטער קאַווע. אין דער הקדמה צו י. טרונקס ווערק: „דאָס געשפּרעך צווישן דיאָגנעסעס פּעסעל און אַכילעסעס פּיענטע״ שרייבט ער פאָלגנדיקס:

„עס איז מיר איבערהויפּט אויפגעפאַלנד, וואָס דער אַנאַלפאַבעט ד״ר זשיטלאָווסקי און אַזעלכע פאַרשטאָפּטע מוחות, ווי לעאָ פינקעל-שטיין און ד״ר גליקסמאַן נעמען ציטירן דעם געניוש שינצע, וועלכן איך בין אין ספק, צי האָבן זיי אים גאָר געלייענט. ווייל שינצע האָט גאָר זיינע ווערק נישט געדרוקט. זיי זענען פאַרבליבן אַן אוניקום בלויז אין דרייהונדערט טויזנט מאַנוסקריפּטן, וואָס ער האָט געשריבן בעל-פּה, און וועלכער געפינט זיך ביי מיר אין ברי-טישן מוזעאום און וועגן וועלכן איך שרייב איצט אַ מאָנאָגראַפיע אין 72 בענדער, ווי אויך אַ גרויס האַנטבוך מיט אַ שליסל, שלאָס און נאָך-שליסל. אַ דאַנק דערדאָזיקער מאָנאָגראַפיע וויל איך אַריינ-טראָגן אַ ביסעלע אָרדענונג אין דעם כאַאָס פון די מוחות פון די גרעסטע דענקער, וואָס הערשט בנוגע דער ביאָגראַפיע פון ד״ר שינצע.

„אין דערדאָזיקער מאָנאָגראַפיע אין דעם 67-טן באַנד, זייטע 2795, שטעל איך פעסט, אַז דער ד״ר שינצע איז געווען נישט קיין סלאַוו, נאָר אַ יאַפּאַנעזער, אַ זון פון קאַזאַנאָווא און אַ פּריינט פון דעם אַנגלאָ-זאַקסישן סטענקא ראַזין, און געשריבן האָט ער זיינע ווערק אין אַראַבישן לאַטיין מיט סאַנסקריטישע בוכשטאַבן, וואָס, ס׳פאַר-שטייט זיך, אַז נישט אַזאַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ, ווי לעאָ פינקעלשטיין און ד״ר זשיטלאָווסקי און אַזאַ עם-הארץ ווי ד״ר גליקסמאַן זענען אומשטאַנד צו לעזן. וואָלטן זיי נישט געווען קיין פלאַך-קעפּ, וואָלטן זיי געוואוסט, אַז לויט דער טראַנסקריפּציע פון דייטשן געלערנטן פּראָפּ. ווערעמקראַאוט פון מינכענער עלעקטראָווניע באַדאַרף מען די פראַזע „די פרוי איז דער צימעס פון דער נאַטור״ לייענען גאַנץ אַנדערש, נעמלעך: „דער צימעס איז די נאַטור פון דער פרוי״ און אַז דערדאָזיקער אַפאָריזם איז געשריבן געוואָרן פון דעם גרויסן שינצע נישט אויף דעם פערציקסטן יאָר פון זיין שאַפן, ווי דער אַנאַלפאַבעט זשיטלאָווסקי וויל, נאָר אויף דעם איינאונפערציקסטן מיט אַ האַלבס. נאָר אַז פלאַך-קעפּ הייבן אָן צו רעדן וועגן וויסנשאַפט,

איז דאָך נישט שייך. מען דאַרף זיך נעמען צו זיי! זאָל איך נאָר פאַרטיק ווערן מיט מיין ענציקלאָפּעדיע, איך וועל מיט זיי אויך פאַרטיק ווערן. דיקסי, לאָסוקסי, טוקסי מיטרייקסי (פון בולגאַרישן עפּאָס).

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דערדאָזיקער ליטעראַרישער פּאָ־לעמיק, וואָס צייכנט זיך אויס מיט גרויס ערודיציע, באַווייזט זיך אין דעם אָרגאַן „דער מעשענער פייפל" פאָלגנדיקע נאָטיץ:

## תקון טעות.

„צום באַדויערן, מוז איך באַמערקן אַ פאַרדריסלעכן טעות, וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין מיין אַרטיקל „די פרוי אין דער דינאַמישער אַטמאָספערע פון די שאַפונגס־כוחות אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע", נעמלעך: אנשטאט שינצע באַדאַרף שטיין ניצשע".

ד"ר זשיטלאָווסקי.

# שוינען אָדער אַראָפּרייסן?

## אָדער

## דער טעאַטער-קריטיקער אין פאַרלעגנהייט.

שטעלט מיך אָפּ מיכל-יוסף דער טעאַטער-רעצענזענט. אַלע קע-נען אים. ער איז אַ באַרימטער טעאַטער-קריטיקער. אַ זאַכלעכער, אָביעקטיווער און זייער אויפריכטיקער און מיט אַ היפּשער נאָז פאַר קונסט.

שטעלט ער מיך אָפּ, קוקט אויף מיר מיט אַ פּנים פון לויטער פאַרלעגנהייט, ווי איינער אַ נצרך, וואָס דאַרף שוין צום דריטן מאָל אָנקומען צו אַ גמילות-חסד ביי אַ קאַרגן קרוב, און ער מאַכט צו מיר אַזוי:

— אַדרבה, גיט איר מיר טאַקע אַן עצה, וואָס זאָל איך שרייבן?.. איך אַליין קען זיך קיין עצה נישט געבן... אין „קימעל-טעאַטער" גייט איצט, ווי איר ווייסט, אַ שטיק „דער גרינער וואַמפּיר". שוין באַלד צוויי וואָכן נאָך דער פּרעמיערע און איך דאַרף שרייבן אַ רעצענזיע, און קען נישט שרייבן... אַז איך הייב נישט אָן צו וויסן, וואָס צו שרייבן. דער רוח ווייסט, צי זאָל איך לויבן, צי אַראָפּרייסן?.. זאָל איך לויבן ד. ה., אַז נישט קוקנדיק וואָס די זאַך איז גוט, זאָל איך לויבן? פרעגט זיך, ווּעמען זאָל איך פריער לויבן? זאָל איך לויבן די פּרימאַדאָנע? וואָס-זשע וועלן לייט זאָגן? מען וועט זאָגן — איר ווייסט דאָך שוין, וואָס לייט וועלן זאָגן? באשר איך האָב, וועט מען זאָגן—מיט דער פּרימאַדאָנע... איר ווייסט דאָך שוין, וואָס איך מיין... באשר איך בין אַמאָל אַריינגעגאַנגען צו איר אין „אובאָרנע", אָסור זאָל מיר זיין, אויב עס איז אַן אמת... זאָל איך נישט אַוועק-גיין פון דעם אָרט... אַזוי געשמאַקלאָז בין איך נאָך נישט... זאָל איך

זי אַראָפּרייסן? וועט מען אויסדרינגען, אַז איך רייס זי אומישנע
אַראָפּ, כּדי דער עולם זאָל אונז נישט חושד זיין אין אונזערע ליבע-
באַציונגען, אַז צוליב ליבע בין איך גרייט מקריב צו זיין מיין אמתע
מיינונג. אינדעראמתן איז די זאַך דווקא אַ גוטע זאַך, אַ קינסטלעריש
שטיק... בלייבט, הייסט עס, איך זאָל די זאַך רימען, טאָ ווי-זשע וועלן
עס לייט אויסטייטשן? אַז איך בין אונטערגעקויפט פון דער דירעקציע
פון „קימל-טעאַטער”. צו אַלע צרות האָב איך נאָך באַדאַרפט יענע
וואָך עסן מיטן דירעקטאָר קימל אַ וועטשערע אין באַר „לאַפּיטוט”
און גראַדע האָט ע ר געצאָלט, וואָס-זשע וועט מען זאָגן? און וואָס
וועט ער זאָגן? אַז מיט אַ וועטשערע האָט ער מיך אונטערגעקויפט...
איז נישט גלייכער, אַז איך זאָל אים אויף צו להכעיס אַראָפּרייסן?
ווייזן אים, אַז איך האָב דיך אין דר'ערד מיט דיין וועטשערע אינ-
איינעם! און אַראָפּרייסן, ווייזן, אַז איך קען זיין אַ זעלבסטשטענדי-
קער, אומאָפּהענגיקער מענטש. פרעגט זיך: פאַרוואָס? פאַרוואָס אַראָפּ-
רייסן? וואָס זענען די אַרטיסטן שולדיק? און וואָס איז דאָס פאַר
אַ „צו להכעיס”? און, אגב, וואָס וועט מען זאָגן? אַז דאָס רייס איך
אַראָפּ צוליב קאָנקורענץ-צוועקן. באשר, אין דעם צווייטן טעאַטער,
אין צימבל-טעאַטער”, האָט מיר דער דירעקטאָר צימבל צוגעזאָגט
אויסצופירן מיין שוואָגערס אַן איינאַקטער. ווייל איך, הייסט עס,
מהנה זיין יענעם „צימבל-טעאַטער” אויפן חשבון פון דעם „קימל-
טעאַטער”... דאָס איז שוין גאָרנישט שיין... איך מיין, אַז איך זאָל
זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון דידאָזיקע קליינלעכע פאַמיליע-און
פּריוואַטע מאָטיוון און, אַלעמען אויף צו להכעיס, לויבן דאָס שטיק
אין טאָג אַריין!.. נו, יאָ, דאָס וואָלט געווען גוט, ווען די וועלט
זאָל נישט וויסן, אַז איך וויל אַריינמאַכן מיין קוזינקע סאַלטשע
טשאָלנטואָוונע אין דער טרופּע אַריין... וויבאַלד אַז די וועלט ווייסט
דערפון, הייסט עס פּראָטעקציע, אַז איך לויב זיי מיט אַ פּניה.
דערפון וועט מען דרינגען, אַז וויבאַלד איך לויב זיי מיט אַ פּניה,
טויג די זאַך אויף כּפּרות. טאָ וואָס פאַר אַ טובה וועל איך זיי
טאָן? איז בעסער אַראָפּרייסן. אַי, וואָס? מען וועט זאָגן, אַז דאָס
בין איך זיך נוקם פאַרן סקאַנדאַל, אַלמאַי זיי האָבן געזעצט איינ-
מאָל מיין שוועגערין אויף דער ביינטער ריי, מיין באַקאַנטע גע-
זעצט פון הינטן און מיין ווייב פאַררוקט אָן אַ זייט, טאָ זאָל מען
זאָגן. אַבי איך ווייס, אַז די מעשה איז אַ ליגן, שקר וכזב! נישט

מער, עס איז נישט גוט אָט דער סכסוך מיט די אַנאָנסן. נישט לאַנג האָט דער דירעקטאָר קימל זיך מיישב געווען און אויפגעהערט צו געבן אַנאָנסן אין מיין צייטונג, וואו איך אַרבעט. הייסט עס, ווער אַלעמען זיין קלאָר, אַז דאָס נעם איך זיך אָן פאַר די אינטערעסן פון מיין צייטונג. און אסור אויב עס איז אמת... וואָלט איך זיך געקענט אַן עצה געבן: שרייבן נישט אַהין, נישט אַהער, נישט מילכיק, נישט פליישיק, ווי זאָגט איר—פאַרעווע, אַ ביסל אַזוי און אַ ביסל אַנדערש, „אי נאָם, אי וואַם"... עס זאָל זיין, ווי זאָגט מען: „אי קאָזאַ ציעלאַ אי וואָלק סיטי". איז דאָס אָבער אַ שווער שטיקל מלאכה, און ווער האָט צייט דערצו? מען דאַרף זיין אַ דיפּלאָמאַט, אַ זשאָנגלער, אַ דרייקאָפּ. ווער האָט כּוח און געדולד צו דרייען איצט מיטן גראָבן פינגער? און וואָט ווען מבינים זאָגן, אַז איך דריי מיך, ווי אַ שמציה אויפן יריד, אַז איך בין אַ פּחדן, אַ טרוס און אַז מיין גאַנצע אָריענטאַציע איז אויף דער קאָנטראָמאַרקע... אַ שיין פּנים וועל איך האָבן. פרעג איך טאַקע: וואָס טוט מען און וואָס שרייבט מען און ווי גיט מען זיך אַן עצה?

איך האָב אַריינגעקוקט אין זיין הילפלאָזן און נעבעכדיקן פּנים, אויף זיינע טרויעריקע בריקן, וואָס זענען געשטאַנען דיבאָם, אויף זיין מעלאַנכאָלישער נאָז פאַר קונסט, אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— הערט נאָר, מיין טייערער מיכל-יוסף טעאַטער-קריטיקער! אפשר וואָלט געווען אַ סברא, אַז איר זאָלט שרייבן ווי דער אמת איז, פשוטו כּמשמעו, ווי אייער אמתער, אויפריכטיקער געוויסן זאָגט אייך אונטער, ווי איר זעט, ווי איר פילט, ווי איר פאַרשטייט און ווי די זאַך האָט, נאָך אייער מיינונג, איר אמתן ווערט?..

דער קריטיקער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן הינטערן קאַפּעליוש, אויסגעקרימט אויפן פּנים אַ לעקעשעוואַטע-שמייכלענדיקע גרימאַסע און געזאָגט:

— הם... אויף דעם, זעט איר, בין איך גאָרנישט געפאַלן...

## ווי אַזוי מען מאַכט אַ פּראָגראַם פאַר אַ רעווי-טעאַטער.

דער דירעקטאָר פון קליין-קונסט-טעאַטער „שור-הבר" איז גע-זעסן מיט זיין געהילף, דעם רעזשיסער יאָרזשיק אין זיין ענגער קאַנצעלאַריע און געפירט פאָלגנדיקן דיסקרעטן געשפּרעך.

— טרעטן מיר, הייסט עס, צו עווענטועל צו שאַפן אַ נייעם פּראָגראַם פאַר אונזער „שור-הבר"-טעאַטער, — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר. — האָט איר, פאַניע יאָרזשיק, אין אייער פּאָרטפעל עפּעס אַ זאַפּאַס פון רעכטע נומערן מיט אַטראַקציעס אַלאַ פּארס-מאַזשאָר?

— איך האָב, פאַרוואָס זאָל איך נישט האָבן?—האָט דער רעזשיסער געענטפערט מיט גדלות, אַ קלאַפּ טוענדיק מיטן קנעכל פון מיטלסטן פינגער אין פּאָרטפעל אַריין.

— אַ שטייגער? לייגט זיך ארויס מיט דער סחורה און לאָמיר אָנקוקן.

דער רעזשיסער האָט געעפנט דעם פּאָרטפעל און אַרויסגעלייגט עטלעכע פּעקלעך כתבים.

— אָט האָבן מיר עטלעכע וואונדערבאַרע נומערן פון שמואלזאָן, דאָבקעס און צוצקין.

— ווער זענען זיי? — האָט דירעקטאָר געפרעגט.

— שרייבער... באַוואוסטע שרייבער. איינער אַ בעלעטריסט, דער צווייטער אַ דראַמאַטורג און דער דריטער אַ דיכטער.

— שרייבן זיי אין צייטונגען?

— אַמאָל דרוקן זיי אָפּ אַ נאָוועלע אין אַ צייטונג...
— נאָוועלע-שמעלע! אָבער כראָניק שרייבן זיי? אַ טעאַטער-נאָטיץ שרייבן זיי? קענען זיי אַמאָל אַריינשטופּן אַ רעצענזיעלע?
— ניין!
— טויג עס אויף כפּרות. איך האָב אייך קאַטעגאָריש און עווענ-טועל אָנגעזאָגט און אונטערגעשטראָכן מיין קאָנצעפּציע, אַז ביי די האַלאַדראַנצעס זאָלט איר גאָרנישט נעמען. מיר דאַרפן האָבן נומערן בלויז פון אַזעלכע דיכטער און שריפטשטעלער, וואָס שרייבן כראָניק און קענען אַמאָל אַריינשרייבן אַ נאָטיצעלע...
— אויב אַזוי, האָב איך אַ נומער פון האָפּקינזאָן.
— וואו שרייבט ער?
— אין דער צייטונג דער „בלעכענער גרעגער".
— און וואָס שרייבט ער דאָרטן?
— ער שרייבט גאָרנישט. ער איז אָבער דאָרט אַ גאַנצער קנאַ-קער. ער איז דאָרט אָנגעשטעלט צו ציילן די שורות פון די מיט-אַרבעטער און חזרה-נומערן. ער וואַרפט אַמאָל אַרויס אַ פּאָעט, וואָס קומט נודיען מיט לידער. אַמאָל דערלאַנגט ער אויך טיי.
— אָבער אַ דעה אין דער צייטונג האָט ער? האָט ער אַן איינפלוס אויף דער כראָניק?
— יאָ, געוויס! ער ציילט דאָך דעם כראָניקערס שורות... פאַרשטייט איר דאָך...
— איז גוט! אויסגעצייכנט! פּערמאַנענט! איז, וואָס אַ שטייגער, פאַר אַ נומער האָט ער?
— ער האָט געשאַפן אַ ליד, האָט ער געשאַפן, אַ פאָלקסליד: „האָב איך אַ פּאָר אָקסן, ווי זיי בראָקן לאָקשן"! אָבער איך ווייס נישט, וואָס מען קען מאַכן פון דעמדאָזיקן לידל.
— וואָס הייסט, איר ווייסט נישט וואָס צו מאַכן פון דעמדאָזיקן לידל? איר זענט אַ רעזשיסער, אָדער איר זענט נישט קיין רע-זשיסער? איך מיין, אַז מען קען דערפון מאַכן שוין איינמאָל אַ סצענע פון דער גרעסטער קאָנצעפּציע! מיר וועלן אַרויסלאָזן אַ פּאָר אמתע אָקסן, עווענטועל סטאַטיסטן און זיי וועלן בראָקן לאָקשן אונ-טער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון מוזיק. ביי אונזער קאָמפּאָניסט סמי-טשיק וועל איך באַשטעלן אַ ספּעציעלע מוזיק אין דעם סטיל פון לאָקשן, עס זאָל זיך אויסדאַכטן, אַז מען שלינגט לאָקשן; איך וועל

אויך באַשטעלן אַ ספּעציעלע דעקאָראַציע אין דעם סטיל פון לאָקשן... פון אַלע זייטן וועלן הענגען לאָקשן, באַלויכטן מיט עלעקטרישע לאָקשן. און דער נאָמען וועט אויך הייסן „לאָקשן". עס וועט זיין אַ גלענצנדער נומער, אַ שלאַגער! אַ סוקצעס! אַ פּאַרס-מאַזשאָר!.. זענען מיר, הייסט עס, מיט רעצענזיעס אין „בלעכענעם גרעגער" פאַרזאָרגט. און וועמען נאָך האָט איר עפּעס?

— איך האָב אַ נומער פון יונה פּאָמידאָרטשיק.

— וואָס שרייבט ער?

— ער איז אַ רעפּאָרטער, איז ער, ער שרייבט באַריכטן פון „לינת-הצדק" פון מלבוש-ערומים" און פון אַנדערע חברות.

— און וואו שרייבט ער?

— אין „טעגלעכן פויקער".

— אויסגעצייכנט! וואָס האָט ער?

— ער האָט אַ דראַמאַטישע פּאָעמע „ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע, רויטע פּאָמעראַנצן, אַז דער טאַטע שמייסט דעם קאָטער, גייען די קינדער טאַנצן".

— פּראַכטפול! געניאַל! פּערמאַנענט! פּאַרס-מאַזשאָר! איר האָט דען אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע פּאָלקס-סצענע מיר קע-נען דערפון מאַכן? גימפּל, דעם פּאָטער-ראָליסט, וועלן מיר איבערגעבן די פּאָטער-ראָלע. מיר וועלן אים פאַרקליידן ווי אַ מלמד, עווענטועל אַ פּירשט און ער וועט שמייסן דעם קאָטער מיט אַ הושענא... דעם קאָטער, ווידער, וועלן מיר געבן צו שפּילן קאַצמאַנען. ער וועט בשעת מעשה זינגען אַ מעלאָדראַמאַטישע פּאַרטיע, און וועט מיאַוקען, ווי אַ קאָטער. איצט קומט אַ באַלעט. אונזערע „גוירלס" וועלן זיין אָנגעטאָן ווי פּאָמפּאַדורן און וועלן טאַנצן בלעק-באָטאָם. דער כאָר וועט זינגען דאָס הומאָריסטישע ליד „אלי, אלי למה עזבתנו!.." און ווען מען זאָל די גאַנצע סצענע האַלטן אין אַ גרינעם טונקעלן שיין, וועט עס זיין אַ מיסטעריאָז! אַ גאַלעמאַטיע! אַ פּאַרס-מאַזשאָר!

— און איך האָב אַן אַנדער קאָנצעפּציע. איך מיין, אַז דער קאָטער זאָל בשעת מעשה לעקן סמעטענע, אונטער דער באַגלייטונג פון אַ קוואַרטעט פון זעקס פּערזאָן.

— אויסגעצייכנט! און איצט, וואָס האָט איר?

— איך האָב אַ נומער פון יונה בלינצע. ער האָט אויפגעשריבן פּרצס „דריי בייטאָרינס".

— וואו אַרבעט ער, אייער בלינצע?

— אין „טעגלעכן פויקער".

— ווידער אין „טעגלעכן פויקער"? פון „טעגלעכן פויקער" האָבן מיר דאָך שוין אַ פּאַרשוין מיט אַ נומער. אפשר האָט איר עמעצן פון דער דריטער צייטונג, פון „ים-קאָטער"?

— ניין.

— זענט איר געווען דאָרטן? האָט איר געבעטן דעם חבר ציטרינזאַלץ, ער זאָל אָנשרייבן אַ נומער פאַר אונזערטוועגן?

— געווען. ער זאָגט, ער קען נישט. ער האָט נישט קיין טאַלאַנט.

— טאַלאַנט! שמאַלאַנט! מיר בעטן ביי אים אַ נומער, נישט קיין טאַלאַנט! ווער דאַרף זיין טאַלאַנט?

— ער זאָגט, אַז ער שרייבט בכלל נישט. ער איז אַ מעטראַמ-פּאַזש, איז ער, ער שטעלט צונויף ביינאַכט דעם נומער צייטונג.

— און איר האָט אים אָפּגעלאָזן?! אַזאַ מענטשן נעמט איר און לאָזט אָפּ? אַ מענטש, וואָס ביי אים אין האַנט איז דאָך פאַקטיש אַלץ כיוצר ביד החומר, אַז ער וויל, גיט ער אַריין דעם טעאַטער-באַטיק, און אַז ער וויל, וואַרפט ער אַרויס. אַזאַ מענטש מוז אונז עפּעס געבן פאַר אונזער „שור-הבר".

— אַז ער וויל נישט! איך קען דאָך אים נישט נייטן מיט געוואַלד.

— ווער רעדט „מיט געוואַלד". אָבער איינרעדן, איינשמועסן האָט איר באַדאַרפט...

— אָבער וואָס קען איך מאַכן מיט אַ מענטשן, וואָס שרייבט נישט?

— אפשר שרייבט זיין ווייב?

— ניין, ער האָט נישט קיין ווייב.

— אפשר האָט ער אַ פעטער, וואָס שרייבט?

— שאַ! איך האָב זיך דערמאַנט. ער האָט אַ שוועסטערקינד, איז ער אַ פעלדשער און פון צייט צו צייט שרייבט ער אַן אַרטיקל. לעצטנס האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „די געשוואָלענע לעבער און איר ווירקונג אויף זויערמילך".

— טאָ וואָס-זשע שווייגט איר? האָסטו געזען אַ ביסל?! אַ מענטש האָט אַן אוצר און ער לאָזט אים אָפּ. לויפט גיכער צו אים און מיר וועלן דערפון מאַכן אַ גלענצנדן סקעטש. דער קאָמיקער

וועט שפּילן די געשוואָלענע לעבער און די פּרימאַדאָנע וועט שפּילן די זויערמילך. עס וועט זיין אַ דראַסטישער נומער מיט סימבאָלן און ליידנשאַפט, דעקלאַמאַציעס און עוואָלאַציעס, עראָטישע טענץ מיט רעפלעקטאָרן, טראַנספּאַראַנטן מיט עקסטראַוואַגאַנטן. עס וועט זיין דער שלאַגער פון סעזאָן! פּערמאַנענט! פּאַרס מאַזשאָר!

— אָבער וואָס וועט זאָגן דער ליטעראַרישער לייטער?

— וואָס מיר לייטער! שמייטער! ווער איז ער, אַז ער זאָל אונז זאָגן אַ דעה אין אונזער פּראָגראַם?! ביזט זיך אַ ליטעראַרישער לייטער, טאָ טו זיך דיין אַרבעט דאָרטן אינדערשטיל און אונז לאָז טאָן אונזער אַרבעט. זיין עסק גאָר צו מישן זיך, וואו מען דאַרף נישט! הכלל ערליידיקט! גייט און נעמט זיך צו דער אַרבעט און זאָל זיין מיטן קנאַק! איך עמפּפעלע מיך. אַדיע!

## ער וועט בויען דאָס יידישע טעאַטער.

איך קענט אים טרעפן אין יעדן ערשטקלאַסיקן פּענסיאָנאַט. אַ קיילעכדיקער, פּוזאַטינקער, אויף פעטע קיילעכדיקע פיס, אַ גלאַט אויסגעראַזירטער גוידער, אַ זיידן העמד מיט אַן אויסלענדישער בינדע מיט אַ בריליאַנטענער שפּילקע—אַ פּרצוף, פון וועלכן מען האָט אַ לאַנגע צייט געוואָלט אַרויסטרייבן דעם ייד און אַריינגעמען פאַר אַ שכן דעם גויאישן אויסזען, נאָר עס איז נישט געלונגען. דער ייד איז אים, על אַפּו ועל חמתו, געבליבן הענגען אויף זיין נאָז, אויף זיינע אונ-טערגעשוירענע פאות, אויפן קאַרק און אויף די ליפּן.

זיין איז ער אַ וואַליוטשאַרזש, אַ צוקער-פאַבריקאַנט, אַ האָלץ-אָדער קוילן-הענדלער און הייסן הייסט ער סטאַך מאָריצזאָן.

אין פּענסיאָנאַט, ווי אין אַ פּענסיאָנאַט, איז ער זייער אויפגעלייגט, גוט געשטימט און האַלט זיך דעמאָקראַטיש, ד. ה. ער האַלט זיך אַזוי, אַז מען זאָל מיינען, אַז בעצם איז ער אַריסטאָקראַטיש, נאָר מחמת ער איז אַן איידעלער מענטש, איז ער דעמאָקראַטיש.

רעדן רעדט ער פּויליש. יידיש קען ער נישט. ער קען אַפילו יאָ אַריינגעמען אַ יידיש וואָרט—„מעשיגע" (משוגע), „צורעס" (צרות), „יידיש קעפּעלע", מיט איין וואָרט—דיזעלבע יידישע ווערטער, וואָס אַ קריסט קען זיי אויך און וואָס אַ קריסט שעמט זיך אויך נישט זיי צו דערמאַנען...

הכלל, ער רעדט פּויליש אַזוי לאַנג, ביז ער זעצט זיך נישט שפּילן אין קאָרטן. דאַן הייבט ער אָן צוזערשט רעדן דייטש און פון דייטש גייט ער איבער אויף יידיש. ביי קאָרטן איז אַ מנהג צו רעדן יידיש. אַפילו אַריסטאָקראַטן רעדן אויך יידיש. און דאָ ווערט מען געוואויר, אַז ער האַקט יידיש, ווי אין קרויט מיט דעם גאַנצן

ספעציפישן קאַרטן-זשאַרגאָן, מיט אַזעלכע זאַפטיקע ווערטלעך און אויסדרוקן, וואָס אַפילו די „באַפעלקערונג“ ביים „אייזערנעם טויער“ מעג אים מקנא זיין.

שטענדיק זונטיק ד אַ ר ף ן צו אים קומען געסט. כראַביע בענדיצקי, פּאָסאָל קאַראָל נאַקוצקי, סענאַטאָר לאַנצוצקי, די אַרטיסטין ברזשיזשיצקאַ, נאָר זיי קומען נישט.

נאָך דעם זאַטן פּענסיאָנאַט-מיטאָג איז ער נאָכמער אויפגעלייגט, זאַט-צופרידנדיק; ער פאַררויכערט דעם פּאַפּיראָס, וואָס ער ברענגט שטענדיק פון דייטשלאַנד, „פאַוואָריט“ (4 זל. מיט אַ פּעקל); דער מאָגן קאָכט און עס איז אים גוט. מיט אַלעמען איז ער זייער פריינטלעך, זיס, ער רעדט, פאַרברענגט, ווייזט... ער האָט זייער שיינע וויצן וועגן יידן פון „קווי פּראָ קוואָ“. פאַר מאַנסביל האָט ער גאָר אַ ספּעציעלע קאָלעקציע וויצן.

מיט מיר, דעם ליטעראַט, איז ער גאָר פריינטלעך, חלה מיט האָניק.

— פּאַן פּישע פּאָ פּאָלסקו? ניע? נאַ זשאַרגאָניע? שקאָדאַ. יאַ ניע טשיטאַם נאַ זשאַרגאָניע. אַלע מוויאָן, זשע פּאַן יעסט הומאָריסטאַן. פּאַן מאַ טלוסטע קאַוואַלי! ע-ע-ע!..

ער לייענט נישט אויף „זשאַרגאָן“, ער ווייס אָבער אַ סך זאַכן. ער ווייס, אַז דער זשאַרגאָנאָווי פּיסאַרזש פּאַן עמיל פּרץ האָט אָנגעשריבן עפּעס אַ בוך, הייסט עס „וו'ליאַסאַך פּאָלסקיך“, וואו ער שרייבט פון כאַסידיזמוס און נאַציאָנאַליזמוס. ער האָט געהערט פון „שאָלעמאַש“. שטייט, וואָס האָט ער געשריבן? טשעקאַי פּאַן, דאַכט מיר „אַזאַזעל“ און דעם „בוג זעמסטי“. שטייט נאָר, פון וועמען איז דער „בוג זעמסטי“? פון נח פּרילוצקי. ער האָט עס געזען צעלעכע מאָל. צודאָוונאַ זשעטש!

און כדי צו באַווייזן זיין באַהאַוונטקייט אין דער יידישער ליטעראַטור, פאַרענדיקט ער מיט אַ לידל, וואָס ער האָט געהערט אין רעסטאָראַציע:

— מאָטקע, מאַך עס נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל!..

אוודאי קען ער די יידישע ליטעראַטור, וואָסי? ער איז נישט קיין ייד? אמת, ער האָט צו טאָן מיט אַן אַנדער געזעלשאַפט—אַלץ דאָרטן—מיט די כראַביעס. אָבער ער איז אַ ייד. ער איז אַ פּאַטריאָט. ער איז אַפילו אַ מיטגליד פון „בני-ברית“ און צאָלט מיטגלידס-געלט

אין דער חברה „טאַמכע יאַלדעס" (תומכי יולדות), וואו זיין ווייב דאָרא, אַ פּרוי ווי אַן אַטלעט, איז אַ מעטרעסע (ער וויל זאָגן „פּאַטראָנעסע").

ער וועט זיך נישט לאָזן שפּייען אין פּנים. ער איז גרייט צו שיצן דעם יידישן כבוד ביז בלוט. ער איז נישט פון די יידן, וואָס לאָזן זיך באַליידיקן. אַז מען דאַרף, וועט ער זיך דועלירן אויך. ער האָט אַ רעוואָלווער. אָט האָט אים אַנומלט אין צוקערניע „עקספּלאָנאַדאַ" אַ קריסט באַליידיקט. יענער האָט אים אָנגערופן „זשידזשע", האָט ער דעם קריסט אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש, אַז עס האָט געהילכט איבערן גאַנצן זאַל. די אַלע געסט האָבן אים געדריקט די האַנט. יענער האָט גלייך זיך איבערגעבעטן, ווייל יענער האָט דערזען, אַז ער האָט נישט געטראָפן פון יענע יידן.

— איאָ, דאָרטשעניו? — ווענדט ער זיך צו זיין ווייב, זי זאָל באַשטעטיקן זיין מעשה.

דאָרעטשקע ענטפערט: „פּראַוודאַ, מענזשולקו" און לאָזט אַראָפּ די אויגן, ווייל זי ווייס, אַז די מעשה איז אַ ביסעלשקע אַנדערש. דעם פּאַטש האָט איר מאַן געכאַפּט און איז געוואָרן נאָכדעם אַרויסגעוואָרפן פון צוקערניע, אַז מען האָט אים נאָכגעוואָרפן דעם קאַפּעליוש. אויף מאָרגן איז ער געלאָפן אין אַלע פּוילישע רעדאַקציעס מיט בריוו און קיינער האָט זיי נישט געוואָלט דרוקן, און אין אַ וואָך אַרום איז איר סטאַך מאָריצזאָן ווידער געזעסן אין דערזעלבער צוקערניע, געהערט, ווי די קעלנער האָבן זיך געשושקעט אויף זיין חשבון, נאָר ער האָט זיך נישט געמאַכט הערנדיק.

ער איז אַ פּאַטריאָט. מען דאַרף זען ביידן די „טשעמנאַ מאַסאַ". קולטוראַ—אָט וואָס! יעדער ייד דאַרף זיין אַ קולטוראַלנער מענטש. מען דאַרף זיין אַ נאַציאָנאַליסט. יידן האָבן נישט קיין גרויסע מענטשן? נעמט לאַיד דזשאָרזש און טשאַרלי טשאַפּלין און די אַרטיסטין טשוויקלינסקאַ!

— איר מיינט, פּאַניע, אַז איך גיי נישט אין יידישן טעאַטער? אַוודאי גיי איך. אָט בין איך געווען אויפן „גאָלעם" ביי „די ווילענטשיקעס"... „צודאָוונאַ זשעטש!" איר ווייסט, אַנסקי וואוינט דאָך ביי מיין קוזין זאַריצקי... אַזאַ סימפּאַטישער באָלאָנדין, דער אַנסקי, און די „הבימאַ-אַ" האָב איך אויך געזען. פּאַ העברייסקו! איך האָב אויך

ליב די העברייסקי לושען (לשון)... עס קלינגט דאָך אַזוי! אַזויווי פּאָ וולאָסקו!.. יאַק באַגאַ קאָכאַם!..

זיין ווייב טראָגט אים אונטער אַ העגגל וויינטרויבן, רייסט ער איינציקווייז די טרויבן און לייגט זיי אין מויל אַריין מיט גרויס באַזאַכטקייט און נחת, און רעדט ווייטער:

— איך בין, פּאַניע, געווען אַמאָל ביי אייך אין אַ טעאַטער, ווי הייסט עס? „צענטראַל"... נו, זאָגט אַליין, וואָס איז דאָס פאַר אַ טעאַטער? יאַק באַגאַ קאָכאַם, ווסטיד אי האַנבאַ! מיר, יידן, זאָלן נישט האָבן קיין רעכטן טעאַטער!

— פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע נישט זען עפּעס טאָן, מען זאָל בויען אַ יידיש טעאַטער? — וואָרף איך אים צו אַ וואָרט.— אָט זענט איר אַ רייכער מענטש, פאַרוואָס זאָלט איר נישט העלפן?

— איר מיינט אַוודאי, איך האָב נישט גערעדט דערפון? יאַק באַגאַ קאָכאַם! אָט יענע וואָך איז ביי מיר געזעסן אַ געזעלשאַפט פון פאַבריקאַנטן און סוחרים, האָב איך זיי געזאָגט: פּאַנאָוויע, מען דאַרף בויען אַ יידיש טעאַטער! איאָ, דאָרטשעניו?—ווענדט ער זיך ווידער צו דעם ווייב.

— נאַטוראַלניע, — ענטפערט דאָס אַטלעטישע ווייב מיטן דרייגאָרנדיקן גוידער און לאָזט אַראָפּ די אויגן. ווייל אויף וויפל זי געדענקט, איז מען גאָר געווען פאַרנומען מיט „אַ שמענדעפער".

— און מיינט איר, איך באַדאַרף עמעצן? איך אַליין וועל מיר בויען! איך האָב 60 מיליאָן דאָלאַר, וועל איך מיט עטלעכע טויזנט דאָלאַר האָבן ווייניקער... ווער זאָגט עס מיר, אַז איך באַדאַרף האָבן צוויי אויטאָמאָבילן? פּאַניע!—גיט ער מיר אַ קלאַפּ אין פּלייצע.—פּאַניע, איך גיי בויען אַ יידיש טעאַטער, יאַק באַגאַ קאָכאַם! נאָך שבת, אַזוי גלייך ווי איך קום אין שטאָט אַריין צוריק, רוף איך צונויף מיינע פריינט אויף אַ גלעזל טיי. די בראָמבערגס, די פּשעפּיורקעס און די גרויספּיקס, און אַפילו די קריסטן אויך. ביי מיר וועלן די קריסטן אויך געבן, און אין איין מינוט מאַך איך אַ קאָלעקציע פון הונדערט טויזנט דאָלאַר. אַ ווערדע עס האָט!

— געוויס?

— געוויס! איך, אַז איך זאָג, איז אַ וואָרט! איך בין אַ סוחר! און איך וועל זיי טאַקע זאָגן, מיינע קאָלעגן: קאָלעגן, עס מוז געבויט ווערן אַ יידיש טעאַטער! לאָמיר זיין פּאַטריאָטן! יעדער מענטש

מוז האָבן אַן אידעאַל און זיין אַ פּאַטריאָט. און ווען איר ווילט, איז עס אַפילו פון געשעפטלעכן שטאַנדפּונקט אויך אַ גוטע זאַך! איר פאַרשטייט, פּאַניע?

— אָך, שיין, גאָר שיין! איר וועט טאָן זייער אַ גרויסע און דערהייבענע זאַך!

— פּאַניע, איר קענט מיך נישט! איך פאַר קונסט וועל איך אַוועקגעבן די נשמה!.. איך, אַז איך נעם מיך פאַר אַ זאַך, וועל איך עס אויספירן. אָבער עס וועט שוין איינמאָל זיין אַ טעאַטער—אַ צאַצקע! אונזערע שונאים אויף צופּוקעניש!

אָט אַזוי עטלעכע טעג כסדר נאָך מיטאָג האָט סטאַך מאָריצזאָן פאַרדייט דאָס עסן און געהאַט זייער אַ גוטע שטימונג. די זאַטע צעפרידנקייט האָט אַרויסגעשטראַלט פון אַלע אברים, און ער האָט גערעדט וועגן אַ נייעם בנין פאַר אַ יידיש טעאַטער.

---

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך אים באַגעגנט אין רויכער-צימער פון „פּערסקע אָקאָ". ער איז געשטאַנען מיט זיינעם אַ פריינט און געשמועסט וועגן ווישטשיגעס. איך בין צוגעגאַנגען און זיך באַגריסט אין יידיש.

— גוטנ'אָוונט, פּאַניע מאָריצזאָן.

ער האָט זיך פאַרלוירן פאַר מיין יידיש און זיך צעמישט, ווי קאַווע מיט מילך. ער האָט, ווי פאַרענטפערנדיק זיך פאַר זיין פריינט, מיך פאָרגעשטעלט און געזאָגט:

— זשידאָווסקי ליטעראַט. פּישע נאַ זשאַרגאָניע. מוויאָן, זשע טאָ יעסט וויעלקי טאַלענט. זשידאָווסקי יאָראָסי...

— וואָס הערט זיך עפּעס וועגן אונזער ענין?

— וועלכער ענין?

— וועגן בויען אַ יידיש טעאַטער?

— ען, פּאַניע קאָכאַני, ווער האָט צייט דערצו? ערשט נעכטן בין איך געקומען פון צאָפּאָט. פאַרמאָגט איר עס, וואָס איך האָב

פאַרשפּילט אין רולעטקע. מאָרגן מוז איך פאָרן קיין ניצע, סאַן־קלו־זען, גריכנלאַנד און סקאַנדינאַוויען...

עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ דאַמע. די ביידע, סטאַך מיט זיין פריינט, האָבן זיך גענומען דורכווינקען און דורכוואַרפן מיט אָפּגעהאַקטע פילדייטיקע ווערטלעך אויפן חשבון פון דערדאָזיקער דאַמע. איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך אָפּגעטראָגן...

איך האָב געטראַכט:

„נישט פון די לייט וועט דאָס יידישע טעאַטער געבויט ווערן".

# קליין־קונסטבינע.

## טעאַטער־לעקציע

גערטע פאַרזאַמלטע!

מיין קאָלעגע בערנאַרד שאָ האָט אַמאָל געזאָגט: ווען איך גיי אין טעאַטער, זע איך צו נעמען דעם בעסטן פּלאַץ, וואָרים אַז שוין אָפּקומען, לאָמיך כאָטש זיצן, ווי אַ מענטש.

דאָס אויסזיצן אין טעאַטער איז לעצטנס געוואָרן איינע פון די אָנגעווייטיקטסטע פּונקטן פון היינטיקן טעאַטערבאַזוכער, מיט אַנדערע ווערטער: דאָס אָנגעווייטיקטסטע אָרט ביים היינטיקן טעאַטערבאַזוכער איז זיין זיץ־פּלאַץ.

אויסזיצן אין טעאַטער אויף אַ גאַנצער שטיק איז פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן געוואָרן כמעט אַ תּפיסה, אַן אָפּקומעניש.

דאָס איז נאָך מעגלעך געווען דאַן, ווען דאָס טעאַטער איז געווען אַ טעמפּל, און אַ טעאַטערפאָרשטעלונג — אַן עבודה, אַ מין רעליגיעזע צערעמאָניע. דאַן איז געווען אַנדערש.

פאַר אונז, מאָדערנע מענטשן, וואָס האָבן צו טעאַטער פאַרלאָרן דעם יראַת הכּבוד, וואָס דער מין טעאַטער איז בכלל געוואָרן אַ וואָכעדיקייט, איז אויסזיצן אַ גאַנצן אָוונט ביי איין פאָרשטעלונג ממש יסורי־גיהנום

מיר, די היינטיקע מענטשן, זענען נערוועז, אומגעדולדיק, איילנדיק. אונזער דעוויז: דאָס לעבן איז קורץ! ממילא מוז אַלץ ווערן קורץ צוגעפּאַסט. לייענען מוז מען קורצע נאָוועלן, מיר טראָגן קורצע

קליידער, קורצע אַרבל, קורצע האָר און מיר פאַרדייען בלויז קורצע קונסט, אָדער ווי איר ווילט עס האָבן — קליינקונסט.

קונסט „אַלאַ גאַרסאָן".

קורץ, מיר האַלטן פון אַלץ, זאָגט מיין פעטער נפתלי — וואָס קורץ איז, אויסער פון קצור שלחן ערוך.

צוזאַמען מיט די איינגעפונדעוועטע שווערע בעטן און שאַפעס האָבן מיר איינגעפירט מיניאַטור-מעבל, מיניאַטור-בילדער, אַ מיניאַטור-זייגערל און מיניאַטור-טעאַטער.

אַפילו אַ ווייב איז ביי אונז איצט אין דער מאָדע—מיניאַטור, גוייל פון צוויי צרות איז, נאַטירלעך, בעסער די קלענסטע.

נאָר דאָס איז סתם אַזוי זיך, דרך-אַגב.

מיר ווילן נישט קיין איינגעפונדעוועטע קונסט און מיר ווילן ביי איר נישט זיין קיין שקלאַפן. מיר לעבן אין אַ באַפרייונגס-עפּאָכע. מיר ווילן זיין פריי. מיר קאָנען שוין נישט זיין פאַרשקלאַפט אַ גאַנצן אָוונט צו איין שטיק, צו איין קאָנצעפציע, צו איין אידעע, צו איין סיוזשעט, צו איינע און דיזעלבע טיפן און כאַראַקטערן. גע-נוג צוויי שעה, און פאַר די צוויי שעה ווילן מיר זען אַלץ און הערן אַלץ, זען אַלעמען און הערן אַלעמען.

מיר האָבן נישט קיין צייט און קיין געדולד צו גיין אויף אָפּערע, דראַמע, איבער די מאָדע-מאַגאַזינען און נאַכטלאָקאַלן, קנייפּע, דאַנסינג, קאָמעדיע, פאַרס, צירק, קינאָ, שאַנטאַן, פילהאַרמאָניע, באַלעט, אַפּאַשען-קעלער, מענאַזשעריע, קונסטבילדער-אויסשטעלונג. מיר האָבן נישט קיין צייט צו אָריענטירן זיך אין אַלע סטיליזאַציעס, כאַראַק-טעריזאַציעס, שולעס און ריכטונגען אין טעאַטערוועזן. מיר ווילן עס האָבן אַלץ מיטאַמאָל, אַ ווינעגרעט פון די אַלע צען מוזעס.

---

מיר לעבן אין אַ צייט פון ווינעגרעטן, קאָנדענסן און אַנטאָ-לאָגיעס. פרעגט ביי די גאַסטראָנאָמיסטן, ביי די עסן-קענער און זיי וועלן אייך זאָגן, אַז נאָך קיינמאָל האָבן מענטשן נישט געגעסן אַזוי

גערן וויניגרעטן און „מעשאַנקעס" און געטרונקען קאקטיילען, „אפּעראטיוועז" און אַנדערע געמישטע געטראַנקען, ווי היינט.

צו וואָס עסן איין געמיזע, אַז מען קען האָבן אַ גאַנצע אַנטאָלאָגיע פון געמיזן, צו וואָס לייענען יעדן פּאָעט באַזונדער, אַז מען קאָן האָבן אַ „מעשאַנקע" פון אַלע דיכטער. צו וואָס זען אין אַלע טעאַטערן, אַז מען קאָן זען קליינקונסט.

צו די צען מוזעס איז דער היינטיקער מענטש פּאָליגאַמיש. ער וויל זיי האָבן, די אַלע צען מוזעס, אויף איין נאַכט, אין אַ משך פון צוויי שעה, אויף דיזעלבע ברעטער.

אויך די אָפּערעטע איז פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן שוין געוואָרן לאַנגווייליק. די אָפּערעטע, וועלכע איז די ערשטע געפאַלן אויף דעם שכל פון אריינגעמען פון כל-טוב: געזאַנג, מוזיק, טענץ, פאַרבן, קופּלעטן, אַקטואַליטעטן, דיאַלקעס, קינאָ, פּאָעזיע, עראָטיק, קאָסטיומען, מאָדעס א. אז. וו., א. אז. וו.

עס איז אָבער אַלץ אָנגעצויגן אויף איין שנירל, אויף איין סיוזשעט. און דער סיוזשעט איז מערסטנטייל לויט זיין נאַרישקייט צו לאַנג, און לויט דער לענג — צו נאַריש. און אַ שנירל בינדט און מיר ווילן נישט זיין געבונדן.

---

מיר לעבן אין אַ פרייהייטס-עפּאָכע. מיר זענען פרייע מענטשן מיט ברייטע האָריזאָנטן, מיט וויטן שוואונג. מיר זענען גרויס אויסגעוואקסן און מיר קאָנען זיך דעריבער נישט באַגרענעצן מיט גרויסקונסט און מיר מוזן האָבן די קליינקונסט (מיין אייגענער פּאַראַדאָקס).

עס איז בכלל אַ שטיקל מיספאַרשטענדעניש מיט דעם נאָמען קליינקונסט. פאַרוואָס זאָל עס הייסן קליינקונסט? די קליינקונסט האָט אייגנטלעך די גרעסטע אויסגאַבן, די גרעסטע צאָל דעקאָראַציעס, די גרעסטע צאָל רעפּעטיציעס, די גרעסטע צאָל אַקטיאָרן.

עס איז, הייסט עס, בלשון סגי נהור. אויף דעם נאָמען-געביט באַגעגענען מיר שוין לאַנג מאָדנע קוריאָזן. מיר באַגעגענען אַ שיכור, וואָס זיין פאַמיליענאָמען איז ניכטער; אַ מגושמדיקן ייד מיט אַ פּאָר

גראָבע ידים און רגלים, וואָס הייסט דעליקאַטני; אַ שוויגער, וואָס הייסט גוטע; אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, וואָס הייסט ראָט-שילד; אַ רואיקער מענטש, וואָס הייסט פּיסטאָלעט; אַ שוסטער, וואָס הייסט שרייבער; אַ באַנקיר, וואָס הייסט ערליך א. אַז. וו. (נאָר דאָס איז סתם אַזוי, דרך-אגב).

נאָכמער פּאַראַדאָקסאַליש איז, וואָס גראָד די קליינקונסט-בינע ציט היינט צו דאָס גרעסטע פּובליקום. אויף דעם האָב איך טאַקע געזאָגט אַ גוט וואָרט:

בעסער צו האָבן אַ קליינקונסט-בינע און צוציען אַ גרויס פּובליקום, איידער צו האָבן אַ גרויסקונסט-בינע און צוציען אַ קליין פּובליקום — אויף קאָנטראָמאַרקעס".

---

ווי געזאָגט, דאָס טעאַטערוועזן האָט, אַזוי, פאַרלאָרן זיין פייערלעכקייט. עס איז געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך.

דאָ, נישט לאַנג, האָט זיך איינער אין אַ צייטונג באַקלאָגט, אַלמאַי מיר קומען אין טעאַטער אַריין אין אונזערע וואָכעדיקע מלבושים. דער ענגלישער אַריסטאָקראַט גייט אַפילו צום מיטאָג-טיש אין פראַק אָדער אין סמאָקינג.

אך, ווען מיר זאָלן געוועזן האָבן אַזויפיל יראת הכבוד פאַרן טעאַטער, ווי דער ענגלישער אַריסטאָקראַט פאַר זיין ביפסטייק, וואָלטן מיר אויך געוויס אָנגעטאָן אונזערע שבתדיקע בגדים.

---

און מיר — לא-די, וואָס מיר גייען אין די וואָכעדיקע בגדים אין טעאַטער אַריין, שלעפּן מיר מיט זיך נאָך דעם אויבערמאַנטל מיט דעם פּאַראַסאָל, און אונזער אידעאַל איז, אַז מיר זאָלן נאָך קאָנען

אין דעם מעלפאמענא-טעמפל זיצן אין מאַנטל, עסן קאָלאַציע און פאַררויכערן אַ סיגאַרעט.

ווערים די מעלפאָמענאַ איז שוין היינט נישט די שטרענגע געטין אין דעם לאַנגן טאָגאָ מיט די פייערדיקע זשעסטן אויפן פאַרנאַס. זי איז שוין היינט אַ „מיוזיק-האָל-גוירל", אין אַ קורץ קליידל באַקי-קאָפּ, און פון איין אַקט צום צווייטן קאָנט איר זי איינלאַדן צום טישל אויף אַ קאָלאַציע.

וואָס פּאַר אַ פאַרגעניגן עס איז צו זיצן אין טעאַטער אין מאַנטל! עס איז דאָך אַזוי באַקוועם און טאַקע עקאָנאָמישער אויך... ווער ווייסט, וויפל דאָסדאָזיקע נישט-אויסטאָן פון מאַנטל האָט מיט-געווירקט צו דעם דערפאָלג פון מיניאַטור-טעאַטער און קינאָ? דער צו-קונפטיקער ד"ר שיפער וועט זיכער מוזן ווידמען אַ קאַפּיטל וועגן דער ראָלע, וואָס דער מאַנטל און קאַפּעליוש האָבן געשפּילט אין טעאַטערוועזן אין אָנהייב פון 20-טן יאָרהונדערט.

---

די קליינקונסט-בינע, נישט קוקנדיק, וואָס אַליין איז זי אַ קאָנגלאָמעראַט פון פאַרשידענע קונסטן, הייבט זי זיך דאָך אָן צו דעפיניצירן. אַ ווייניגרעט פון בעסערע פּאַטראָוועס און פון פּראָסטערע פּאַטראָוועס. אַ קאַבאַרע פון בעסערער ראַפינירטער קונסט, פון העכערער סטיליזאַציע, פון פיינערן געשמאַק, און אַ קאַבאַרע פון רעסטאָראַציע-וויצן, פּאָרנאָגראַפיע און ביליקייט.

אונזערע צווי קאַבאַרעטן, דער „אַזאַזעל" און דער „סמבטיון", שטרעבן ביידע צו דעם בעסערן סאָרט טיפּ. דער ערשטער — צו דעם טיפּ פון „בלוי׳ען פייגעל" און קאָן אים נישט דערגרייכן, און דער צווייטער—צום „קווי פּרא קוואָ" און קאָן אים אויך נישט דערגרייכן.

נאָר לאָמיר האָפן, אַז זיי וועלן יאָ דערגרייכן, אפשר זיי איבער-דערגרייכן. זיי זענען דאָך נאָך אַזוי יונג (נישט די פרימאַדאָנעס, מיין איך). לאָמיר האָפן...

## פראַנקאַרדי דער טראַנספאָרמאַטאָר.

דאָ נישט לאַנג אין אַן אָוונט האָב איך אים געזען, דעמדאָזיקן קינסטלער — פראַנקאַרדי הייסט ער. אויף די ברעטער פון טעאַטער „באַוואָשצי״ האָט ער געוויזן זיינע השׂמדות.

לעת־עתּה ווייזט מען אים אין טעאַטער און מענטשן גייען אים אָנקוקן אויף חדושים. מיט דער צייט אָבער וועלן מיר, מסתּמא, אַלע זיין, ווי ער. אַ ליאַדע איינער פון אונז וועט זיין אַ פראַנקאַרדי. עס גייט דערצו.

ווער איז ער, אָט דערדאָזיקער פראַנקאַרדי?

ווי איר קוקט אים אָן, איז עס אַ מענטשל אַ מושלם בכל המעלות, אַן אוניווערסאַל־מענטשל, אַ כּל־בוניק. אַ זאַמלפּונקט פון טאַלענטן, פאַכן, ספּעציאַליטעטן; אַ וויניגרעט פון אַלערליי אונזערע טעטיקייטן, זיטלעכקייטן, געזעלשאַפטלעכקייטן, מיט איין וואָרט — אַ מוסטער פון אונזער צייט. אַ פּאַנאָראַמישער טיפּ.

און ווי ביי נחן אין זיין תּיבה זענען געווען פאַרזאַמלט אַלע באַשעפענישן און ברואים, שרצים און ווידמעניונגען, אַזוי זענען דאָ אין דעמדאָזיקן פּאַרשוין פאַרזאַמלט און עקסטראַנירט אַלע פונקציעס, אויפגאַבן, מלאכות און דינסטן פון אונזער געזעלשאַפט.

דאָס פּנים זיינס—אָן אַ באַשטימטער ראַסע, אַ טיפּ אָן טיפּיש־קייט, נאָר לויט דעם, ווי ער קען אַלץ שטאַמט ער העכסט וואַר־שיינלעך פון דער ליטווישער ראַסע.

אַ ליטוואַק מיט די ביינער.

פאַר איין האַלבע שעה מיט 7 מינוטן, וואָס איך האָב אים געזען אויף דער בינע, האָט ער באַוויזן צו זיין, וואָס נאָר אין דער

קאָרט שטייט: אַ פּאַקיר פון אינדיע, אַ פּראָפעסאָר פון ראַטן־רוסלאַנד, אַ דאָקטאָר פון גאַליציע, אַ מוזיקער, אַ פּרימאַדאָנע, אַן אַם, אַ היפּנאָטיזירער, בויכרעדנער, עקווילִיבריסט, שוואַרצקינסט־לער; פאַרשלעפּערט אָן רעפּעראַטן, שטויסט וואַסער, שיט זאַמד אין די אויגן, ליידיקט אויס קעשענעס, כאַפּט פיש אין מוטנע וואַסער, פאַררעדט די ציין — מיט איין וואָרט, אַלע אַרבעטן, וואָס ווערן געטאָן אין יעדן קולטורעלן שטאַט.

— ער קען אַלץ, — זאָגט זיין אימפּרעסאַריאָ, — נאָר אָנפּילן די קאַסע קען ער נישט.

אין דעם פּרט איז ער אַן אמתער פינאַנץ־מיניסטער.

ווי געזאָגט — עס איז אַ פּאַנאייראָפּעישער טיפּ, אַ פּאַציפיסט, אַ שמייכלענדיקער, אַ זיסער, אַ ליבער, און אַז מען דאַרף, קאָן ער שיסן, און ער שיסט פון הינטן און פון פאָרנט, און ער טרעפט נאָך אפשר בעסער פון אונזערע ערגוווירדיקע דועליסטן...

נעמען מיר, למשל, שפּראַכן. אַ מייסטער אויף אַלע אייראָ־פּעישע שפּראַכן, אפשר 70 לשונות, אַחוץ לשון־הרע. און ער רעדט אויף אַלע גלייך פליסיק — שלעכט, כאָטש נעם און מאַך אים פאַר אַ דיפּלאָמאַט.

מיט איין וואָרט, ער קאָן אַלץ זיין.

אַ וואונדער־טיפּ. דו קוקסט און דו וואונדערסט זיך, און דו שטוינסט, און דו ווערסט נישט מיד שטוינענדיק: איין מענטש און טוט אַזויפיל מלאכות, וואָס ביי אַ ליאַדע מלוכה איז עס איינגעטיילט צווישן צענדליקער און הונדערטער טויזנטער בירגער און באַאַמטע.

ביי אונז זענען די השלמות דערוייל נאָך דיפערענצירט. יעדער בירגער מיט זיין אַרבעט, יעדער באַאַמטער מיט זיין השלמה. יעדער פונקציאָנאַריוש מיט זיין פונקציע.

למשל, אויף דעם געביט פון מאַסקעס. טראָגט מען דאָך ביי אונז אויך מאַסקעס און מען פאַרשטעלט זיך פאַר וואָס איר ווילט און פאַר ווּעמען איר ווילט: ווער פאַר אַ שלום־שעפּעלע ביי דער פעלקער־ליגע, ווער פאַר אַ סטראַפּטשע פון רבש״ע, ווער פאַר אַ שונא־בצע אין עפּעס אַ חברה, ווער פאַר אַ סאָציאַליסט אין דער פּ. פּ. ס., ווער פאַר אַ טאַטע פון יתומים, ווער פאַר אַ קאָמוניסט בשעת מען דאַרף האָבן אַ סאָוויעטישע וויזע, ווער סתם אַלס אַנשטענדיקער מענטש א. אַז. וו., א. אַז. וו...

נאָר וואָס דען? ביי אונז טראָגט איינער איין מאַסקע, העכסטנס צוויי. פראַנקאַרדי טראָגט צענדליקער מאַסקעס מיטאַמאָל, און דאָס איז טאַקע אַ קונץ. מסתמא וועלן מיר זיך דאָס אויך אויסלערנען. נאָר געדולט און אויסדויער. מיט געדולט און אויסדויער וועלן מיר אַלץ דערגרייכן.

פראַנקאַרדי שפּילט זיין מאַסקן-שפּיל איינער אַליין. ער מאַסקירט זיך אַליין און דעמאַסקירט זיך אַליין. ביי אונז איז דער מאַסקעראַדן-שפּיל אויך איינגעטיילט: איינער מאַסקירט זיך, אַ צווייטער דע-מאַסקירט אים, קומט אַ דריטער און דעמאַסקירט דעם צווייטן, קומט אַ פערטער און דעמאַסקירט דעם דריטן, קומט אַ פינפטער און דע-מאַסקירט זיי אַלעמען, און אַזוי כסדר ביז אין אלף הששי אַריין. אַ מאַסקן-קאַרנאַוואַל.

שוואַרצקינסטלער זענען ביי אונז פאַראַן די-והותר. און חכמת-הידניקעס שוויבלען און גריבלען ביי אונז אויף יעדן טראָט. מיר האָבן קינסטלער, וואָס אַלץ ווערט ביי זיי פאַרברענט אונטער די הענט, וואָס יעדע זאַך ווערט ביי זיי כהרף-עין פאַרשוואונדן און נעלם פון צווישן די פינגער, וואָס לייגן נישט אַריין און נעמען אַרויס, וואָס אָט איז עס דאָ און אָט איז עס עורבא פרח... די נפקא-מינה איז, וואָס פראַנקאַרדי גיט כאָטש אַמאָל אַ גענומענעם חפץ צוריק, און אונזערע שוואַרצקינסטלער האַלטן נישט דערפון...

אין דעם פּרט זענען אונזערע שוואַרצקינסטלער פון אַ העכע-רער מדרגה.

פראַנקאַרדי טוט עטלעכע מוזיקאַלישע מלאכות מיטאַמאָל. ער צימבלט אויף אַ צימבל, פייפט אויף אַ פייפל און בלאָזט אויף אַ טראָמבע.

ביי אונז איז עס לעת-עתה איינגעטיילט: ווער עס צימבלט, ווער עס בלאָזט און ווער עס פייפט סתם אָן.

און וואָס נאָך באַווייזט ער, אָט דער פראַנקאַרדי? דער טשוואָק פון זיין פאָרשטעלונג?

ער באַווייזט אַ סצענע, וואו דער גאַנצער פּערסאָנאַזש באַשטייט פון אים אַליין. אַליין אין דער טיטל-ראָלע אַלס פּראָפעסאָר, אַליין פּרימאַדאָנע-זינגערין, אַליין שפּילער, באַגלייטער, לאָקיי וכדומה, נאָר דאָס איז שוין ביי אונז אויך נישט פון די נייסן. אין אונזער פּאָ-ליטיש וועלטל באַגעגנט איר אָפט סצענעס, אינסצעניזירט פון א י ב ע ם,

וואו ער, דער איינער אליין, איז רעזשיסער, שפּילער, טענצער, סופליער, וואו ער אַליין איז דער אָרקעסטער, ערשטע פידל, צווייטע פידל און אפילו אַליין — די מאַסן-סצענע, אליין דער אַפּלאָדירער און בראַוואָ-שרייער...

דיקטאַטאָר הייסט ער אויף אונזער לשון.

הכלל, ווי איר זעט, איז יעדער פון אונז אַ קליינינקער טראַנספאָרמאַטאָר, מעטאַמאָרפאָזיסט. מיר זענען אָבער בלויז אָנפאַנגער. מיט דער צייט וועט יעדער פון אונז אַוודאי ווערן אַ גאַנצער פראַנקאַרדי.

מיט דער צייט, אַבי געזונט און לעבן, קיין „טאַלענטן" וועלן נישט פעלן.

# ווי דאַרף זיך האַלטן אַ חתן, ווען ער קומט אָנקוקן אַ כּלה.

## אַ קאַפּיטל דרך-ארץ.

סופות איז די צייט, ווען חתנים קומען אָנקוקן כּלות, און היות ווי נישט אַלע חתנים ווייסן, ווי צו האַלטן זיך בשעת מעשה און ווי אַזוי צו נוהג זיין זיך אין דער כּלהס שטוב בשעתן אָנקוקן: ווי צו זיצן, ווי צו רעדן און ווי צו עסן, וואָס דאָס איז אָפט גורם צו גרויסע מיספאַרשטענדענישן, נישט געפעלענישן און שידוך-אָפּלאָזענישן, וועלכע פאַרשאַפן אונז פיל קרענקונג און פאַרדראָס און נישט פאַרגינעניש, הלמאי עס געלינגט זיי צו בלייבן צוריק בחורים און ווערן נצול פון די „גליקן פון פאַמיליעלעבן", — לכן קומען מיר צו הילף און גיבן אַ קאַפּיטל דרך-ארץ, ווי אַזוי אויפצופירן זיך בשעתן אָנקוקן אַ כּלה, די שיינע זיטן און מאַניערן, כּדי די חתנים זאָלן נושא-חן זיין אין די אויגן פון דער כּלה און פון דער כּלהס טאַטע-מאַמע און די איבעריקע מחותנים, און די זווגים זאָלן עולה יפה זיין, און די חתנים זאָלן גיין מיט מזל צו דער חופה און אויך זוכה זיין צו פאַרזוכן דעם זיסן טעם פון הייראַטס-גליק און אויך וויסן פון אַ לעבן צו זאָגן, און מיר זאָלן דערלעבן אָן זיי פיל נחת און — נקמה, אמן!

דאָס ערשטע, וואָס אַ חתן דאַרף וויסן, איז — נישט קומען אָנקוקן די כּלה אין אַ פּיזשאַמע, מעג זי זיין (די פּיזשאַמע און נישט די כּלה) אַ האַלב-זיידענע, אָדער אפילו אַ גאַנץ-זיידענע. אַ חתן

מוז טראָגן, לכל-הפחות, אַ פּאָר הויזן און אַ מאַרינאַרקע. אויב זיי האָבן אין זיך פלעקן, מעג מען די פלעקן צוערשט אַרויסנעמען מיט בענזין. זאָל אייך נישט אַרן, טאָמער טראָגט זיך פונם חתן אַ ריח פון בענזין. אדרבא, מענטשן וועלן זאָגן, אַז דער חתן איז אַ צאַצקע—ער „שמעקט". אגב, וועט מען מיינען, אַז דער חתן איז אָנגעשטעלט ביי אַ בענזין-פּלומפּ, וואָס פּלומפּט אָן בענזין אין די אויטאָס, און ער מאַכט אַ שיין לעבן.

גלייך ווי מען קומט אַריין אין דער כּלהס שטוב, באַדאַרף מען זיך אַוועקזעצן מיט דרך-ארץ און וואַרטן, ביז מען וועט דער-לאַנגען — כּיבוד.

עס איז נישט שיין אַריינצופאַלן אין שטוב מיט אַ ויצעקו: „איך בין הונגעריק, ווי אַ הונט! גיכער דערלאַנגט צום טיש דעם כּיבוד!" דאָס קאָן מאַכן אַ *עלנ*כטן איינדרוק.

מען דאַרף אויך נישט זיין קיין חזיר און נישט אויפעסן דעם גאַנצן טאָרט מיט די איינגעמאַכץ, מיט די ניסלעך. מען דאַרף עפּעס איבערלאָזן אויף דרך-ארץ אויך. פאַרגעסט נישט, אַז אַ חוץ אייך, וועלן היינט קומען נאָך עטלעכע חתנים מיט שדכנים אָנצוקוקן די כּלה-מויד און מען דאַרף פּאַר זיי אויך עפּעס איבערלאָזן. זאָלן זיי אויך עפּעס נעמען אין מויל אַריין.

ווען מען שטעלט אייך פאָר די כּלה און די כּלה איז נישט קיין גרויסע יפת-תואר, באַדאַרפט איר נישט אויסשרייען: „אוי, איז דאָס אַ פאַרזעעניש פון זיין ליבן נאָמען!" אָדער: „אוי, איז דאָס אַ קיקעמאָרע!" „אוי, איז דאָס אַ מאַלפּע!" און ענלעכע אַזעלכע קאָמ-פּלימענטן. דעסגלייכן אויב מען שטעלט אייך פאָר דער כּלהס מוטער, איז אויך נישט דזשענטלמעניש אויסצושרייען: „זעט נאָר, אַ סטראַ-שידלע מיט אַ פּאָר פּיסקעס, וואָס וויל זיין מיין שוויגער!" פון אַזעלכע ווערטער קאָנען זיי זיך נאָך באַליידיקן, אויב זיי זענען זייער סובטעלע, עמפּינדלעכע מענטשן.

מיטן מחותּן דאַרף אויך זיין דאָס געשפּרעך אַ העפלעכס און אַ דעליקאַטס. בשום-אופן איז נישט דערלאָזבאַר, אַז ביים ערשטן ברוך-הבא זאָלט איר אים זאָגן:

— פאַניע מחותּן, איר זעט זיך אָן צו זיין אַ ייד אַ פּאַרך. די שיינע טאָכטער, די יינגערע, האָט איר ערגעץ באַהאַלטן, און מיר ווייזט איר אָן אַלטגעבאַקענע „טשאַסטע". איך זע נאָך אייער

גנבהשן פרצוף, אַז איר ווילט מיר דעם נדן אויף איינדרייען, ווי איר האָט איינגעדרייט אייערע בעלי־חובות. זאָלט איר וויסן זיין, אַז איר וועט זיך ביי מיר אויסריכטן אַ פינסטערן סוף, וואָרים איך הייס מאָטיע כניאָק!

אַזעלכע ווערטער דאַרפט איר איצט נישט רעדן. דאָס קאָנט איר איבערלאָזן אויף נאָך דער חופה. לעת־עתּה דאַרפט איר רעדן וועגן אַנדערע זאַכן. איר קאָנט דערציילן וועגן אייער יחוס. למשל: אַז איר האָט אַ פעטער, וואָס איז שוין פינף מאָל געגאַנגען „פליטה", אַז אייער ברודער איז אַ גרויסער ספּעציאַליסט אין וואַשן פּאָסט־מאַרקעס און אַז אייער שוועסטער ברענגט אַלע פרייטיק אַ לעבעדיקן קאַרפּ פון מאַרק אָן אַ גראָשן געלט. דאָס וועט אייך פאַרשאַפן דעם געהעריקן כבוד. דאַקעגן באַדאַרפט איר זיין פאָרזיכטיק, נישט צו באַרימען זיך, אַז איר האָט אין אייער משפחה אַזאַ איינעם, וואָס איז אַ שרייבער, אָדער אַז אייער שוועסטערקינד איז אַ פּרנס, אָדער אַז אייער ברודער איז אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס האָט זיך נישט אַרויפגעאַרבעט צו אַן אייגענעם מאַיאָנטעק, אָדער, חס־ושלום, אַז איר זענט דער פאַרפאַסער פון אַ נייעם באַנד לירישע לידער, — דאָס קאָן ברענגען צו זייער מיאוסע רעזולטאַטן מיט ביטערע קאָנסעקווענצן.

אויב די כלה האָט אַ הויקער אָדער אַ קורצן פוס, אָדער איין אויג, איז נישט פּאַסיק צו רעדן וועגן דעם איר אין די אויגן, נאָר איר קענט זיך וועגן דעם אויסדריקן אויף אַ פאַרשטעלטן אופן. למשל, איר קאָנט זאָגן: „כלה, עפּעס האָט איר אַ היבשן בערגל אויף דער פּלייצע", אָדער: „איין פוס איז ביי אייך, כלה, לענגער", אָדער: „איר, כלה־לעבן, זעט מיט אייער איין אויג בעסער, איידער איך מיט מיינע ביידע, מחמת איר מיט אייער איין אויג זעט ביי מיר ביידע אויגן און איך מיט מיינע ביידע אויגן זע ביי אייך בלויז איין אויג".

דאָס וועט זיין אי קלוג, אי וויציק און עס וועט מאַכן דעם דיכטיקן איינדרוק.

דאָס געשפּרעך מיט דער כלה דאַרף זיין פאַרשידנאַרטיק. צו־ערשט דאַרף עס זיין וועגן פריוואַטע אַנגעלעגנהייטן, נאָכדעם—וועגן פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן; און צולעצט — וועגן אַבסטראַקט־פילאָזאָפישע אַנגעלעגנהייטן. צום ביישפּיל, איר פרעגט אייער כלה: צי האָט זי ליב פּאַסאָליעס? — דאָס איז אַ פריוואַטע אַנגעלעגנהייט. ווייטער: צי האָט אייער עלטערבאָבע ליב פּאַסאָליעס—דאָס זענען שוין פאַמיליע־

אנגעלעגנהייטן. „און צולעצט: „אויב איר וואָלט געהאַט אַן עלטער-באָבע און צי וואָלט זי ליב געהאַט פּאַסאַליעס?” דאָס איז שוין, נאַטירלעך, אַן אַבסטראַקט-פילאָזאָפישער שמועס.

איר קענט ביי איר אויך פרעגן, צי איז זי אַ מיידל. און אויב זי איז אַ מיידל, איז וויפל קינדער האָט זי, און אויב זי האָט נישט קיין קינדער, טאָ זאָל זי אייך זאָגן, ווי אַזוי זי מאַכט עס, אַז זי זאָל קיין קינדער נישט האָבן.

עס איז ווינטשנסווערט אויך צו באַרירן עטלעכע אייגענע כאַראַקטערשטריכן: אייערע געשמאַקן און אַנשויונגען. דערביי באַדאַרפט איר אָבער זיין פאַרזיכטיק נישט אַרויסצוברענגען פון מויל אַזעלכע פראַזן, ווי: „איך האָב ליב צו כאַפּן אַ דרעמל בייטאָג, ווייל אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ליב צו כאַפּן אַ קערטל”. אָדער אַז אייער העכסטער אידעאַל איז אַ נאַכט-קנייפּע. אָדער אַז איר דאַרפט, צי איר דאַרפט נישט — איינמאָל אין חודש האָט איר ליב צו זיין ניכטער.

אַזעלכע פראַזן מאַכן אויף אַ שלעכטן איינדרוק.

עס איז נישט אַנשטענדיק צו פרעגן ביי דער כלה, ווי אַלט זי איז, אָדער צי טראָגט זי פרעמדע האָר, אָדער צי האָט זי אַריינגעשטעלטע ציין. אויב איר זענט שטאַרק נייגעריק, קאָנט איר עס מאַכן הינטן-אַרום, פאַרשטעלט. איר קאָנט, למשל, בעטן ווייזן די מעטריקע, אָדער בעטן, זי זאָל אייך זאָגן ביי וועלכן פריזירער זי באַשטעלט איר פריזור און ביי וועלכן דענטיסט זי מאַכט זיך אירע אַריינגעשטעלטע ציין.

דאָס וועט זיין פאַרשטעלט און זייער דעליקאַט און אייער נייגעריקייט וועט זיין צופרידנגעשטעלט.

לאַנג פאַרזיצן זיך ביי דער כלה באַדאַרפט איר נישט. אויף דער פראַגע: „פאַרוואָס איר איילט זיך אַזוי?” — קאָנט איר ענטפערן דיפּלאָמאַטיש:

— איך האָב היינט, ליידער, קיין צייט נישט. איך האָב נאָך היינט צו זען זיך מיט נאָך עטלעכע אַנשטענדיקערע כלות.

# ברוך שפינאזא אין ווארשע.

(פראגמענט פון אַ חלום).

אַז ברוך שפינאָזאַ איז אָפּגעלעגן 250 יאָר אין קבר, האָט ער זיך מיישב געווען, אַז אַזוי ליגן איז קיין תכלית נישט. מען מוז אַמאָל אויפשטיין צו כאַפּן אַ קוק, וואָס איז געוואָרן מיט דער אומשטערבלעכקייט.

אויפגעשטאַנען, האָט ער צוערשט געכאַפּט אַ צייטונג, וואו ער האָט איבערגעלייענט, אַז גראָד היינט פייערט די וועלט זיין יובילייט.

נאָך מיט חסד — האָט ער געטראַכט — די וועלט האָט מיך נישט פאַרגעסן; דאַכט זיך, אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין דער ריכטיקער צייט. איצט דאַרף מען אַ טראַכט טאָן, וואוהין צו פאָרן. אַמסטערדאַם איז שוין נישט דער גייסטיקער צענטער פון יידן, נאָר וואַרשע; באַדאַרף מען פאָרן קיין ווארשע. ער האָט גלייך גענומען און אָנגעשריבן אַ בריוול צו מלך ראַוויטש.

„טייערער חבר! ווי איך האָב געהערט, האָסטו זיך נישקשהדיק אַרויפגעאַרבעט אין מיין זכות, הן מיט פאָרלעזונגען, הן מיט פאָעמעס. איך בין דיר מוחל. און האָב קיין מורא נישט, אַז איך וועל דיך קומען וואַרגן. איך וואָלט דיך געוואָלט בעטן, אַז דו זאָלסט מיר אַרויסשיקן עטלעכע זלאָטעס, איך זאָל קאָנען קומען קיין וואַרשע. איך האָב געהערט זאָגן, אַז וואַרשע איז געוואָרן אַ גרויסער יידישער צענטער, וואו איך וועל געפינען אַ סך קאָלעגן דאָקטוירים־פילאָזאָפן און אַנשטענדיקע לייט אויך.

מיט פילאָזאָפישן גרוס

דיין ב ר ו ך.“

אויף דעם האָט מלך ראַוויטש געענטפערט:

„קום צו פאָרן, טייערער קאָלעגע שפּינאָזאַ, איך האָף, אַז דו וועסט זיך דאָ איינאָרדענען און האָבן פּרנסה. אמת, עס איז ביי אונז איצט אַן איבערפלוס פון געסט. זשאַבאָטינסקי, שמריהו לעווין, אלישבע, טשערנאָוויטש, ביסטריצקי, גראָסמאַן, און נאָך, און נאָך. נאָר איך מיין, אַז דו ביזט גענוג פּאָפּולער, אַז דו זאָלסט ביי אונז נישט פאַרפאַלן ווערן. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס דו האָסט זיך נישט געווענדעט צו אונז מיט אַ יאָר פריער, מיר וואָלטן געקאָנט קויפן ביי דיר אַן אַרטיקל פאַר די „וואַרשעווער שריפטן”. מיר וואָלטן דיר געגעבן אַ שיינעם אָרט צווישן לעאָ פינקעלשטיין און ד״ר גליקס-מאַן. נאָר ווי זאָגט מען, בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל נישט. קום. עס וואַרט אויף דיר דיין איבערגעגעבענער חבר און פריינט

מלך ראַוויטש”.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז שוין שפּינאָזאַ געזעסן אין ליטעראַטן-פאַריין, געשמועסט מיט די חברים, פון צייט צו צייט געבעטן אַ פּאַפּיראָס, אָפּגעגעבן גרוסן פון קאַנט, העגעל, פּלאַטאָ, שאָפּענהויער.

אין די אָוונטן האָט ער געהערט רעפעראַטן וועגן שפּינאָזאַ. ער איז געזעסן, געהערט און געקנייטשט מיט די פּלייצעס. ער, שפּינאָזאַ, האָט געהערט אַלץ, וואָס מען האָט גערעדט וועגן שפּי-נאָזאַן, אָבער נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט, נישט באַנומען מיט זיין שוואַכן מוח.

ער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט מאַכן צווישן-רופן, אַז דאָס און דאָס האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט און יענץ האָט ער גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט. נאָר דער פאָרזיצער פלעגט אים יעדעס מאָל אָפּשטעלן:

— רואיק, פּאַניע שפּינאָזאַ, רואיק. איר זענט שוין 250 יאָר אַ שוכן עפר, איר האָט שוין פאַרגעסן, וואָס איר האָט געזאָגט. אונזערס אַ דאָקטאָר, אַז ער זאָגט, ווייס ער, וואָס ער זאָגט.

שפּינאָזאַ האָט געפּרוּווט בעטן, מען זאָל אים עפּעס געבן כאָטש פון דעם איינקונפט פון די שפּינאָזאַ-אָוונטן. אויב מען מאַכט פון אים תּחת ושתּי, טאָ זאָל מען אים, לכל-הפּחות, געבן עפּעס צום לעבן. וואָרים כּל-זמן ער איז געווען טויט, האָט ער צו קיינעם נישט באַ-דאַרפט אָנקומען, אָבער איצט, אַז ער לעבט, מוז ער האָבן צום לעבן. ־אָט די פאַרוואַלטונג געענטפערט, אַז קיין געלט קאָן מען אים נישט

געבן. געגוג, אַז מען מאַכט אים רעקלאַמע. איבעריקנס, זאָל ער גיין צום פאַריין פון גלאָזשלייפער... שפּינאָזאַ האָט ווייטער געפּרואווט אָנגעבן אַ גאַנצן צעטל מיט תּביעות צו די איבערזעצער, רעפערענטן און צו די פאַרלאַגן, מען זאָל אים אויסצאָלן אַ ביסל האָנאָראַר.

די זאַך איז איבערגעגעבן געוואָרן צום פּראָפעסיאָנעלן ראַט. נאָר ביז וואַנען דער פּראָפעסיאָנעלער ראַט האָט זיך פאַרנומען מיט זיין ענין, האָט ער אָנגעהייבן ביסלעכווייז שטאַרבן פון הונגער.

שפּינאָזאַ האָט זיך מיישב געווען, אַז מען דאַרף זוכן אַרבעט אין דער וואַרשעווער פּרעסע.

ער האָט גענומען זיין „עטיק” אונטער איין פּאַכווע און זיין „טעאָלאָגיש-פּאָליטישן טראַקטאַט” אונטער דער צווייטער און איז אַוועק בלאָנדזשען איבער די רעדאַקציעס.

צוערשט איז ער געקומען אין רעדאַקציע „די יאַרמולקע”.

— ווער זענט איר?—האָט אים דער רעדאַקטאָר פון „יאַרמולקע” געפרעגט.

— איך בין שפּינאָזאַ.

— שפּינאָזאַ? דערזעלבער, וואָס מען האָט אים אַריינגעלייגט אין חרם?

— יאָ.

— און אַ העברעישן דקדוק, זאָגט מען, האָט איר אויך געמאַכט?

— יאָ.

— אויב אַזוי, טאָ גייט אייך געזונטערהייט. איבעריקנס, אויב איר ווילט, קאָנט איר ביי אונז יאָ בלייבן, נאָר בתּנאַי, אַז איר זאָלט זיך אָפּזאָגן פון אייערע נאַרישע שיטות און שרייבן ביי אונז אַר־טיקלען קעגן די ציוניסטן און פּושעים, ימח-שמם!

שפּינאָזאַ האָט גענומען זיין „עטיק” מיטן „טראַקטאַט” און איז אַוועק אין רעדאַקציע פון „גרויסן מאָנומענט”.

דער רעדאַקטאָר פון „גרויסן מאָנומענט” האָט שפּינאָזאַן אויפ־גענומען זייער העפלעך.

— זיצט, זיצט, פּאַניע שפּינאָזאַ. אַן אָנגעלייגטער גאַסט. אייער נאָמען ווערט ביי אונז גאַנץ אָפט דערמאָנט אויף די שפּאַלטן פון אונזער צייטונג.

— אונטער מיינע אַרטיקלען, נאַטירלעך?—פרעגט שפּינאָזאַ.

— ניין, נישט קיין אַרטיקלען, נאָר אין די שאַראַדן און רע־

טעניש̇ן ווערט אייער נאָמען גאַנץ אָפט געבראַכט. ווען מיר האָבן נאָר באַדאַרפט אַ נאָמען פון אַ פילאָזאָף, האָבן מיר גענומען אייער נאָמען.

— אפשר וואָלט איר גענומען מיין „עטיק" צו דרוקן אין אייער צייטונג?

— אייער „עטיק"? — האָט דער רעדאַקטאָר גענומען זיך קווענקלען. — איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אייער „עטיק" קאָן ביי אונז נישט געדרוקט ווערן מכמה וכמה טעמים: ערשטנס, איז עס צו לאַנג פאַר אַ טאָג-צייטונג, העכסטנס — קאָנען מיר דערפון מאַכן צוויי-דריי אַרטיקלען און דאָס — מיט קאָרעקטיוון, ווייל נישט מיט אַלע אייערע אַנשויוּנגען זענען מיר מסכים; נאָר דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען איר זאָלט אייער „עטיק" לאָזן דרוקן אין אַ זשורנאַל. ס'איז יעדנפאַלס נישט פאַר קיין צייטונג. איין זאַך קאָנען מיר טאָן פאַר אייך: מיר וועלן געבן אויף מאָרגן אַ וואַרעמע נאָטיץ וועגן אייך.

דער רעדאַקטאָר האָט צוגערופן איינעם פון די מיטאַרבעטער און געהייסן אָנשרייבן פאָלגנדיקע נאָטיץ:

„אַ חשובער גאַסט אין רעדאַקציע פון „גרויסן מאָנומענט".

„נעכטן האָט אונזער רעדאַקציע באַזוכט דער חשובער „גאַסט שפינאָזאַ, וואָס ווײַלט אין וואַרשע צוליב ליטעראַרישע „ענינים. דער חשובער גאַסט האָט פאַרבראַכט מיט אונזערע „מיטאַרבעטער אין זייער אַ גייסטרייכן געשפרעך".

אויף דעם האָט זיך די אוידיענץ געענדיקט און שפינאָזאַ איז מיט זיין „עטיק" אַוועק אין דער רעדאַקציע פון „נעכטיקן טאָג".

— ברוך הבא! — האָט אים דער רעדאַקטאָר פון „נעכטיקן טאָג" באַגעגנט. — איר קומט אַוודאי מיט אַ דעלעגאַציע.

— ניין, איך קום אַליין.

— פון פאַלעסטינע, אָדער אַמעריקע?

— ניין, פון האָלאַנד.

— און פונוואַנען קומט איר איצט? — האָט דער רעדאַקטאָר ווידער געפרעגט מיט גרויס חשד.

— פון רעדאַקציע דער „גרויסער מאָנומענט".

— זענט איר, הייסט עס, שוין פריער געגאַנגען אַהין, דערנאָך צו אונז!? — איז דער רעדאַקטאָר געוואָרן אויפגעבראַכט. — וואָס־זשע ווילט איר?

— איך האָב אייך געבראַכט אַ ווערק צום דרוקן.

— וועגן וואָס האַנדלט זיך דאָרט, אין אייער ווערק? וועגן דער „יידישער אַגענץ״?

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— איר ווייסט נישט, וואָס דאָס איז? אַ פילאָזאָף און ווייסט נישט, וואָס הייסט „יידישע אַגענץ״, קאָנען מיר עס נישט דרוקן.

— אָבער ס׳איז אַ גוט ווערק, מיין „עטיק״. פרעגט, וועט מען אייך זאָגן, אַז דאָרט געפינען זיך עטלעכע גוטע געדאַנקען.

— גוט, איר ווייסט וואָס? מיר וועלן עס יאָ דרוקן, נאָר בתנאי, איר זאָלט אַריינשטעלן אַ קאַפּיטל, וועגן עפּעס אַן „אַקציע״...

אויך דערדאָזיקער שידוך איז צונישט געוואָרן, און שפּינאָזאַ איז אַוועק אין רעדאַקציע פון „דעם האָרעפּאַשניק״.

נאָכן אָפּליגן 250 יאָר אין דר׳ערד און נאָכן אַרומלויפן אַ גאַנצן טאָג, איז שפּינאָזאַן נישט גרינג אָנגעקומען אַרויפצוקלעטערן אויף דעם פינפטן שטאָק.

אויפן פינפטן שטאָק פון „האָרעפּאַשניק״ האָט מען שפּינאָזאַן אויפגענומען האַלב פריינטלעך און האַלב נישט פריינטלעך: פריינטלעך — פאַר זיין קאַמף מיטן קלער און אומפריינטלעך — פאַר זיינע קליינבירגערלעכע געדאַנקען.

— עס פרייט אונז זייער צו קענען אייך,—האָט דער רעדאַקטאָר געזאָגט, — איר האָט דער ערשטער אַרויסגעזאָגט דעמזעלבן געדאַנק, וואָס דער לערער גילינסקי פון אונזער „וועלטלעכער״ שול... מיר זענען מיט אייך איינשטימיק. מיר דערציִען שוין לאַנג דאָס קינד אין דעמדאָזיקן גייסט. אונזער פאַקקלאַר ווערט אויך איבערגעאַרבעט אויף דעמזעלבן פרינציפּ. ביי אונז זאָגט מען שוין היינט: „אַז די נאַטור וויל, שיסט אַ בעזעם״, „נאַטור, נאַטור, נאַטור, גיב אַ רעגן פאַר די קליינע קינדערס וועגן!״ „נאַטור, נאַטור, פאַרזוך מיין קאָמפּאָט״. דאָס לעצטע פאַרלירט אַפילו דעם גראַם, דאָך צוליב אונזער וועלט־אָנשויונג אָפּפערן מיר מיט דעם גראַם... יאָ, חבר שפּינאָזאַ, מיר האָבן אַ סך געמיינזאַמעס. פונקט ווי איר פון אייער אַמסטערדאַמער אָרטאָדאָקסיע, האָבן מיר אויך געהאַט אויסצושטיין פון דער חברה „שומרי־שבת״...

אָבער... דרוקן אייער „עטיק" קאָנען מיר נישט; ערשטנס, ווייל עס געהערט צום געביט פון וויסנשאַפט און אויפן געביט פון וויסנשאַפט— האָבן מיר אַן אַנדער שרייבער, וואָס שרייבט ביי אונז אַלע שבת; אַגב, האָבן מיר געהערט, אַז אין אייערע ווערק דערמאַנט איר אַפט „פאָלק", „ירושלים"; אַ סברה, אַז איר האָט באַאיינפלוסט משה העסן, אחד-העמען און אַנדערע... איין זאַך נאָר קאָנען מיר טאָן פאַר אייך: לאָזט איבער אייער „עטיק", וועלן מיר געבן דעם חבר יענקל פּאַט, וועט ער עס איבעראַרבעטן פאַר קינדער און דאַן וועלן מיר עס אָפּדרוקן אין אונזער „קליינעם האָרעפּאַשניקל"...

שפּינאָזאַ איז אַראָפּגעפלויגן פון פינפטן שטאָק און איז געבליבן אין גרויס פאַרלעגנהייט שטיין מיט זיינע ווערק אונטער דער פּאַכווע. פּלוצלונג האָט ער דערזען פון דערווייטנס אַ הויז מיט אַ שילד: רעדאַקציע פון „רויטן שפּרינגער".

— אַ פרישע רעדאַקציע, — האָט שפּינאָזאַ געטראַכט, — מען וועט מוזן דאָ פּרואוון דעם מזל, — און איז אַריינגעקומען.

— הוררא! אַ סענסאַציע! — האָבן די חברה שפּרינגער אויסגעשריען, דערזעענדיק שפּינאָזאַן.

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס, פּאַניע שפּינאָזאַ? -- האָט געזאָגט איינער פון דער חברה, וועלכער פילט זיך מיט פילאָזאָפן פּאַני-בראַט, אַ דאַנק זיין נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט טאָלסטאָי און גאַנדי.

— איך האָב געבראַכט אַ ווערק צו דרוקן אין אייער צייטונג.

— ווי הייסן די ווערק? — האָט דער רעדאַקטאָר געפרעגט.

— „עטיק" און „טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט".

— אַזעלכע זאַכן דאַרפן מיר נישט. אפשר האָט איר טעזיסן, ווי פרייע ליבע, פלירט, פּרויען-פּיס, האָר אַלאַ גאַרסאָן?

— ניין.

— ניין? קאָנען מיר ביי אייך דאָס ווערק נישט נעמען; דערפאַר וועלן מיר פון אייך מאַכן אַ סענסאַציע. עי, חברה!

ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן און חברה „שפּרינגער" האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. באַלד איז געשאַפן געוואָרן פאָלגנדיקער אַרטיקל אונטער דריי גרויסע קעפּ:

## נאָך 50 יאָר טויט צוריק לעבעדיק געוואָרן!!!
## אריינגענומען אין חרם צוליב פילווייבערשאפט!!!
## א שלייפער פון פאלשע געלעזלעך־בריליאנטן אין ווארשע!!!

„נעכטן האָט זיך אין אונזער רעדאקציע „רויטער שפרינגער", וואו עס שוויבלט און גריבלט טאָג־טעגלעך מיט מיליאָנען אינטערעסאנטן,—באוויזן א פארשוין מיטן נאָמען ברוך שפינאָזא, וועלכער איז געלעגן 250 יאָר אין הינערפלעט. אויפן וועג פון האָלאנד איז ער געפאנגען געוואָרן פון א חברה פרויענהענדלער. אים האָט געראטעוועט די שיינע אמאליע פון קארמעליצקע 7, וועלכע האָט געבאָרן פון שפינאָזאן א קינד מיט צוויי קעפלעך: איינס א מענטשלעכס און א צווייטס פון קרויט. דאָס מענשלעכע קעפל האָט אויפגעגעסן דאָס קעפל קרויט און אליין אויף א ראָמאנטישן באָדן. די שיינע אמאליע האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן אלס דער אונטער־שמש פון נאָזשיקס שול. מיט דעם ענין פארנעמט זיך די קרימינעלע אויספאָרשונג".

איצט האָט מען אָנגעשטעלט דריי פאָטאָגראפישע אפאראטן און אָפפאָטאָגראפירט דעם חשובן גאסט פון פאָרנט און פון הינטן.

נאָכדעם האָט מען אים געגעבן א פאטש אין פלייצע און געהייסן גיין.

שפינאָזא האָט דערזען, אז ער קאָן גאָרנישט מאכן, איז ער אוועקגעפאָרן קיין האָלאנד און זיך צוריק אומגעקערט צו זיין אייביקער רו.

# בעטהאָווען.

(מוזיקאַלישער אינטערוויו)

איך האָב עטלעכע מאָל מיט דריי פּערטל טאַקט אָנגעקלאַפּט אין טיר, נאָר קיינער האָט נישט געענטפערט. איך האָב געהאַט בדעה אַוועקצוגיין, מיינענדיק, אַז קיינער איז נישטאָ, נאָר איך האָב דערזען דעם נאָטן-שליסל אין טיר, האָב איך זיך דערמאנט, אַז אפשר הערט ער נישט, מחמת, אויף וויפל איך ווייס, איז בעטהאָווען שוין פון זיין 30-יעריקן עלטער געווען טויב.

איך האָב, אַלזאָ, אַן עפן געטאָן די טיר. די טיר האָט זיך געעפנט מיט אַ סקריפּאַטאָ און איך האָב דערזען אים אַליין, זיצנדיק איבער אַ גרויסן בויגן נאָטן-פּאַפּיר, זייער פאַרטיפט אין שרייבן.

— גוט מאָרגן, — האָב איך געזאָגט מיט אַ זיסן פאַלצעט און מיין שטימע האָט פון שרעק קאָלאָראטורעוועט.—אָ, גרויסער מוזיקער!

ער האָט נישט געענטפערט. עס האָט געהערשט אַ שטילע פּויזע.

איך האָב אַ הוסט געטאָן, אַ רוק געטאָן מיט אַ שטול קרעשצענדאָ, נאָר ער האָט זיך אַלץ נישט אומגעקוקט.

מערקווירדיק, — האָב איך געטראַכט, — נאָך איידער איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַן אינטערוויוער, וויל ער שוין מיט מיר נישט רעדן.

איך האָב זיך אויסגעדרייט פּונקט קעגן אים און ער האָט מיך דערזען און מיך האַרציק באַגריסט מיט אַ שמייכלדיקן אַדאַזשיאָ.

— מיט וועמען האָב איך די ערע? — האָט ער געפרעגט, אָנשטעלנדיק זיין רערל צום אויער.

— אַנטשולדיקט, — האָב איך געזאָגט מיט אַ זיסן פּיסקאַטאָ, — איך בין אַן אַנשטענדיק מענטשל, כ׳האָב נאָך װעגן אײַך און אײַער מוזיק נישט געשריבן, און בין װערט פֿון אײַך אױפֿגענומען צו װערן.

— איז װאָס-זשע װילט איר?

— איך װיל װיסן, װאָס איר מאַכט, — האָב איך געענטפֿערט פּיאַניסימאָ.

— אָט, נישט צו פֿאַרזינדיקן. זיך „דערשטאַרבן", דאַנקן גאָט, צו אַ הונדערט-יעריקער יובילײ-פֿײַערונג, און איך האָב געמײנט, אַז איך װעל שױן קײן תּחית-המתים נישט אױפֿשטײן... אַ װערטעלע צו זאָגן, װיפֿל מען האָט עס מיך צעהרגעט אין משך פֿון די לעצטע הונדערט יאָר! מיט שבֿחים, מיט לעקציעס, מיט רעפֿעראַטן, מיט קאָנצערטן,— יעדער האָט געטאָן דאָס מעגלעכסטע, מיך צו דערהרגענען. די ראַדיאָ-אָרקעסטערס, די קאַמער-קאָנצערטן. װאו נאָר אַ שטוב מיט אַ פּיאַנאָ, האָט מען מיך צעממיתט, צעשעדיקט. אַז איך בין אַרױס אַ גאַנצער, אַז אַ קאַקאָפֿאָניע, איז טאַקע נסים מן השמים.

— זענט איר צעפֿרידן מיט אײַער יובילײ?

— צעפֿרידן? אװדאי װאָלט איך געװען צעפֿרידן, װען נישט יענער, װי הײסט ער דאָרט, אײַער שפּינאָזאַ, װאָס איז מיר אַרײַנגעפֿאַלן װי אַ יון אין סופּה: פּונקט אין דעמזעלבן חודש, װען איך גײ פֿײַערן מײַן יובילײ, האָט ער געמאַכט זײַנעם. נישט שײן פֿון זײַן זײַט. נאָר אַ ייִד איז פּעאיק אױף אַזעלכע זאַכן, אַבי אָפּטאָן אַ גױ אַ שפּיצל. דו װײסט, אַז איך האָב אַן אונטערנעמונג אין דער און דער צײַט, האָסטו באַדאַרפֿט נעמען אַ קאַלענדער אָדער אַן ענציקלאָפּעדיע און אױסגעפֿינען, װען איך בין געשטאָרבן און מאַכן דײַן אונטערנעמונג — עטװעדער מיט אַ האַלב יאָר פֿאָרױס, אָדער אָפּלײגן עס מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער. װאָלטן מיר בײדע גוט געמאַכט.

און איצט װאָס? פּע, נישט שײן. ער האָט מיר אונטערגעשטעלט אַ פֿיסל, אײַער שפּינאָזאַ.

איך האָב אים געגעבן צו פֿאַרשטײן, אַז שפּינאָזאַ איז דאָ גאָט די נשמה שולדיק, אַז שפּינאָזאַ האָט אונטערגענומען זײַן טױט, פּונקט מיט 150 יאָר פֿאַר אים, בעטהאָװענען, און דעמאָלט האָט ער נישט געקאָנט אױסרעכענען דעם דאַטום, װען ער, בעטהאָװען, װעט שטאַרבן. װײַל קײן „אײביקע קאַלענדאַרן" זענען נאָך דעמאָלט נישט

געווען. און, אַגב, איז מסתמא דער אימפּראָוויזאַציע שולדיק. אַדרבה,— האָב איך געזאָגט,— שולדיק זענט איר, בעטהאָווען, אַליין. איר האָט דאָך געוואוסט ווען שפּינאָזאַ איז געשטאָרבן, האָט איר באַדאַרפט אייער שטאַרבן אָפּלייגן אויף אַן אַנדער דאַטום.

און נאָך האָב איך אים געטרייסט, אַז דער דערפאָלג זיינער איז געזיכערט. אַ ראיה האָט ער, וואָס אַפילו די „פילהאַרמאָניע" איז צו זיין גאַלאַ-קאָנצערט געווען פול, כמעט ווי אין אַ קינאָ.

— יעדנפאַלס,—האָב איך אים געזאָגט, — איז שפּינאָזאַ דאָ נישט שולדיק. קיינער שטערט אייך נישט. און אויב עמעצער שטערט אייך, זענען עס גאָר, גאָר אַנדערע צוויי פּאַרשוינען

— דהיינו?

— פּאַשאָוו און פּינעצקי *).

— ווער זענען זיי עס אַזעלכע?

— דאָס זענען אויך צוויי גאונים: איינער אַ דענקער, דער צווייטער אַ מוזיקער.

דער ערשטער קען פאַלן אויף אַ פאַל, אַז די ערד זאָל אַ ציטער טאָן. מיט איין קלאַפּ קאָן ער דערשיטערן די מוחות פון הונדערטער פילאָזאָפן און סתם מענטשן. און דער צווייטער קאָן אויפהייבן אַ פּיאַנאָ מיט איין פינגער, דעם גרעסטן אָרקעסטער קאָן ער פירן אויף איין טאַטשקע. מיט איין וואָרט, זיי האָבן אַ ביסל געשטערט.

— האַלט מען דאָ פון מיר? — האָט ער געפרעגט מיט אַ ניי-געריקן מעטשאַוואַטשע.

— פרימאַ, פּאַניע בעטהאָווען. אייער 9-טע סימפאָניע איז גאָר אַ וואַזשנע שטיקל אַרבעט. אַפילו אונזער מוזיקאַלישער רעצענזענט איז אויך מסכים. ער האַלט פון אייך.

— וואָס רעדט איר!

און ער האָט אָנגעהייבן רעדן מיט אַ באַרימערישן אַלעגראַ, ווי אַ מוזיקער קען.

— און די פינפטע סימפאָניע מיינע, מיינט איר, איז שלעכט?

*) אַטלעטן.

איר ווייסט, וואָס שומאַן דערציילט וועגן מיר? ער דערציילט, אַז איינמאָל איז ער געזעסן אויף אַ קאָנצערט, מען האָט געשפּילט מיין 5-טע סימפאָניע. ביים איבערגאַנג פון דריטן צום פערטן טייל האָט ער דערפילט, ווי עמעצער, אַן אומבאַקאַנטער פּאַרשוין קלאַמערט זיך אָן אים. אויף זיין פראַגע, וואָס זאָל עס באַטייטן, האָט דער אומבאַקאַנטער געענטפערט, אַז עס טרייסלט אים פאַר שרעק.

— נו, דאָס — האָב איך געזאָגט,—איז אויף אונזערע קאָנצערטן נישט פון די נייסן. אָט, למשל, בין איך איינמאָל געזעסן אויף דער אָפּערע פון „דוד און בת-שבע" פון אונזער קאָמפּאָזיטאָר הענאָך קאָן, האָב איך אויך דערפילט, ווי עמעצער קלאַמערט זיך אָן מיר. נאָכ-דעם האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ביי מיר פעלט דער טאַשנזייגער... נאָר נישט דאָס בין איך אויסן. אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב אייך געוואָלט פרעגן — האָב איך גערעדט פּאַרטאָ — איבער וואָס פאַר אַ ווערק אַרבעט איר איצט? געוויס שרייבט איר איצט אַ צענטע סימפאָניע?

— חלילה, איך שרייב איצט אַ טשאַרלסטאָן „וויז מיר, וואָס דו האָסט". איך מיין, אַז דאָס וועט זיין אַ שלאַגער. „קווי-פּראָ-קוואָ" וועט עס געוויס אויפכאַפּן און דער „סמבטיון" אַוודאי. אַ „שימי" האָב איך שוין אויפגעשריבן, אַ „בלאָז" אויך. איך האָב דאָס געוויזן גאָלדן און פּעטערסבורסקין, האָבן זיי געזאָגט בראַוויסימאַ! עס איז אויסגעצייכנט! פאַר אַן אָנפאַנגער איז עס צו גוט. איך שרייב טאַקע אונטער זייער איינפלוס. זיי זענען מיינע לערער. גאָט פאַרלאָזט מיך נישט. אַמאָל זענען מיינע לערער געווען מאָצאַרט און היידן און הייגט גאָלד און פּעטערסבורסקי.

— וואָס איז אייער מיינונג וועגן דזשאַז-באַנד?

— אָ, דזשאַז-באַנד,—האָט ער געזאָגט מיט מאַזשאָר,—איז זייער אַ גוטע זאַך, מען קאָן זאָגן—אַ געניאַלע זאַך! מ'זעט באַשיינפּערלעך, אַז איר זענט אין דער מוזיק אַוועק זייער פּאַרטאַ. ערשטנס, געפעלט מיר דער דזשאַז-באַנד צוליב זיין עקאָנאָמיע. איין מענטש קאָן באַ-שטיין פאַר אַ גאַנצן אָרקעסטער; צווייטנס, איז עס גוט אפילו פאַר טויבע אויך. איך געדענק, וואָס פאַר אַ טראַגעדיע איך האָב איבער-געלעבט אַמאָל, ווען איך בין טויב געוואָרן. וואָס פאַר אַן אומבאַ-שרייבלעכע ליידן איך האָב געליטן פון דעם, וואָס איך, דער שעפער,

האָב נישט געקאָנט הערן מיין אייגענע מוזיק. אָבער דער דזשאַז־באַנד איז פאַר מיר אַן אמתע ישועה. אַ זאַך, פון וואָס אַלע ווערן טויב, וועל איך אַוודאַי ווערן הערנדיק...

אויף דעם האָט זיך אונזער אינטערוויו געענדיקט. פינאַלאַ.

זייענדיק צעפרידן מיט זיין מייַנונג וועגן דער מאָדערנער מוזיק, האָב איך אים געדריקט די האַנט, און געזעגענענדיק זיך מיט אַ דינעם סטאַקאַטאַ, בין איך אַרויס פון צימער.

## פוז וואָס אַן אַקטיאָר מאַכט אַ לעבן.

### קאַפּיטל איינס.

### ער קריגט אַ בויך

זיך האָב אים געטראָפן אין אַ צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין וואַרשע. מיר זענען געווען בלויז צוויי אין אַ קופּע פון צווייטן קלאַס.

זיי:ע דאַרע באַקן זענען געווען פריש ראַזירט, זיין דאַרער קערפּער האָט זיך געבאָמבלט אין אַ ברייטן, נייעם, זייער נייעם ברוינעם אַנצוג מיט אַ קליין זיידן טיכעלע אין דער אויבערשטער טאַש, אַ זיידן העמד לעבער-קאָליר מיט אַ גרינעם נייעם קראַוואַט (4 מיט אַ האַלב זלאָטע שוין צוזאַמען מיטן אויבערשטן נאָזט־כל). אויף זיין געשפּרינקלטער וועסט האָט זיך געבאָמבלט אַ ברייטע זיל־בערנע קייט מיט אַ סך ברעלאָקן: אַ פידעלע, אַ האַרפּע, אַ שיכעלע, אַ לאָבוס, אַ ביכעלע, אַ שאַרבן, אַ האַרץ, אַ מעדאַליאָן און נאָך אַנדערע זאַכן.

זיין פּנים האָט גאָרנישט אויסגעדריקט, אַ חוץ אַ שטאַרקן חשק צו כאַפּן אַ שמועס.

איך האָב אים געטאָן צוליב און געפרעגט:

— פאָרט מען וויט?

ער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף פון אָרט. אַריינגערוקט מיר אַ דאַרע האַנט און אַ זאָג געטאָן מיט אַ טיפן באַס פ׳ן אַ טראַגיקער:

— איך האַבע די ערע! מיין נאַמע איז זיגמונט ראָלקין, אַרטיסט און שוישפּילער, כאַראַקטער־ראָליסט, סטאַר פון מאָגעלניצער ט׳אַטער.

מיין אַמפּלואַ — פֿאַטער-ראָלן, טיטל-ראָלן, עפּיזאָדן-ראָלן און אַנדערע אינטריגאַנטן-ראָלן. איר זענט אַ שרייבער, איך קען אייך. די קונסט האָט זיך באַגעגנט. איך דרי און גראַטולירי אייך אויס מיין מיטגעפיל.

— זייער אַנגענעם. וואוהין פאָרט מען?

— קיין וואַרשע.

— און פונוואַנען? קאָן איך פרעגן?

— מען האָט געשפּילט.

— טעאַטער?

— טעאַטער — נישט טעאַטער, נאָר מען האָט געשפּילט די ריכטיקע אַמפּלואַ.

דערביי האָט ער געגעבן אַ פינטל מיט אַן אייגל און געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט געזאָגט אַ זייער צווייִדייטיקע זאַך.

— וואָס דען האָט איר געשפּילט? אין קאָרטן? אין ביליאַרד? אין רולעטקע? אויף די ווישטשיגעס?

— דאָס קאָן איך אייך נישט זאָגן. דאָס איז אַ געהיימניסע דער נאַטור. איבעריקנס, אויב איר זענט אַן אַמאַנט, וועל איך דערציילן אַ זעלטענע פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז פאַרלאָפן היינטיקן זומער, אויב איר וועט מיר פאַרשפּרעכן נישט צו באַשרייבן. איבעריקנס, קאָנט איר עס יאָ באַשרייבן, נאָר מיין נאָמען זאָלט איר נישט דערמאָנען. איבעריקנס, קאָנט איר מיין נאָמען יאָ דערמאָנען, נאָר אַ „פּסעוודאָנים". איבעריקנס, קאָנט איר דערמאָנען מיין אמתן נאָמען זיגמונט ראָלקין. אַ דאגה האָב איך, איך בין סייווי אַ מענטש פון עפנטלעכן געברויך.

און ער האָט גענומען דערציילן. ער האָט גערעדט מיט צוויי שטימען און מיט צוויי דיאַלעקטן. מער-געהייבענע פּראַזן פלעגט ער רעדן מיט אַ באַסאָווער פייערלעכער שטים, אין טעאַטער-דייטש, געוויינלעכע פּראַזן—מיט אַ געוויינלעכער שטים, אין געוויינלעכן יידיש.

— יאָ! — האָט ער אַרויסגעברומט מיט אַ טיפן באַס, ווי פון אַ פאַס אַרויס. — ווי זאָגט דער שטן אין „גאָט, מענטש און נקמה": „ברויזט און רוישט, איר ווילדע עלעמענטע דער נאַטור"! יאָ... עס וואַר איין אַנפאַנגס זומער. דער טעאַטער-סעזאָן וואַר צו ענדע, און מען איז געוועזן אויף געבראָטענע צרות. מען האָט געליטן, וויסענזי, שבעה „מידאַדריי" גיהנום. דער ווינטער, אָבוואָל מען האָט געשפּילט, איז אויך געוועזן אַ קלאָגעדיקער, צוליב דער „ליטעראַטור". ליטע

ראַרישע פּיעסן האָט זיך זיי פאַרגלוסט, אַ מהומה אויף זיי. האָבן מיר באַשלאָסן צו שפּילן „ליטעראַטאַטישע" פּיעסן. געשפּילט „די ווייסע שקלאַווין", איז דער עולם אויך נישט געקומען. מען איז גע-בליבן, וויסענזי, מיט דער צונג אינדרויסן, דאָס גאַרדעראָב פאַרמשכונט, און „יאַכלען" דאַרף מען. עס איז געקומען—כאָטש לייג זיך און פּגר... פּלוצלונג, איינמאָל, ווי איך זיץ אַזוי ביי אַ ווינקל טישל אין דער רעסטאָראַציע „אמור", ביי מיין פריינט צאַלע בלינטשיק און עס אַ מיטאָג אויף באָרג, זאָגט ער צו מיר אַזוי:

— זיגמונדזיע, דו ווילסט שפּילן טעאַטער?

— איך וויל, אַוודאי וויל איך. נאָר פון ווען אָן ביזטו דאָס געוואָרן אַ טעאַטער-דירעקטאָר? אַז בסך-הכל ביזטו אַ רעסטאָראַטאָר, ווייס איך, און אַז דו האָלסט אָט דידאָזיקע פרעסאַרניע, אַ פּגירה אויף דיר!

זאָגט ער:

— קיין טעאַטער-דירעקטאָר בין איך טאַקע נישט, נאָר היות ווי איך האָב געעפנט אַ פענסיאָנאַט מיטן נאָמען „הלעיטני" אויף דער דאַטשע „טשיכבעמירע", וויל איך, אַז דו זאָלסט אָנקומען צו מיר און שפּילן אַ ראָליע יאַק שיען באַלעזשי, מיטן קנאַק!

— וואָס פאַר אַ ראָליע?

— אַ ראָליע פון אַ דיקן אָנגעפרעסענעם „פּישוין" מיט אַ דיקן בויך.

— וואָס איז דאָ צו שפּילן, — זאָג איך, — וועסט מיר געבן צו קייען, וועל איך ווערן דיק, און וועל קריגן אַ פּעמפּיק פון אַ גאַז-רעזערוואואַר. איך האָב, זאָג איך, אַזאַ נאַטור, אַז מען גיט מיר צו קייען, פּאָפּראַוויע איך מיך.

— עסן, — זאָגט ער, — וועל איך דיר געבן אַ קרענק. אַ קונץ איז ווערן דיק פון עסן? געוואוינג האָסטו זיך שוין אָנגעפרעסן ביי מיר אין רעסטאָראַציע אויף באָרג; אַדרבה, עס נישט און ווער דיק. ויאכלו — מאַכט רש"י: מען האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי מען האָט געפרעסן. ביזט נישט חולה אויך זיך צו מאַכן, אויף דעם ביזטו דאָך עפּעס אַן אַקטיאָרטשיק. ס'מזל אויף דיר. און אויף דער בינע גיט מען דיר אַן אמתדיק עסן? קדחת גיט מען דיר אין אַ פאַרעווער פּאָקרישקע, פּאַפּירענע בולקעס גיט מען דיר, ליימענע קאָטשקע און קאָטלעטן פון קלאָטשע. און אַז דו טרינקסט שאַמפּאַן, איז עס דען

שאַמפּאַן? קרענק גיט מען דיר, וואָדאָטשאָנג טרינקסטו. פונדעסטוועגן, אַז מען דאַרף קריגן אַ בויך — קריגט מען. דו ווייסט דאָך בעסער, ווי מען מאַכט עס. אויף דעם ביזטו דאָך אַן אַרטיסט פון פּאַטער־ראָלן. וועסטו ביי מיר אויך אַזוי טאָן. צו ביסלעכווייז, יעדן טאָג, מוזטו ווערן דיקער, פעטער, ביז ענדע חודש דאַרפסטו ווערן אַן אַטלעט, אַ ריז, און מיט אַ דיקן פעטן בויך אָט אַזוי אָ! אַ רעקלאַמע, דו פאַרשטייסט? דו ביזט מיין רעקלאַמע ביזטו. אַ פייער זוכט דיך! אַ לעבעדיקער מוסטער פאַר מיין פּענסיאָנאַט „הלעיטני” און דערפאַר וועסטו באַקומען גאַזשע. פאַרשטאַנדען?

— איך פאַרשטיי, פאַרוואָס זאָל איך נישט פאַרשטיין?

מיר זענען מושווה געוואָרן. איך בין, וויסענזי, אָנגעקומען אין פּענסיאָנאַט „הלעיטני” און זיך גענומען צו מיין ראָלע. יעדן טאָג פלעג איך אָנטאָן אַ נייע קאַמזעלקע מיט אַ פּאָר וואַטאָווע, וויסענזי, פּלוידערן. דעם בויך פלעג איך אַרומבינדן מיט אַ האַנטוך. ביז ענדע חודש האָב איך שוין געטראָגן 12 קאַמזעלקעס, דריי פּאָר וואַטאָווע פלוידערן, אַן איבערבעט און אַנדערע כאַראַקטעריזאַציעס. די געסט האָבן מיך באַוואונדערט. פאַר זיי אין די אויגן בין איך צעוואַקסן, ווי אַ באַרנבוים. וואָס זאָל איך אַ סך ברייען, מיין בויך האָט גע־שפּילט מיט דער אמתער מימיק און טאַלענט. מיין פּריינט בלינטשיק האָט געמאַכט די אַפּותיקאַ. אַן אָנגעלויף פון געסט, און אַלץ צוליב מיר, זאָלן מירביידע אַזוי לעבן.

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ באַגייסטערטן שטורך מיט זיין פינגער־קנעכל אין בויך, געמאַכט „קקכך”... און ווייטער גערעדט:

— און אַז איך האָב דערזען, אַז דאָס געשעפט וואַקסט, ווי אויף הייוון, און אַז דער „זבאָר” איז געזיכערט, און אַז מיין פריינט ווערט אַ גביר, אַ חזיר מיט מאָראַלישע פאָדערונגען, האָב איך זיך מיישב געווען און געמאַכט אַ סטרייק: באשר איך וויל, מען זאָל מיר געבן עסן צוגלייך מיט אַלע געסט. ווי זאָגט כאַצקל דראַכמע: „דו גיב מיר עפּעס אין מויל אַריין”, באם לאַו — נעם איך און וואַרף פון זיך אַראָפּ די גאַנצע רעקלאַמע, די אַלע קאַמזעלקעס מיט די האַנ־טיכער, מיט די וואַטאָווע פלוידערן, מיט דער פערענע פון בויך, מיט דער גאַנצער כאַראַקטערזאַציע, און — האָדיע! אויס בויך! נישט קיין בויך און נישט קיין שפּאָנדרע, און מיר וועלן זען, ווי אַזוי ער וועט דעמאָלט אויסזען מיט זיין פּענסיאָנאַט „הלעיטני”.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויסגעפירט און עס איז געווען אָלרייט! געריבן די סעודה ביים טיש, אַז אַ רויך איז געגאַנגען.

אָט אַזוי האָב איך, וויסענדי, אָפּגעשפּילט און געגעסן מיט גרויס טאַלענט און טעמפּעראַטור גאַנצע 4 וואָכן. אַז מיין פריינט, דער פּענסיאָנאַטשיק האָט געזען, ווי כאַראַקטער-טריי און קינסטלעריש איך פיר אויס מיין ראָליע און ווי אַזוי איך האָב אים געטריי געדינט מיט מיין בויך, האָט ער, אויס דאַנקבאַרקייט, מיך רעקאָמענדירט צו זיינעם אַ פריינט, און איך האָב ווידער באַקומען אַ שפּאָגל-נייעם „אַנגאַזשמאַן", צו וועלכן איך האָב אויך נישט צוגעלייגט.

דאָס האָט איר קאַפּיטל נומער איינס, און איצט וועלן מיר אַרויסגיין אין בופעט עפּעס איבערכאַפּן. נאָכדעם וועל איך אייך ווייטער דערציילן.

קאַפּיטל צוויי.

## ער ווערט מאָגער.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן צוגעביסן אין רעסטאָראַציע-וואַגאָן און מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין אונזער קופּע, האָט דער אַקטיאָר אַרויסגענומען זיין פּאָרטציגאַר, מכבד געווען מיך מיט אַ ציגאַר, אַליין אויך פאַררויכערט אַ האַלבן ציגאַר און ווידער גענומען דערציילן:

— עס וואַר פּאָרטרעפליכט, וויסענזי! ווי זאָגט אוריאל אַקאָסטאַ אין „געלט, ליבע און שאַנדע": „דער שיקזאל, דער שיקזאל! אַ, שיקזאל!"

און באַלד איז ער איבערגעגאַנגען אויף זיין געוויינלעכן קול און אויפן פּשוטן מאַמע-לשון:

— מיין פריינט, וויסענזי, צאַלע בלינטשיק, דער אייגנטימער פון פּענסיאָנאַט „הלעיטני" אין טשיכע-בעמיכע איז געווען זייער צעפרידן פון מיר. איך האָב די ראָליע פון אַ דיקן פּאַרשוין מיט אַ גרויסן בויך געשפּילט קאָלאָסאַל, מייסטערהאַפט, אַזוי, אַז זיין רעקאָמענדאַציאָנס-בריוו, וואָס ער האָט מיר געגעבן צו זיין פריינט ד"ר פּיפּיגער, איז געווען פול מיט די בעסטע „ריינפערענצן" און לויבגעזאַנגען וועגן מיר און מיין אַטראַקציאָן. ד"ר פּיפּיגער האָט געהאַט זיין סאַנאַטאָריום אין דער געגנט „גרינער וואָרצל". זיין סאַנאַטאָריום האָט געהייסן: „צו געזונט, צו לעבן, צו לאַנגע יאָר". ער האָט מיך אויפגענומען אין זיין קאַבינעט מיט גרויס עלעגאַנץ און געזאָגט אינטעליגענטיש:

— איך בין גליקלעך צו זען אין די ווענט פון מיין סאַנאַ־טאָריום „צו געזונט, צו לעבן, צו לאַנגע יאָר” אַזאַ טאַלענט, ווי איר. מיין פריינט בלינטשיק האָט מיר וועגן אייך געשפּראָכן. איר זענט אַ וואַרער זשעני. איצט וועט איר שפּילן ביי מיר אַ נייע ראָליע.

— אויך פון אַ דיקן?

— אומגעקערט, ביי מיר וועט איר דאַרפן שפּילן אַ ראָליע פון אַ מאָגערן, ד. ה. פון אַ פּאַרשוין, וואָס האַלט אין איין מאָגער ווערן.

— ווי אַזוי זאָל איך דאָס מאַכן?

— ווי אַזוי האָט איר געמאַכט, אַז איר זאָלט זיין דיק?

— מיט רעקוויזיט האָב איך עס געמאַכט, מיט בעטגעוואַנט... יעדן טאָג פלעג איך אָנטאָן אַ נייעם מלבוש, וואַטאָווע הויזן, קאַמ־זעלקעס, אַ פּערענע אויפן בויך און אַנדערע גאַרדעראָבן.

— אָט־אָט, דאָסזעלבע וועט איר טאָן ביי מיר אויך, נאָר אומ־געקערט. איר וועט אַריינקומען אין אייער גאַנצן אָנטועכץ, ווי איר זענט פון דאָרט אַוועק. און ביי מיר וועט איר יעדן טאָג אַראָפּ־וואַרפן אַ בגד, אַזוי ווייט ביז איר וועט בלייבן אָן בגדים און איר וועט ווערן דאַר, ווי אַ שפּאָן און אָפּגעצערט, ווי אַ דראָנג.

— אַנטשולדיקט,—זאָג איך,—איך בין וויסענזי, נישט קיין דראָנג, איך בין אַן אַרטיסט.

— דאָס ווייס איך... עס רעדט זיך נאָר אַזוי, איר וועט ווערן דאַר, ווי אַ דראָנג... איבעריקנס, דאַרף איך דאָך אייך נישט לערנען ווי צו טאָן, אויף דעם זענט איר דאָך עפּעס אַן אַרטיסט, אַ כאַראַק־טער־ראָליסט פון פּאַטער־ראָלן, און איר וועט שוין וויסן, ווי צו שפּילן דידאָזיקע ראָלן... אייער געטלעכער טאַלענט וועט אייך שוין דיקטירן, ווי צו שאַפן דעמדאָזיקן כאַראַקטער־טיפּ. דער עיקר נאָר, איר זאָלט שפּילן מיט גרויס נאַטירלעכקייט און מיט גרויס פּאָרזיכ־טיקייט און טעמפּעראַטור, קיינער זאָל, חלילה, נישט אָנשטויסן זיך און דאַן באַקומט איר פון מיר גאָר אַ שיינע גאַזשע

— און עסן? — פרעג איך.

— עסן, זעט איר, וועט איר ביי מיר האָבן אַ מכה, דאָס הייסט, איר וועט ביי מיר זיין אויף אַ דיעטע... אַלע געסט און פּאַציענטן זענען ביי מיר אויף אַ דיעטע, עסן קדחת און פאַרבייסן מיט כשרן פּאָדעם, מחמת מיין סאַנאַטאָריום איז דאָך אַ סאַנאַטאָריום פאַר פעטלייביקע, וואָס קומען אַהער אָפּצערן זיך, ע נ ט פ ע ט ו נ ג ס ־ ק ו ר

הייסט עס. די גרעסטע אַכט ווערט דאָ געלייגט, אַז דער גאַסט זאָל באַקומען וואָס ווייניקער עסן. מיר באַמיען זיך מיט אַלע כּוחות און, מיט גאָטס הילף, מיר פירן עס אויס — אַנשטאָט עסן גיבן מיר צו לייענען די ווערק וועגן שטאָף-וועקסל, וויטאַמין און טעלעקאָקן, פון וואָס דער קערפּער ווערט שלאַנק און גראַציעז און באַקומט די שיינע ליניע... און באַזונדערס בעט איך אייך, אַז אויב די געסט וועלן ביי אייך פרעגן, ווי אַזוי איר זענט געוואָרן אַזוי דאַר און מאָגער, און ווי אַזוי איר האָט באַקומען אייער שיינע שלאַנקע ליניע, זאָלט איר זיי זאָגן, אַז דער עיקר איז — נישט עסן... אָבער לחלוטין נישט עסן!.. דאָס באַדאַרפט איר אונטערשטרייכן מיט דער גאַנצער זיכערקייט פון אייער שפּיל-קראַפט. איר מיט אייער דיקציע און מיט אייער אָרגאַן וועט זיי זיכער איבערצייגן. זעט איר, ביטער-זאַלץ קאָנט איר זיי רעקאָמענדירן וויפל אייער האַרץ גלוסט... גיט זיי צו פאַרשטיין, אַז ביטער-זאַלץ איז דער הויפּט-פונדאַמענט פון מענטשלעכן לעבן, דאָס איז דער לעבנס-זאַפט, דער באַלזאַם, דער קווינט-עסענץ... מיט איין וואָרט, זאָגט זיי, וואָס איר וועט זיי זאָגן, נאָר דער עיקר — אַ מענטש זאָל מען זיין! פּאַניאַל?

הכּלל, וויסענזי, מיר זענען מושווה געוואָרן, און איך האָב באַקומען מיין נייעם פּאָסטן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אין סאַנאַטאָריום „צו געזונט, צו לעבן, צו לאַנגע יאָר" אַריינגעפאָרן אַ דיקער פאַרשוין מיט אַ גראָבן בויך און מיט אַ פּאָר געשוואָלענע פיס... דאָס איז געווען—איך, איך אַליין מיט מיין אייגענער „פּערסאָנא גראַטעס", וואָס האָט געטראָגן אויף זיך צוועלף וועסטלעך, דריי פּאָר וואַטאָווע פליודערן און אַ פּערענע אויפן בויך.

איך האָב גענומען, וויסענזי, שפּילן מיין ראָליע. יעדן טאָג פלעג איך אַראָפּוואַרפן אַ בגד, דאָ אַ פּאָר הויזן און, דאָ אַ וועסטל, מיט איין וואָרט, עס איז געווען דער אמתער „וועסטל-שטאָף". דאָס בעטגעוואַנט אויף מיין בויך האָב איך געטוישט, ווי קאָמפּרעסן; פון דער פּערענע בין איך אַריבער אויף אַ קישן, פון דעם קישן — אויף אַ קישעלע, פון דעם קישעלע אויף אַ האַנטוך, ביז איך בין געוואָרן דאַר, ווי אַ באָקסער און לייכט, ווי אַ פעדער.

הכּלל, וויסענזי, עס וואָלט געווען גאָר גוט, ווען נישט דאָס עסן, דאָס הייסט נישט אַזוי דאָס עסן, נאָר דאָס נישט עסן, און

נישט אַזוי דאָס נישט עסן, ווי דער פֿאַרדרוס, פֿאַרוואָס זאָל איך נישט עסן!? מילא, זיי, די פּעטלייביקע געסט, די אָנגעפּרעסענע און אויסגעפּאַשעטע פּאַרשוינען, זיי האָבן זיך געגנוג אָנגעפּרעסן אין זייער לעבן, זיי דאַרפֿן זיך צערן, מאָגערן זיך, אָפּקומען... זיי דאַרפֿן זיצן אויף אַ דיעטע, מיט אַ „רעשימס", מיט אַ קור, אָבער צו וואָס דאַרף איך עס? איך, וואָס האָב אין מיין גאַנצן לעבן נישט אָנגעגעסן זיך כאָטש איינמאָל אַזוי, אַז איך זאָל אין דערזעלבער רגע נישט וועלן נאָך עסן—צווואָס דאַרף איך דיעטע מיט „רעשימס"? אַז סך-הכל בין איך פון דער באַטור אַ מענטשל מיט אַ היפּשן אַפּעטיט און האָב ליב די אכילה ס'חיות: צו וואָס זאָל איך מיך מאָרדעווען און פאַסטן תעניתים?

האָב איך גענומען, וויסענזי, און פאַרשטרייקט און אַרויסגעשטעלט מיין דאָקטאָר, דעם באַלעבאָס, פאָלגנדע מאָראַלישע באַדינגונגען: קודם-כל— עסן. איך באַדאַרף נישט קיין דיעטע, קיין „וויטאַמין", קיין „פּלאַק-האַקן", און באם מען וועט פון מיר נישט אַראָפּנעמען די דיעטע און מען וועט מיר נישט געבן עסן צו זעט, וועל איך אויף מיר אַרויפנעמען צוריק דאָס גאַנצע ביסל בעבעכעס, מיט די הויזן, מיט די קאַמזעלקעס און וועל ווערן צוריק דיק און פעט מיט אַ דיקן בויך, אָדער איך וועל גאָר געשוואָלן ווערן פאַר הונגער און מיר וועלן זען, וואָס פאַר אַ פּנים ער וועט האָבן מיט זיין סאַנאַטאָריום, מיט זיין „וועסטל-שטאָף" מיט זיין „פּלאָקהאָקן", אַ פייער זוכט אים!

הכלל, וויסענזי, ער האָט איינגעשטימט און פאַראָרדנט, מען זאָל מיר געבן עסן וויפל איך וויל, נאָר בשתיקה, קיינער זאָל נישט זען. מחמת עסן, זאָגט ער, איז אַן אָנשטעקנדיקע קרענק און פאַר אַ סאַנאַטאָריום איז עס זייער אומגעזונט...

מילא, זאָל זיין בשתיקה, אַבי מען זאָל נעמען עפּעס אין מויל אַריין. און איך האָב זיך מיר ווידער גענומען צו מיין ראָליע. איך האָב געקייט מיט גייסט און מיט טעמפּעראַטור, מיט דער אמתער כאַראַקטעריזאַציע... יעדן טאָג, וויסענזי, האָב איך פאַרלוירן אין וואָג. וואָס מער מיט אַ בגד איך האָב פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, אַלץ מער בין איך דאַרער געוואָרן. אין מיין זכות האָבן אָנגעהייבן צו קומען געסט פון גאָר דער וועלט, דיקע, גראָבע, דריי-גיידערדיקע גוידערס, טאָפּלטע בייכער, אָנגעפּרעסענע פּאַרשוינען, מאַדאַמען ווי די לופט-באַלאָנען, אָנגעבלאָזענע, געשוואָלענע יידענעס, ווי די איבערגעבונדענע פערענעס... אַ מענאַזשעריע, זאָג איך אייך, אַ זוויצזשינעץ.

און אַלע האַלטן מיך אין איין אויספרעגן און אויספאָרשן, ווי אַזוי מאַך איך עס, וואָס פאַר אַ מיטלען נעם איך אָן, וואָס איך ווער אַזוי פון טאָג צו טאָג דאַרער, איידעלער, שטשופלער...

און איך, פאַרשטייט זיך, לייג זיי אַוועק די אמתע פראָזע. דער עיקר, זאָג איך, איז נישט עסן, נאָר נישט עסן, מחמת עסן איז זייער אומגעזונט פאַרן געזונט. פון עסן קומען אַלע צרות און אַלע קרענק. די איינציקע זאַך, וואָס דערהאַלט מיך ביים לעבן, איז „ביטער-זאַלץ"... ביטער-זאַלץ איז דאָס געזונטסטע פאַרן מענטשן, מחמת ביטער-זאַלץ אַנטהאַלט אין זיך דעם נייטיקן זאַפט מיט דעם באַלזאַם מיט די אַלע „פאַלדעקאָקן", וואָס זענען נייטיק צום געזונט און אריכת-ימים. ס'אַ סברה, זאָג איך, אַז איינשטיין מאַכט דעם מענטשן יונג אויך מיט ביטער-זאַלץ.

אַזוי האָב איך זיי געזאָגט. און תיכף נאָכדעם פלעג איך מיר בשתיקה אַריינפּאַקן אַ פערטל גענזנס מיט אַ האַלבער קאַטשקע און געקייט אויף אַלע באַקציין.

נאָכן חודש, וויסענזי, אַז איך האָב באַדאַרפט אַוועקפאָרן, האָבן מיך אַלע מיט גרויס כבוד באַגלייט אויפן וואָקזאַל. די דאַמען האָבן מיר דערלאַנגט בלומען, אַזעלכע בלומען, וואָס אויף דער בינע האָט זיך מיר קיינמאָל נישט געחלומט. דער ד"ר פיפיגער אַליין האָט מיר געדריקט די האַנט מיט גרויס עלוזיאַזמירונג פאַר מיין טאַלענט און געדאַנקט און געגעבן אַ בריוו צו זיינעם אַ שוואָגער ווען אַ נייעם „אַנגאַזשמאַן". אַזאַ טאַלענט — זאָגט ער — טאָר נישט גיין פאַרלוירן. ביי מיין שוואָגער, זאָגט ער, וועט איר האָבן אַ נייע ראָליע צו שפּילן. און איצט, פאַניע ליטעראַט, וועלן מיר טרינקען צו גלעזלעך טיי און מיר וועלן איך ווייטער דערציילן, וויסענזי, וועגן מיין דריטער ראָליע.

קאַפּיטל דריי.

# ער ברענט זיך אָפּ.

– נו יאָ, ווי זאָגט דער קעניג ליר: אָ, דו נידערטרעכטיקער שקלאַווע! דו האָסט מיך באַטראָגן ווי איינע דיעבע! – האָט דער אַקטיאָר ווידער אָנגעהייבן צו דערציילן מיט אַ טיפן באַס אויף טעאַטער-דייטש און איז באַלד איבערגעגאַנגען אויף זיין געוויינלעכן יידיש:

דער דר. פּיפּיגער, וויסענזי, נאָכדעם, ווי ער האָט געזען, אַז איך האָב מיין ראָליע דורכגעפירט אַזוי נאַטור-טריי און מיט גרויס „צוקסעס", און אַז אין מיין זכות האָט ער אַריינבאַקומען פולע הייזער מיט געפּאַקטע, פעטע ווייבער און זיין סאַנאַטאָריום איז געוואָרן באַרימט מיט זיינע מופתים – האָט ער מיר, ווי איך האָב אייך שוין דערציילט, אויס דאַנקבאַרקייט געגעבן אַ בריוו צו זיינס אַ שוואָגער, מאָריץ אַרבעס.

זיין שוואָגער מאָריץ אַרבעס האַלט די פּליאַזשע אויף דעם טייך „בלאָטע" אונטער דעם נאָמען „נאַד בלאָטינקאָן". דעם ברעג פון דעמ-דאָזיקן טייך האָט ער אָפּגעדונגען אין אַרענדע און איינגעאָרדנט דאָרט אַ גרויסע אונטערנעמונג. צוערשט האָט ער געלאָזט צונויפּ-קלאַפּן אַ הילצערנע בודע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען פיר אָפּטיילונגען: איין אָפּטיילונג פאַר קאַבינעס, אַ צווייטע אָפּטיילונג פאַר אַ בופעט, אַ דריטע פאַר אַ גאַרדעראָבע, וואו מען גיט קאָסטיומען אויף נוץ-געלט און אַ פערטע אָפּטיילונג פאַר אַ וואוינונג פאַר דעם אינהאַבער פון דאָזיקן „זאַקלאַד" מיט זיין גאַנץ הויזגעזינד. נישט ווייט פון דער בודע איז געווען אַריינגעשלאָגן אין דער ערד אַ פּלאָקן

פאַר גימנאַסטישע איבונגען. זאָל ער אַזוי וויסן פון זיין לעבן, דער בלאָפער, ווי ער ווייס, וואָס פאַר אַ גימנאַסטישע איבונגען מען קאָן מאַכן ביי דעמדאָזיקן פראָקן. נאָר אַז מען דאַרף האָבן צום געשעפט, איז דאָך נישט שייך!

ווען איך בין צוגעקומען, וויסענזי, צו דערדאָזיקער פליאַזשע, איז נאָך אַלץ געווען טויט, ווי אויף אַ בית-עולם. דער אייגנטימער מאַריץ אַרבעס, ווי אויך זיין גאַנץ הויזגעזינד צוזאַמען מיט דער אַלטער קריסטלעכער דינסט, האָבן זיך אַלע אַרומגעדרייט אין באָד-קאָסטיומען. דער אייגנטימער אַליין האָט נאָך געהאַלטן ביים מייסטרעווען אַרום דער בודע. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַן עגבער, אין דער צווייטער — אַ מעסער. געעגבערט לעכלעך און גע-שניטן שפּאַרונעס אין די ווענטלעך פון די קאַבינעס צום אויסטאָן זיך, וואָס דאַרף זיין די הויפּט-אַטראַקציאָן און דער הויפּטקוואַל פאַר לייזונג.

אַז ער האָט מיך דערזען, האָט ער אויף גיך באַהאַלטן דעם עגבער מיט דעם מעסערל אין קעשענע, און אַ פרעג געטאָן, מיט וואָס איך קען אים דינען. איך האָב אים פאָרגעלייגט דעם בריוו פון זיין שוואָגער, דעם דאָקטאָר.

— זייער גוט, — האָט ער געענטפערט, — האָט איר געטאָן, וואָס איר זענט געקומען. איך האָב געהערט פון אייך. איר וועט ביי מיר האָבן אַ זייער וויכטיקע אַרבעט.

— דהיינו?

— איר וועט דאַרפן ברענען.

— ברענען גאָר?

— יאָ, ברענען און פאַרשוואַרצט ווערן...

— מיינע שונאים, — זאָג איך, — זאָלן ברענען און פאַרשוואַרצט ווערן. וואָס הייסט עס?

— נישט ברענען, נאָר אָ פּ ב ר ע נ ע ן... — פאַרריכט ער. — איר וועט זיך דאַרפן ביי מיר אָפּברענען אויף דער זון און שוואַרץ ווערן, ווי אַ קוימענקערער.

— דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל עס נישט קאָנען, — זאָג איך, — מחמת פון נאַטור בין איך אַ בלאָנדער, אַן איידעלער, מיט אַ בלאַסער הויט, וואָס וויל זיך נישט אָפּברענען כאָטש גיב עס אַ קרענק, כאָטש צינד עס אונטער!

— דאָס, זאָלט איר מיר מוחל זיין, רעדט איר, ווי אַ לעקיש. וואָס הייסט, איר וועט נישט קענען זיך אָפּברענען, און נישט קענען שוואַרץ ווערן? איר זענט דאָך אַן אַרטיסט, יאָ?

— זאָלן מיר ביידע אַזוי לעבן!

— אַ כאַראַקטער־ראַליסט?

— אַזאַ יאָר אויף מיר!

— טאָ ווי שפּילט איר „אָטעלאָ", אָדער „ציגיינער־באַראָן", אָדער דעם „כינעזישן באַגדיכאָן", אָדער דעם „שוואַרצן באַלעבעסל", אָדער דעם „גרינעם בחור", אָדער דעם „רויטן גזלן"? וואָס טוט איר דאַן? האַ?

— איך פאַרב מיך אָפּ, — זאָג איך, — מיט פאַרב.

— אָט־אָט־אָט! דאָסזעלבע וועט איר טאָן ביי מיר. איך דאַרף דאָך אייך נישט לערנען, איר זענט דאָך עפּעס אַן אַרטיסט? יאָ?

— אַ כאַראַקטער־ראַליסט, אַזאַ יאָר אויף מיר!

— וועט איר זיך דאָ אויך שמירן מיט פאַרבן. די ערשטע דריי טעג וועט איר זיין געפאַרבט קרעם, די אַנדערע דריי טעג וועט איר שוין זיין האַלב־טונקל און האַלב־געל, אַ מין פּאַפּעלאַטע־קאָליר; אין אַ וואָך אַרום וועט איר שוין האָבן אַ זאַפראַן־קאָליר, נאָכ־דעם אַ ציגל־קאָליר, לעבער־קאָליר, ביז גאָר צום סוף וועט איר איבערגיין צו עכט שוואַרץ. איר וועט זיך אויסשמירן אין סאַזשע און וועט זיך אַזוי אַרומשפּאַצירן איבער דער פּליאַזשע, ווי אַ נעגער, און זאָל די וועלט זען, ווי אַזוי מען ברענט זיך אָפּ אויף דער פּליאַזשע „נאַד בלאָטינקאָן".

הכלל, די ראָליע איז מיר געפעלן געוואָרן, מיר זענען מושווה געוואָרן כך וכך (מאַטעריאַלן און פאַרבן זיינע), און איך האָב גענומען שפּילן מיין נייע ראָליע.

טאָג־טעגלעך, וויסענזי, האָב איך זיך געביטן אין די קאָלירן. אָט בין איך געל, ווי אַ געלעכל, און אָט בין איך שוין זאַמד־קאָליר און טאַנגאַ, און „קאַווע מיט מילך" און „קאַווע אָן מילך", און ברוין ווי ציקאָריע און מיתה־משונה־קאָליר, אַזוי לאַנג ביז מיין קערפּערשאַפט איז שוין געוואָרן עכט שוואַרץ, אַזוי שוואַרץ, אַז מען האָט כמעט באַדאַרפט אָנצינדן אַ לאָמפּ צו דערזען... און עס איז אַוועק אַ נייע שפּיל, ווער מיר גוטס גינט, זאָל קיין ערגער לעבן נישט פאַרברענגען.

איך בין געוואָרן, וויסענזי, דער אָפּגאָט פון דער פלאַזשע, דער העלד, דער שלאָגער פון „נאַד בלאָטינקאָן". עס האָבן אָנגעהייבן קומען מענטשן, ווי זאַמד, צו באָדן זיך. די שענסטע מיידלעך פלעגן זיך שאַרן צו מיר, איך זאָל זיי דערקלערן, ווי אַזוי מען ברענט זיך דאָס אַזוי אָפּ, און וואָסערע מיטלען איך האָב דערצו. און איך האָב, נאַטירלעך, דערקלערט, אַז דאָס אַלץ איז די „נאַד בלאָטינקאָן", וואָס האָט די איינציקע זון און די איינציקע פּליאַזשע אויף דער וועלט, און מיין באַלעבאָס האָט געקליבן נחת.

אָבער ווי זאָגט דער גראַף אין „ציפּקע פייער": „נישטאָ קיין ראָזע אָנע דאָרן". אויך די וואָרען דערנער, מיין פריינט. יאָ!

דער איינציקער חסרון, וויסענזי, איז געווען, וואָס איך האָב נישט געטאָרט די מיידלעך לערנען שווימען, מחמת איך אַליין האָב געוווּסט ווייכן פון אַ טראָפּן וואַסער, ווי אַ שד פאַר ווייַרויך, עס זאָל, חלילה, נישט אָראָפּשווענקען קיין ביסל פאַרב פון מיין לייב און די וועלט זאָל נישט דערזען די „מאַלוואַריזאַציע". האָב איך זיך געדאַרפט היטן פאַר וואַסער, ווי פאַר פייער. איר קענט אייך פאָרשטעלן, וואָס עס הייסט פאַר אַ מענטשן, ווי איך, אַ געזונטן, אַ שטאַרקן, בלוט און מילך, מיט אַזאַ טעמפּעראַטור און געפילע צו ליגן אין אַ הייסן תמוז-טאָג אויפן ברעג פון אַ קילן טייכל, פּרעגלען זיך אין אַ קאַלך-אויוון און נישט טאָרן אַריינשמעקן אין וואַסער מיט אַ פוס און אָפּ-צופרישן זיך אפילו. איך האָב געפילט, אַז עס עקט זיך מיר דאָס לעבן. וויפל מאָל איך האָב נישט „אַפּלאָדירט" צו די געפילן פון מיין באַלעבאָס, ער זאָל מיך לאָזן זיך אויסבאָדן, האָט נישט געהאָלפן.

האָב איך זיך פאַרטראַכט און דערקלערט מיין באַלעבאָס, וויסענזי, אַ שטרייק: גיסטו מיר אַ הוספה, איז גוט, אַנישט—גיב איך מיר אָט דאָ, ווי איך שטיי און גיי, מיט מיין גאַנצער „פּאָסטאַטשע", פאַר די אויגן פון דער גאַנצער מענטשהייט, אַ פליוך אַרונטער אין וואַסער, און אַ סוף צו דעם נעגער! ווי זאָגט כאַנטשע פון אַמע-ריקע: „אויב דו וועסט זיין, ווי אַ רויטער פאָדעם, וועסטו ווערן וויס, ווי שניי". נישט אַזוי, פאַניע לעבן? עס וועט שוין זיין איין-מאָל אַ „בראַמאַנזש".

אַ ברירה האָט געהאַט מיין באַלעבאָס! ער האָט מיר געגעבן אַ הוספה, ווי אַ טאַטע, נאָר בתנאי, איך זאָל אַרבעטן איבערשטונדן יעדן אָוונט, ווען די דאַטשניקעס קערן זיך אום פון שטאָט. אויך

זאָל איך זיך שטעלן ביים אייזנבאַן-בריקל, כדי די פּאַסאַזשירן זאָלן מיך אָנקוקן אויפן בייז וואונדער. מיט איין וואָרט, איך זאָל אים מאַכן רעקלאַמע. אַזוי פלעג איך יעדן אָוונט, ווען קיינער פלעגט שוין נישט זיין אויף דער פּליאַזשע, זיך אַוועקשטעלן ביים בריקל, ווי אַ דעקאָראַציע. דער צוג פלעגט דורכלויפן און די פּאַסאַזשירן פלעגן אַרויסקוקן פון די פענסטער און טייטן מיט די פינגער:

— אָט דאָס איז ער!

ענדלעך, ווען מיין ראָליע האָט זיך געענדיקט און דאָס געשעפטל האָט זיך, קיין עין-הרע, אַרויפגעאַרבעט, האָט דער באַלעבאָס מיך צוגערופן און אַזוי געזאָגט:

— פּאַניע קינסטלער! איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער לייסטונג און פאַר אייער שפּיל. איר זענט אַ גרויסער טאַלענט. מיין אָנערקענונג! אַזאַ טאַלענט טאָר נישט פאַרלוירן גיין. איך וועל אייך רעקאָמענדירן אויף אַ נייער שטעלע, שוין נישט ביי אַ פּריוואַטער פּערזאָן, נאָר ביי אַ גאַנצער דירעקציע, וואו איר מיט אייער גרויסן טאַלענט וועט קענען אַ סך אויפטאָן. יאָ, מיין פריינט, איך האָפע, אַז איר וועט ווייט אַוועקגיין מיט אייער טאַלענט, אַדיע!

איך האָב גענומען אַ בריוו און בין אַוועק לויט אַ נייעם אַדרעס.

וואָס איך האָב דאָרט געטאָן — איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. און לאָמיר דערווייל עסן אַ באַרנע...

## פערטער און לעצטער קאַפּיטל.

# איך ווער געלײמט און גײ אויף קוליעס.

— אַלזאָ, וויסענזי,—האָט ער אָנגעהייבן נאָכדעם, ווי ער האָט אויפגעגעסן די באַרנע, מיט אַ טיפער באַסאָווער שטים, ווי געוויינ־לעך, זיין דייטשמערישן אַריינפאָר צו זיין מאָנאָלאָג,—עס וואַר איין שפּיל פאָן גאָטעס גנאַדע! און ווי זאָגט יוליוס צעזאַר: „עס וואַר איין פעריאָדע דעס גליקעס און היימאַטע גנאַדע!"

און באַלד האָט ער שוין גערעדט מיט זיין געוויינלעכן לשון און געוויינלעכער שטים:

— מיר האָבן, אַלזאָ, געשפּילט, ווי איר ווייסט שוין, אַ גאַנצן זומער, וויסענזי, געגעבן גאַסטראָלן אין פאַרשידענע פּלעצער. אין איין אָרט, ווי איר ווייסט, געשפּילט אַלס מאַן מיט אַ דיקן בויך; אין אַ צווייט אָרט—אַלס מאַן, וואָס ווערט אָפּגעצערט און דאַר, ווי אַ שפּאָן; אין אַ דריטן פּלאַץ האָב איך זיך געדאַרפט אָפּברענען און ווערן שוואַרץ, ווי אַ טאָטער. נאָר דער לעצטער גאַסטראָל מיינער איז געווען דער שטאַרקסטער, דער שלאַגער, מיין „צוקצעס!"

דער שעף פון מיין לעצטן גאַסטראָל, וויסענזי, פון „נאַד בלאָ־טינקאָן", איז פון מיר געווען אַזוי צעפרידן, אַז ער האָט מיט מיר געמאַכט אַ קאָנטראַקט אויף איבעראַיאָר. דערווייל האָט ער מיר גע־געבן אַ בריוו, שוין נישט צו אַ פריוואַטער אונטערנעמונג, נאָר צו אַ גאַנצער דירעקציע. צו דער דירעקציע פון נייעם קוראָרט „באַידאַ־בידל־שפּרודל־זדראָי".

דער דירעקטאָר האָט מיך אויפגענומען גאָר פריינטלעך.

— איך האָב געהערט פון אייך און פון אייער טאַלענט,—האָט ער געזאָגט, דריקנדיק מיר די האַנט, — איר וועט ביי אונז האָבן צו טאָן און צו טאָן.

— וואָס, אַ שטייגער, וועל איך דאָ האָבן צו טאָן? — האָב איך אים געשטעלט מיין רעפּליק.

— איר וועט דאָ דאַרפן קרענקען.

— ק־ענקען גאָר? מיינע שונאים זאָלן קרענקען. וואָס הייסט קרענקען?

— אויף צוכּלומרשט, — זאָגט ער, — איר וועט דאַרפן שפּילן אַ ראָליע פון אַ קראַנקן. און אַ קרענק קענט איר דאָך שפּילן. אַיאָ?

— איך קען אַלץ, — זאָג איך, — שפּילן. איך בין אַ כאַראַקטער־ראָליסט.

— וועט איר מוחל זיין און ווערן געליימט, באַקומען געלזוכט, ווערן געשוואָלן, מיט איין וואָרט — ווערן דער אמתער קאַליקע. וועט איר עס קענען? אויף וויפל איך האָב געהערט, זענט איר אויף דער בינע אַ גלענצנדער קאַליקע.

— אויב אויף צופּלייסן, — זאָג איך, — קענט איר מיר געבן נאָך עטלעכע קרענק. צוואָס זאָלט איר זשאַלעווען? איך קען באַקומען אַרטרעטיזם, רעוומאַטיזם, אישיאַס, נירן, „נערוויצע סערדצאַ". וואָס איר ווילט, קען איך באַקומען, אַבי אַ גוטע פּענסיע... איך קען אַפילו שטאַרבן אויך, וואָרים אַז איך שטאַרב, איז עס דאָס לעבן אַליין.

— חלילה, שטאַרבן באַדאַרפט איר נישט. עס וועט זיין גענוג, אַז איר וועט ווערן געליימט און געשוואָלן, ווי אַ באַרג און געלזיכ־טיק, ווי אַ געלכל און מען זאָל אייך פירן אין אַ וועגעלע. געמאַכט?

— געמאַכט.

— נו, טאָ ווערט קראַנק און זאָל זיין מיט מזל אין אַ מזל־דיקער שעה!

און אַריינרוקנדיק מיר דעם אמתן אַוואַנס, האָב איך זיך גע־נומען, וויסענזי, צו מיין ראָליע. איך בין אַריינגעקראָכן מיט אַלע פיר אין אַ וועגעלע און מען האָט מיך גענומען אַרומפירן. און איך מוז אייך זאָגן, אַז עס איז גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט. דו ליגסט זיך, ווי אַ שררה, ווי אַ מאַנאַרך אין וועגעלע און מען פירט דיך אַרום אויף גומענע רעדלעך. מען פירט דיך אַרום איבער די אַלעען,

איבער די פּראָמענאַדן, איבער די פּאַרקן און דו גאָרנישט—ליגסט זיך צעלייגט, ווי ביים טאַטן אין ווייגגאָרטן און האָסט פאַרגעניגן.

— ס'איז נאָר אַ ביסל נישט גוט, וויסענזי, וואָס אויף די פּראָמענאַדן שפּאַצירן אַרום שיינע מאַמזעלן און דאַמען און דו קענסט זיי נישט נאָכלויפן, און ביי מיר, אַז איך זע אַ שיינע דאַמע, איז מיר רעכט נאָכצולויפן עטלעכע גאַסן. און דאָ גאָר באַדאַרף איך ליגן. וואָרים דו ווייסט דאָך נישט זאָגן דיין פּירער, ער זאָל מיט דיר נאָכפאָרן יענער שיינער דאַמע, בשעת יענער מיינט, אַז דו ביזט, נעבעך, אַ טויט-קראַנקער, אַ נוטה-למותניק.

אָט אַזוי בין איך אַ קיילעכדיקע וואָך אַרומגעפאָרן אין אַ וועגעלע. ענדע וואָך מאַכט צו מיר דער דירעקטאָר:

— פּאַניע אַקטיאָרטשיק, איר קענט שוין אַרויסקריכן פון וועגעלע און אָנהייבן גיין אויף קוליעס.

— גייט, זאָג איך, אַליין אויף קוליעס און ברעכט דעם קאַרק!.. און איך בין שוין ברוגז. וואָס הייסט? ער מאַכט גאָר חוזק פון מיר.

— וואָס באַליידיקט איר זיך? — זאָגט ער. — איך מיין אויף צוכלומרשט. אויף צוכלומרשט זאָלט איר גיין אויף קוליעס. דאָס גייט אַריין אין אייער ראָליע.

— הכלל, וויסענזי, ער האָט מיר דערלאַנגט צוויי קוליעס און איך האָב אָנגעהייבן גיין אויף קוליעס. איך האָב אַפילו תחילת נישט פאַרשטאַנען, צוואָס מען דאַרף עס. נאָכדעם אָבער, אַז איך האָב געזען, ווי די קורגעסט באַטראַכטן מיך און געהערט, וואָס זיי רעדן וועגן מיר, האָב איך פאַרשטאַנען.

— ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען אים געפירט אין אַ וועגעלע,—זאָגט איין קורגאַסט, — און איצט גייט ער שוין אַליין אויף קוליעס.

— אַז איר שפּילט זיך מיט די היגע וואַסערן און די היגע בעדער פון „באַידאַ-בודל-שפּרודל-זדראַי!״ — זאָגט אַ צווייטער. — זיי ווייזן דאָך ממש וואונדער. דאָ איז פאַראַיאָרן איינער געקומען צופאָרן, אַ קאַליקע, וואָס האָט קוים געקענט גיין אויף די פיס און אין אַ חודש אַרום איז ער שוין אַנטלאָפן מיט אַ פרעמד ווייב...

דאָ האָב איך שוין פאַרשטאַנען, צוואָס דער ממזר, דער דירעקטאָר, דאַרף עס... אַ רוח זאָל...

אויף דער צווייטער וואָך האָט מיר דער דירעקטאָר געהייסן אַוועקוואַרפן אַ קוליע און אָנהייבן גיין אויף א יי ן קוליע.

אויף דער דריטער וואָך האָב איך שוין באַדאַרפט אַוועקוואַרפן

די לעצטע קוליע. און נישט נאָר אַוועקוואַרפן, נאָר אויפכאַפּן די פּאַסיקע מינוט, ווען דאָס גאַנצע פּובליקום קורגעסט איז אויף דער גאַס, און דאַן צעברעכן די קוליע פאַר דעם אַנסאַמבל פון דער גאַנצער מענטשהייט, עס זאָל אויסזען כלומרשט, ווי אַ דעמאָנ־סטראַציע. וואָס־זשע מיינט איר? עס האָט זיך געטאָן חושך. פון אַלע זייטן האָט מען געטייט אויף מיר מיט די פינגער: „אָט איז ער, דער, וואָס איז געקומען אַהער אין אַ וועגעלע, נאָכדעם איז ער געגאַנגען אויף קוליעס און איצט האָט ער צעבראָכן די לעצטע קוליע און גייט שוין, קיין עין־הרע, קיין בייז אויג, גאָר אַזוי איינפאַך, ווי אַ געזונטער פערד"... „אַז מען שמועסט—די וואָסערן, די וואונדערלעכע בעדער... זיי מאַכן ממש פון טויט לעבעדיק... ממש ניסים מן השמים".

איך בין אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, ווי אַ לאָשעק. איך בין געווען דער העלד פון קוראָרט. ווי זאָגט בר כוכבא: „איך בין גע־וואָרן דעס שטאָלצעס דעס פאָלקעס"... דער דירעקטאָר איז אויך געווען צופרידן פון מיר. איך האָב דורכגעפירט מיין ראָליע גלענצנד—אַזאַ קאַליקע האָט ער שוין לאַנג נישט געזען אויף קיין איין בינע. און אַז איך האָב געזען, אַז די דירעקציע איז צופרידן פון מיר, האָב איך, ווי מיין שטייגער, אַ סטראַשע געטאָן מיט אַ שטרייקל. אויב מען גיט מיר נישט דאָס און דאָס—נעם איך און קריך צוריק אַריין אין וועגעלע און עס וועט זיין אַ בראָך צו דיר מיט דיין „באַידא־בודל־שפּרודל־זדראָי". פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויס־געפירט, און עס איז געווען חי־געלעבט!

אָט אַזוי, מיין פריינט, האָב איך מיר אָפּגעשפּילט אַ סעזאָן — ווער מיר גוטס גינט. געשפּילט, ווי אַ קינסטלער. אַ שאָד, וואָס איך האָב ביי דער זייט נישט געהאַט קיין טעאַטער־רעצענזענט, אַ פייער זוכט אים! ער וואָלט מיך שוין נישט אַרונטערגעריסן, ווי שטענדיק. ער וואָלט שוין געזען, וואָס הייסט שפּילן. ער וואָלט מיך געמאַכט פאַר אַ סטאַר. ער וואָלט געזען, ווי דאָס ריזנפּובליקום האָט מיך באַגלייט מיט אַפּלייזן און אָוואַציעס, ווי מען האָט די פערד

אויסגעשפּאַנט פון מיין אויטאָ און ער וואָלט שוין זיכער געשריבן, אַז איך בין דער „לאָרבער־קראַנץ דעס פאָלקעס".

איצט פאָר איך אַהיים, באַקליידט און באַנייט, ווי אַ גראַף, און מיט דער מאַטניאַ אין קעשענע. און ווי איר זעט, פאָר איך דווקא צווייטן קלאַס, אינטעליגענטיש. דאָס, פאַרשטיי איך, איז אַ שפּיל. וואָרים וואָס האָב איך געהאַט, אַז איך האָב געשפּילט די ליטעראַרישע פּיעסן, ווי „די צויבערין" און „דאָס יידישע הערץ" און די „ווייסע שקלאַפין", און אומגעשלעפּט זיך איבער דער פּראָווינץ?

אַפילו אויף אַ בילעט האָב איך נישט געהאַט און געדאַרפט שפּאַנען מיט די רגלים, מחילה, צופוס אויף די שינעס. אַ מער האָב איך געשפּילט, וואָס איך האָב געשפּילט, און איך בין אַלרייט. ווי זאָגט כאַשע די יתומה? „אדם אַ פערד, קאַטשקע אַ פייגל און די נשמה ווערסטו נישט פאַרקאַרקעווען..."

איך בין נאָר טשיקאַווע צו וויסן, וואָס דער „אַרטיסטן־פאַריין" וואָלט דערצו געזאָגט. כלעבן, איך וואָלט אים געצאָלט דעם ריכ־טיקן פּראָצענט מיט דעם מיטגלידס־אָפּצאָל. הלוואי אויף אַנדערע אַרטיסטן געזאָגט געוואָרן אַזעלכע גאַסטשפּילן.

— וואַר—שאַ—ווא! — האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגערופן.—אונזער צוג האָט זיך דערנענטערט צו וואַרשע.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעבלאָזן די ברוסט, געדריקט מיר די האַנט גאָר פריינטלעך און געזאָגט מיט אַ באַסאָווער שטים:

— אַדיו! צום ווידערזען, פאַניע שרייבער! אַדיו! איך עמפּ־פעלע מיך און זעגנע אינען! אַדיו!..

## דער משוגענער דייטש.

— זענט איר, ר׳ חיים־נח, צעפרידן היי־יאָר מיט צאָפּאָט? — האָב איך געפרעגט אַ באַקאַנטן יידן, וואָס איך האָב געטראָפן אויף אַ באַנק אין צאָפּאָט, אויף דער פּראָמענאַדע לעבן דער מוזיק.

— מנא, שייך זאָגן צעפרידן, — האָט ער געענטפערט מיט אַ קנייטש,—מען זאָגט צאָפּאָט, האָב איך געפרואווט צאָפּאָט. באַזעצט זיך מיט די בני־בית אויף אַ פּאָר חדשים אין צאָפּאָט. צעפרידן? פאַר־וואָס זאָל מען נישט זיין צעפרידן? צאָפּאָט איז אַ שיין ווינקל און ס׳ביסל וואַסער פון ים איז אויך עפּעס ווערט. און אַ דירה, גע־לויבט דער אויבערשטער, האָב איך אויך נישט קיין שלעכטע. אַ דירה מיט וויגאָדעס, מיט וואַסער, מיט עלעקטריע, אין אַ לייטישער ווילע, מיט אַ גאָרטן פון פּירות און אַ גאָרטן פון גרינס, אַ שפּריץ־פאָנטאַן מיט אַ קאָפּ פון אַ לעמפּערט, וואָס האַלט אין איין שפּריצן וואַסער פון מויל. הכלל, אַלץ גוט. נישט מער, עס איז אַ ביסל צו ריין, צו שטאַרק אַרומגעפּוצט, אויסגעצוואָגן. עס איז אַ ביסל פּשיקרע. נאָר גאָרנישט—מען קען דאָך נישט זיין קיין גרויסער איבערקלויבער, זאָל זיין ריין, וואָס קען מען העלפן?

איז אָבער אַ צרה—דער באַלעבאָס. אַ באַלעבאָס האָט מיר גאָט צוגעשיקט, איז ער אַ וואַרער משוגענער. אַ דייטש איז ער. אַ משוגענער יעקע. נאָר ער טוט און שרייט. נאָר ער טוט און ביי־זערט זיך. טאָג ווי נאַכט — פּרעטענזיעס, טענות, — דאָ געפעלט אים נישט, הלמאי די דינסט האָט אויסגעגאָסן אַ ביסל אומריין וואַסער ביי דער טיר, לעבן דער וואַרענדע, און גראָד אים געטראָפן. איז חושך: מען האָט אים דעם מלבוש איבערגעפּירט. און ער טייט מיטן פינגער אויף דער בלאָטע, ווי ער וואַלט דאָ דערזען, גאָט ווייסט,

וואָס פּאָר אַ חידושים. אַ בלאָטע, ווי אַלע בלאָטעס—און ער שרייט! ער קען עס נישט תּופס זיין, דער משוגענער דייטש.

אויף מיין ווייב איז ער אש־להבה. וואָס האָט אים מיין ווייב געטאָן? גאָרנישט. זי איז געזעסן אויף דער וואַרענדע און געפּליקט אַ הון. עס האָט זיך אונז פאַרגלוסט אַ תּענוג, אַ ביסל הינערישע יויך, האָט זי געפּליקט אַ הון. האָט ער תּרעומות, באשר עס פליען אום פעדערן. הערט נאָר אַ השגה פון אַ משוגענעם דייטש! פעדערן פליען אום. אַוודאי פליען פעדערן. אַז מען האַקט האָלץ — פליען שפּענער און אַז מען פליקט אַ הון, פליען פעדערן. וואָס דען האָט ער געוואָלט? עס זאָלן פליען רענדלעך? און ער שרייט און ער בייזערט זיך. די גאַנצע ווילע האָבן מיר אים פאַרפּאַסקודיעט מיט די פעדערן, ביי אַלע שכנים אַרום, אויף די ביימער, אַפילו זיין ראָק, זיין קאַפּעלוש איז פול מיט פעדערן. בין איך דאָך אָבער אַ מענטש אַ ווייכער, אַ „לאַגאָדנער", און וואָס קען זאָגן אַ ווייך אויך,—זאָג איך אים: „פּאַניע ווירט, זאָג איך, דאָס איזט איין סימן, דאָס זי ווערדען הערייַן אין פעדערן."

איז דאָך דאָס אָבער אַ טיפּש, אַ דייטש, פאַרשטייט ער נישט קיין וויץ, גיט אַפילו נישט קיין שמייכל, נאָר ער שרייט. לויט זיין שכל נאָך האָב איך באַדאַרפט צוהאַלטן יעדע פעדער, זי זאָל נישט פליען? אָדער, לכל־הפּחות, עסן די הון מיט די פעדערן! אַזאַ מטורף איז עס!

הערט איר, איך האָב דאָך שוין עפּעס געוואוינט אויף דאַטשעס, געוואוינט, ברוך־השם, אין פאַלעניץ, אין פּיאַסעטשנע, אין מראָזי, אין יוזעפאָוו, נאָר אַזאַ ווילדן משוגענעם באַלעבאָס, אַזאַ ווילדן אַזיאַט מיט אַזעלכע ווילדע קאַפּריזן, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט.

אַנומלט איז געשען גאָר אַ שיינע מעשה. איר מעגט עס הערן. וועט איר אַליין איינזען, וואָס פאַר אַ וואַריאַט אַ באַלעבאָס גאָט האָט מיר צוגעשיקט.

ביי מיר אויפן טיש איז געלעגן אַ בלאַט־צייטונג, אַן אַלטע בלאַט־צייטונג, אפשר פון פאָר צוויי וואָכן. וואָס־זשע וועט זי אויס־ליגן אויפן טיש, אַז אָפּגעטאָן האָט מען מיט איר אַלץ, וואָס מען האָט געקענט: איבערגעלייענט פון טאָוול ביז טאָוול אַמאָל דרייסיק; געגעסן האָט מען אויף איר אַמאָל פּופּצן, אַ סימן האָט איר אויף איר די פאַרטריקנטע פּאַסאָליעס און די שטיקלעך צימעס; אונטער־

געבעט אונטער אַ בלאַט לאָקשן... אויסגעוואַלגערט האָט זי זיך וואו נאָר אַ ווינקל. איז וואָס־זשע וועט זי זיך דאָ אַרומוואַלגערן? האָב איך גענומען די בלאַט־צייטונג און אַרויסגעוואָרפן דורכן פענסטער אין דער ווילע אַרויס. גייט נישט דורך קיין מינוט, קומט אַריין דער דייטש און טראָגט מיר אַריין די צייטונג. „דאָ האָבען זי — זאָגט ער — אירע צייטונג. שאַדע — זאָגט ער — נאָך גאָר איין גוטע צייטונג". און נעמט און לייגט אַוועק די צייטונג אויפן טיש און גייט אַרויס. נעם איך די צייטונג און וואַרף ווידער אַרויס דורכן פענסטער אין דער ווילע אַריין. איז ער נישט פויל און ברענגט זי ווידער אַריין, און לייגט זי מיר ווידער אַוועק אויפן טיש מיט אַזאַ פּאַר־זיכטיקייט, ווי מען לייגט אַוועק אַ וויכטיקע „פּראָשעניע" פאַר אַ מיניסטער. „נאָך גאָר איין גוטע צייטונג, זאָגט ער, מאַן קאָן נאָך לעזען". ווער איך שוין אין כעס און זאָג: „הער דייטש! איך האָבע שאָן דיזע צייטונג איבערגעלעזען פון „אַלאַף ביז טאַוו". און שמייס ווידער אַרויס די צייטונג דורכן פענסטער. און אַזוי אפשר צען מאָל. איך וואַרף זי אַרויס און ער ברענגט זי אַריין. איך וואַרף זי אַרויס און ער ברענגט זי אַריין. ביז איך בין שוין גאָר אַרויס פון די כּלים און האָב אויסגעשריען:

— ה' דייטש! איך באַדאַרף נישט קיין שמוציקע צייטונג צו־הויזע. צוהויזע ברויך צו זיין ריין!

צעשרייט ער זיך נאָך העכער:

— אונד דער דרויסן דאַרף ניכט זיין ריין?

ווי געפעלט אייך דער משוגענער דייטש — דער דרויסן באַדאַרף ביי אים אויך זיין ריין!

מיינט איר, אַז נאָר אינמיטן דער וואָך שרייט ער? האָט איר אַ טעות. זונטיק, יום־טוב, גוטע פּאַגאָדע, שלעכטע פּאַגאָדע — ער האַלט אין איין שרייען.

דעם לעצטן זונטיק זענען צו מיר אָנגעפאָרן געסט. קרובים. אַ פעטער, אַ מומע, אַ שוואָגער און אַ קוזינקע מיט די קינדערלעך. און מיינע קרובים, באַדאַרף איך אייך זאָגן, זענען מענטשן פון דער ברייטער האַנט — האָט מען אָנגעבראַכט פון כּל־טוב: סאַרדינען, האַרטע אייער, דאַרע קישקע, געווענזלטע הערינג, קאָמפּאָטן און נאָך אַזעלכע עסנווארג. לייגן מיר זיך אויס אַלע אויפן גראָז לעבן זיינע פאַר־פלאַנצטע בלימלעך (וואָרים אַ גאַנצן טאָג האָט ער צו טאָן מיט

זיינע בלימלעך: פלאַנצט, גיסט, שפּריצט, אַז עס איז אַ חלשות צו קוקן. בנאמנות, אַ דערוואַקסענער דייטש און מאַכט זיך נאַריש) און מיר הייבן אָן פּראַוועו די סעודה.

אָפּגעגעסן, אויפגעהייבן זיך פון אָרט, אַ קוק געטאָן אויפן סמיעטניקל, וואָס מיר האָבן געמאַכט, זאָג איך צו מיינע: אָט וועט איר באַלד זען, ווי דער באַלעבאָס אונזערער, דער דייטש, וועט באַלד שרייען. און כּך-הוה. ער שרייט שוין, ער איז שוין דאָ און ער שרייט.

מען האָט אים די ווילע פאַרחזירט, דאָס גראָז צעטרעטן, די בלימלעך פאַרמיסטיקט מיט שאָכטלעך פון סאַרדינען, מיט אייער-שאָלעכץ, מיט קערטלעך פון פּאַפּיראָסן, און „דונער-הימעל-קרייץ וועט ער נאָכאַמאָל!״ — ווי געפעלט אייך אַ המצאה פון אַ דייטש? נאָך זיין יעקישן שכל האָבן מיר באַדאַרפט אויפעסן די סאַרדינען מיט די שאָכטלעך, די אייער מיט די שאָלעכץ און אויסרויכערן די פּאַפּיראָסן מיט די קערטלעך!..

און אָט אַזוי כּסדר — שטענדיק קולות-וברקים. די קינדער ברעכן די ביימער-געשרייען. מיין ווייב צעוואַשט אַ ביסל וועש ביים שפּריץ-פאָנטאַן — געוואַלדן. דער גראַמאָפאָן שפּילט צוויי אַ זייגער ביי דער נאַכט,-קולות. די קינדער צעלייגן אַ פייער און ברעכן אַלטע מאַטראַצן — ווידעראַמאָל געוואַלדן. די קינדער שיסן פון פיילנבויגנס, אָדער פון פּיסטאָלעטן, זיי צילן זיך דווקא אין אים, און דווקא אין דעם סאַמע ווייכן אָרט פון הינטן — און אַז מיינע קינדער צילן, טרעפן זיי—איז הימל עפן זיך.

אָט אַזאַ משוגענעם דייטש האָט מיר גאָט צוגעשיקט. געפעלט אייך עפּעס? דאָס לעבן פאַרשטערט ער מיר!

# מיין צוריקקער.

### (אַ סך-הכּל פון אַ זומער-רייזע).

פאַרטיק מיט מיין זומער-וואַקאַציע. שוין פאַרטיק מיט דער לוסט-רייזע. געטאָן אַלץ, וואָס מען באַדאַרף, אויסגעפירט דעם גאַנצן שלחן-ערוך פון זומער-פאַרגעניגנס געגוי מיט אַלע דינים און פּרטים. נעמלעך:

געלאַנגווייליקט און געבראָכן זיך אין די ענגע דושנע וואַגאָנעס, געקעמפּט פאַר אַ פּלאַץ, געקריגט זיך פאַר אַ פּלאַץ, געגעבן טרינק-געלט, אָנגעלאָפן זיך אין די אינפאָרמאַציע-ביוראָס און רייזע-קאַנטאָרן, צו די קאָנסולאַטן און קאָמיסאַריאַטן, גערייזעפּיבערט און סתם געפּיבערט, געפּאַקט פּעק, געקוועטשט איבערגעפּילטע וואַליזעס, וואָס לאָזן זיך נישט איינקוועטשן, געשלעפּט, אויפגעפּאַקט און ווידער געפּאַקט, און געקריגט זיך מיטן ווייב.

געלאַנגווייליקט זיך אויף די וואָקזאַלן, זיך אָנגעשמעקט מיט קוילן-געשטאַנק, געוואַרט אויף צוגן, געכאַפּט צוגן, פאַרשפּעטיקט צוגן און געקריגט זיך מיטן ווייב.

גערופן טרעגער, פאַרלוירן טרעגער, געצאָלט טרינק-געלט, זיך איינגעזעצט אין צוגן, אויסגעשטיגן, איינגעשטיגן און ווידער זיך איינגעזעצט, געשלאָפלאָזיקט אין פרעמדע פאַרדעכטיקטע בעטן, געצאָלט טרינק-געלט, געגעסן שלעכטע מיטאָגן, געטרונקען פאַרשידענע וואַסערן... וואַסערן, וואָס שמעקן מיט נאַפט און האָבן אַ טעם פון סמאָלע, אָדער וואָס שמעקן מיט סמאָלע און האָבן אַ טעם פון דזיעגעכץ, אָדער וואָס שמעקן מיט דזיעגעכץ און האָבן אַ טעם פון

שוועבל, אָדער אַלע זאַכן אינאיינעם... געצאָלט לאַנגע האָטעל־רעכע־נונגען, געטיילט טרינק־געלט, זיך אָנגעלאָפן איבער די וואַרן־הייזער, געהאַנדלט „מציאות" און געקריגט זיך מיטן ווייב.

געבליבט דער אויבערשטער — שוין נאָכן אורלויב. אַלץ געטאָן, וואָס מען באַדאַרף, און מקיים געווען די אַלע תרי"ג מצוות פון אַ לוסט־רייזע.

געטוישט געלט אויף פאַרשידענע געלטער און אויף שלעכטע קורסן, געבראָכן די צונג אויף פאַרשידענע לשונות און שטום־לשונות, גערעדט אויפן וואונק מיט די הענט, מיט די פיס און מיט אַלע רמ"ח אברים, געמאַכט אויספלוגן, אָנגעגעסן זיך מיט שטויב, געוויקט זיך אונטערן רעגן, געאיבלט זיך אויף שיפלעך און דאַמ־פערס, געהאַט חלשות און ים־קראַנקהייטן, געגעבן טרינק־געלט, פאַר־שפילט אין רולעטקע, געוואַלגערט זיך אויף פליאַזשעס, געקוקט אויף מיאוסע ווייבער און געקריגט זיך מיטן ווייב.

געוואַרט אויף די גרענעץ־סטאַציעס, געפאַקט און אויפגעפאַקט, געלאָזט נישטערן, זוכן, רעווידירן, קאָנטראָלירן, געהאַט האַרצקלאַפּע־ניש און שרעקעניש, געפונען די „מציאות", געצאָלט צאָל, געצאָלט שטראָף, געקריגט זיך מיט די באַאַמטע און געקריגט זיך מיטן ווייב.

געבליבט דער אויבערשטער, די לעצטע גרענעץ, דער לעצטער וואָקזאַל, דער קאָנדוקטאָר רופט אויס דעם נאָמען פון מיין שטאָט. דאָס לעצטע מאָל רוף איך צו דעם טרעגער. איך רוף אים אויף מיין היימישן לשון. ער טראָגט מיין באַגאַזש, עס איז אָבער גאָר־נישט מיין באַגאַזש, ער טראָגט גאָר עפּעס אַן אַלטן קויש, מיט אַ שטריק איבערגעבונדן. פאַרטוישט דעם באַגאַזש. פאַרלוירן געגאַנגען דער קופער מיט די „מציאות". מיר טעלעגראַפירן, טעלעפאָנירן, ספּאַזמירן, אַליאַרמירן, קרעמפּירן, אָבער אַ נעכטיקער טאָג און איך קריג זיך מיטן ווייב.

פאַרפאַלן, מיר פאָרן אַהיים אין אונזער נעסט. ענדלעך, אָט איז זי, אונזער גאַס, און אָט איז אונזער הויז. מיר קומען צו צו אונזער וואוינונג. די טיר איז געשלאָסן, פאַרדעכטיק געשלאָסן. מיר קלינגען—קיינער ענטפערט נישט. געווען אַ דינסט—נישטאָ קיין דינסט. מיר ווילן אויפשליסן—נישטאָ די שליסלען, זיי זענען פאַרבליבן דאָרט אין דער פאַרשוואונדענער וואַליזע, און איך קריג זיך מיטן ווייב. איך לויף זוכן אַ שלאָסער, געפונען אַ שלאָסער. ער ברעכט אויף די

טיר—אַ חורבן. די שטוקן אומגעוואָרפן, שיריים פון עסנוואַרג, ליידיקע פלעשער, ליידיקע סלאָיען פון איינגעמאַכץ. דער פּאַטעפאָן ליגט צעבראָכן. משמעות, די דינסט האָט דאָ געמאַכט הוליאַנקעס און קערמעשלעך מיט אירע שקצים, און איצט איז זי אַנטלאָפן.

מיר גייען ווייטער—די שאַפעס אויפגעבראָכן, די שופלאָדן צעהאַקט, מען האָט אונז באַגנבעט ביז אַ שנירל. נישטאָ מיין נייער פעלץ, נישטאָ מיין ווייבס שפּאָגל-נייער מאַלפּע-פוטער. איך כאַפּ דעם טעלעפאָן, וויל קלינגען אין דער פּאָליציי, דער טעלעפאָן קלינגט נישט. איבערגעריסן. נישט באַצאָלט דעם טעלעפאָן-רעכענונג. איך קריג זיך מיטן ווייב.

די נאַכט פאַלט צו, איך וויל זיך לייגן אָפּרוען פון דער פּאַרגעניגן-רייזע, פון מיין זיסן אורלויב, נישטאָ קיין קישן, דאָס בעטגעוואַנט איז אוועקגעגנבעט. איך פאַל אַנידער אויף דער פּאַרשטויבטער אָטאָמאַנע, שפּאַר אונטער די פויסט און ווער אַנטשלאָפן. און עס חלומט זיך מיר—באַנען, רעדער קלאַפּן, רולעטקעס דרייען זיך און קאָנדוקטאָרן טאַנצן טשאַרלסטאָן אין באָד-קאָסטיומען, האָטעלן שפּרינגען, שיפן פייפן, אַן אויטאָ לויפט נאָך מיר. דער טאַקסאָמעטער שרייט. ציפערן שפּרינגען, לאַכן כאַ-כאַ-כאַ... איך וויל לויפן און קען נישט... מחנות קעלנער באַפאַלן מיך: טרינק-געלט אָדער דאָס לעבן! איך וויל שרייען, נאָר איך קען נישט: עס פעלט מיר אָטעם... קאָשמאַר.

נאָכן אורלויב – און איך קריג מיך מיטן ווייב

## דער דאָקטאָר האָט געהאָלפן.

לעצטנס האָב איך זיך אָנגעהייבן פילן שוואַך, מיד, אַפּאַטיש. און דאַר בין איך געוואָרן, אַז קיין פליי האָבן מיך שוין נישט גע־וואָלט בייסן. האָב איך באַשלאָסן אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר.

אַריינקומענדיק אין קאַבינעט פון דעם יונגן דאָקטאָר טרייבל־בלאָז, האָב איך באַמערקט, ווי ער האָט פלינק פאַרשטעקט אין אַרבל זיין רויכערדיקן פּאַפּיראָס. פון זיין אַרבל האָט זיך געשלענגלט אַ גנביש רויכל. נאָכדעם, ווי ער האָט ווי עס איז פאַרלאָשן דעם ברע־נענדיקן פּאַפּיראָס און אַראָפּגעלאָזט עס בשתיקה אויף דער ערד, האָט ער זיך צו מיר געווענדט:

— וואָס פעלט אונז?

— אָט גאָרנישט. איך בין עפּעס נישט מיט אַלעמען.

— וועלן מיר באַלד זען. — ער האָט גענומען דאָס טרייבל, מיך אויסגעהערט ווי אַ ראַדיאָ, געהייסן ווייזן די צונג, ציילן, אָטעמען, נישט אָטעמען, הוסטן, נישט הוסטן, זאָגן „אַ—אַ" און נישט זאָגן „אַ—אַ." נאָכהער האָט ער געהייסן, איך זאָל מיך אָנטאָן, זיך אַוועק־זעצן, האָט זיך אַליין אויך אַוועקגעזעצט האַרט מיר קעגנאיבער אַזוי נאָענט, אַז מיין קני האָט זיך באַגעגנט מיט זיין קני, זיך פאַרשעמט און אָפּגערוקט.

ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּנים זיס ווי האָניק און מיט אַ פּאָטערלעך־טרייען טאָן פון אַ יונגן דאָקטאָר, וואָס וויל זיך איינקויפן אין פּראַקטיק, האָט ער גענומען מיך אויספרעגן:

— רויכערט איר?

— ניין, — האָב איך געזאָגט, — האָב איך דען אַ רעכט צו רויכער[ן] מיט מיין שוואַכן געזונט?

— געוויס נישט. געוויס נישט. מיר טאָרן נישט רויכערן! וואָרים רויכערן איז די ערגסטע זאַך פאַר אַ מענטשן. עס פאַרסמט, עס פאַרגיפטעט. דער טאַבאַק אַנטהאַלט ניקאָטין און דאָס ווירקט צע־שטערנד אויפן גאַנצן מענטשלעכן קערפּער: אויף די נערוון, אויף דעם האַרץ, נירן, לעבער, לונגען, איבערהויפּט אויף דער מילץ. ווילט איר וויסן, ווי אַזוי דער לונגען-קאַנאַל און די אָטעם-רערן זעען אויס ביי אַ מענטשן, וואָס רויכערט, גיט אַ קוק אינעווייניק אין אַ ציגאַרן-שפּיץ, קוקט אַריין אין אַ פאַרקאָפּטשעטן קוימען. אָט אַזוי זענען אייערע געדערים און אייער גאַנצער אינגעווייד.

פון זיין מויל האָט זיך געטראָגן אַ גערוך פון איבערגעבערענטן טאַבאַק. פון דער זייט האָט זיך געוואָרפן מיר אין אויג דער אַש־בעכער, וועלכער איז געווען פול מיט פּאַפּיראָסן-קערטלעך.

ער האָט באַמערקט מיין באַלכסונדיקן בליק אויפן אַש-בעכער און ער האָט דעם אַש-בעכער פאַררוקט בשתיקה מיטן עלנבויגן הינטער אַ פּעקל ביכער, און ווייטער געזאָגט:

— יאָ. איז — נישט רויכערן. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז די ווירקונג פון ניקאָטין איז 16 מאָל שטאַרקער פון קאָקאַאין. יעדער אויסגערויכערטער סיגאַרעטל ברענגט אַריין אין קערפּער 7 מיט 10 דראַכמעס ניקאָטין. איין טראָפּן ניקאָטין קאָן פאַרסמען די לופט פון אַ גאַנצן צימער. אַפּראָפּאָ, ווי שלאָפט איר? שלאָפט איר ביי אָפענע פענסטער?

— יאָ, נאָר איך פאַרקיל זיך שטענדיק. איך האָב שוין געקריגן אַ כראָנישן בראָנכיט. נאָר איך בין פאַרקאָטערט, נאָר איך הוסט.

— דאָס שאַדט נישט. דער פּרינציפּ פון אָפענע פענסטער דאַרף עקזיסטירן ביי יעדן מענטשן, אַפילו ביי אַן אינטעליגענט. „האַלט אָפן אייערע פענסטער!" דאָס דאַרף זיין אונזער לאָזונג. טאָג ווי נאַכט זאָלן זיי זיין אָפן. ווינטער, זומער, שניי און רעגן.

איך האָב געכאַפּט אַ קוק בגנבה אויף דאָס איינציקע פענסטער אין קאַבינעט. עס איז געשלאָסן. די לופט אין צימער איז געווען פאַרשטיקט. עס האָט זיך געשפּירט אַ טערפּקער פאַרלעגענער רויך פון אַ קאַוואַלערישן צימער.

ער האָט באַמערקט מיין בליק און איז צוגעלאָפן צום פענסטער. געוואָלט עפענען, נאָר עס איז נישט געווען אַזוי לייכט צו עפענען. ער האָט זיך אויסגעזידלט.

— צום טייוול! שוין צווי חדשים, אַז איך בעט די פּאָקאָיעווקע זי זאָל עפענען די פענסטער און אויסלופטערן דאָס צימער און — גאָרנישט. איצט איז עס פאַרזשאַווערט געוואָרן... מען וועט מוזן רופן אַ שלאָסער... נו, יאָ...—האָט ער זיך ווידער צוגעזעצט צו מיר— איז וואו-זשע האַלטן מיר!

— ביי דער לופט.

— אַלזאָ, הייסט עס — לופט. ריינע לופט איז דער פונדאַמענט פון אונזער געזונטצושטאַנד. פאַרמאַכטע פענסטער ברענגען צו אַלע קראַנקהייטן: טובערקוליאָז, לונגען-אָנצינדונג, בלוט-פאַרגיפטונג און גאָז-קאַטאַר... יאָ, און דער עיקר גיין פרי שלאָפן. דאָס איז די הויפטזאַכע. ווען, אַ שטייגער, גייט איר שלאָפן?

— בערך 10, האַלב עלף אַ זייגער אינאָוונט.

— דאָס איז גוט. פרי שלאָפן גיין איז די געזונטסטע זאַך פאַר דעם מענטשן. און עס איז נישטאָ קיין אומגעזונטערע זאַך פאַר אונז, ווי גיין שפּעט שלאָפן. אין שלאָף רוען אָפּ ביי דעם מענטשן די אַלע מאַרך-צענטרען, דאָס נערוונסיסטעם, וואָס ווערט אין משך פון טאָג אַזוי אָנגעשטרענגט. נישט שלאָפן, מיין פריינט, ברענגט צו שלאָפלאָזיקייט, נעוראַסטעניע, אַפּאַטיע, מעלאַנכאָליע, אויגן-אָנצינדונג, שוואַכער זכרון, אַפּאָפּלעקסיע און שלוקערץ...

— מען רופט דעם ה' דאָקטאָר צום טעלעפאָן, — האָט די פּאָקאָיעווקע געמאָלדן.

ער איז אַרויס אין צווייטן צימער און צו מיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן זיין טעלעפאָן-געשפּרעך:

— ניין, היינט וועל איך נישט קומען. פאַרגעסט נישט, קאָלעגע, אַז שוין דריי נעכט, ווי איך שפּיל אין קאָרטן. ניין... און אפשר וועל איך יאָ קומען... יאָ... אַפּראָפּאָ, פאַרוואָס, קאָלעגע, זענט איר נישט געווען אויף דעם דאָקטוירים-באַנקעט אין האָטעל „סאַוואָי?" 20 מענטשן זענען מיר דאָרט געווען... אויסגעטרונקען 40 פלאַש שנאַפּס... גוט... איך וועל זען, מסתמא, וועל איך קומען... גרייט אָן קאָרטן און אַ פלעשל קאָניאַק... אַדיע, צום ווידערזען!..

ער איז אַריינקומען.

— איז וואו האַלטן מיר?

— ביים שלאָפן גיין, — האָב איך געענטפערט

— יאָ, ביים שלאָפן גיין. וואָס פריער מיר וועלן גיין שלאָפן, אַלץ געזונטער וועלן מיר זיין, דער אויסגעשלאָפענער מענטש פילט זיך גאָר פרישער, מונטערער... נישט דערנערווירן זיך, נישט האַזאַר-דעווען, נישט איבערלעסטיקן דעם מאָגן מיט שפּייז, ווינציק עסן — דאָס איז אויך איינער פון די זיילן פון געזונט. הונגערן, הונגערן, הונגערן! — דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פון דער מעדיצין. נישט דערעסן — דאָס דאַרף זיין אונזער אידעאַל. איך וואָלט אייך אַפילו געראַטן אַ פּאָר טעג אין וואָך פאַסטן. לחלוטין פאַסטן. העכסטנס אַ טרוקענע פלוים. דאָס וואָלט אייך געמאַכט געזונט, ווי אַ מויער... אַפּראָפּאָ, וואָס עסט איר? פלייש עסט איר?

— ניין, איך עס נישט קיין פלייש. ד"ר פּיפּיץ האָט מיר געזאָגט, אַז פאַר מיין שוואַכן קערפּער איז נישט רעכט צו עסן פלייש.

— זייער ריכטיק. איר טאָרט נישט עסן קיין פלייש. איז דען דאָ אַזאַ שעדלעכע זאַך פאַר אַ מענטשן, ווי פלייש עסן? אַלע קראַנק-הייטן קומען פון פלייש עסן. פון פלייש באַקומט מען אַפּענדיציט, רעוומאַטיזם, צוקער, מידקייט, בלאַסקייט, קאָפּשווינדל, האַרצקלאַפּע-ניש, איבלונג און — דער עיקר — גאַזן. זויערע גאַזן. עס שפּאַרן אייך אונטערן לעפעלע די זויערע גאַזן... אַלזאָ, וואָס עסט איר?

— איך ווייס? מען הייסט מיר עסן מילכיקס, אַ קאַשקע, אַ ביסל גריינס און זויערמילך...

— אָט-אָט-אָט! זויערמילך! דאָס איז די נאַרהאַפטסטע שפּייז פאַר דעם מענטשן. דער מענטשלעכער אָרגאַניזם שטרעבט אַריינצו-נעמען אין זיך וואָס מער זויערמילך. זויערמיך און ביטערזאַלץ. די בייזע זאַכן אַנטהאַלטן די ריכטיקע וויטאַמינען, וואָס פאַרלענגערן דאָס מענטשלעכע לעבן.

די דינסט האָט געמאָלדן:

— דער מיטאָג איז אויפן טיש.

אין נאָז האָט מיר געגעבן אַ זעץ דער געשמאַקער ריח פון געפּעפּערטע פיש, געפּרעגלטע גענדזנס, ציבעלע-פלייש, געבראָטענע קאַרטאָפל און אַנדערע מאכלים. און ער האָט גערעדט:

— פלייש איז סם. פלייש איז דאָסזעלבע, וואָס אַלקאָהאָל, עס פאַרשיכורט... אַפּראָפּאָ, טרינקט איר שאַרפע געטרענקען?

— ווי קום איך צו טרינקען שנאַפּס? איך מיט מיין געזונט?

— זייער ריכטיק! נאָר נישט טרינקען קיין משקה. וואַסער מעגט

איר. ריין וואַסער. וואַרים אַלקאָהאָל, ווייסט איר דאָך, ווי ס'איז שעדלעך פאַרן מענטשלעכן קערפּער. פון אַלקאָהאָל קומען אַלע צרות. אַלע קראַנקהייטן... אַלקאָהאָל... אַנטשולדיקט, איך האָב זיך עפּעס דערמאָנט... איך באַדאַרף אָרײַנגיין טעלעפאָנירן צו אַ דאָקטאָר וועגן אַ קאָנסוליום.

ער איז אַרײַן אין עסצימער. איך האָב נישט געהערט, ער זאָל דאָרט טעלעפאָנירן. דערפאַר האָב איך געהערט אַ דײַטלעכן גלעזערנעם קלונג-באַגעגעניש פון אַ פלעשל מיט אַ גלעזל. ער איז אַרײַנגעקומען.

— איז וואו האַלטן מיר?

— ביים פלעשל, — זאָג איך.

— נו, יאָ, אַלקאָהאָל. עס צעשטערט דעם מענטשלעכן... הקק... אָרגאַניזם ביזן גרונד... הקק... אַלקאָהאָל — הקק...

פון זיין מויל האָט געשלאָגן אַ ריח פון קאָניאַק. די רעכטע באַק האָט בײַ אים זיך צעשפּילט מיט אַ ראָז פלעמל. דאָס לינקע אויג איז געוואָרן קלענער, און ער האָט גערעדט:

— אַלקאָהאָל... נו, יאָ... מען באַקומט פון דעם אַ ברוסט-פעלער, פאַראַליטישן פּראָגרעס... הקק... מיין איך, פּראָגרעסיוון פאַראַליטש... און... אַ פליך... עס קריכן אייך אויס די האָר... אַן אַלקאָהאָליקער... הקק... פאַלט נידעריקער און נידעריקער... ביז ער פאַלט אין... הקק... אַפּראָפּאָ... אַדיע...

ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט, און מיט דער פלינקייט פון אַ קונצן-מאַכער פון שוואַרצער מאַגיע, האָט ער אַרויסגעזשעברעוועט דעם האָנאָראַר פון מיין האַנט אין זיין האַנט אַרײַן און, פאַרנוויגנדיק זיך מיט דער העפלעכקייט פון אַ פּראָווינציעלן טאַנץ-לערער, האָט ער געזאָגט:

— הקק... אַדיע... צום — הקק... ווידערזען!...

---

פון דאַן אָן האָב איך אָנגעהייבן צו שלאָפן ביי פאַרמאַכטע פענסטער, רויכערן, עסן פלייש, טרינקען שנאַפּס, שפּילן אין קאָרטן. עס איז מיר צוגעקומען 5 קילאָ, און איך ביז ערשט רעכט געקומען צו די כוחות...

# מיט פרעהן אין רייטוואָגן.

(אַ פּסחדיקער חלום).

איך האָב אים געטראָפן שפּאַנענדיק, דעם רייטוואָגן, אין גרויס אייקעניש.

— דערלויבט מיר אייך, אייער פּרעהשע הויכקייט, אונטערטע־ניק צו אונטערוויואירן, — האָב איך געזאָגט. — איך בין אַ שרייבער, אַ זשורנאַליסט.

— נישטאָ קיין צייט. איר זעט נישט, אַז איך בין פאַרנומען?! — האָט ער שאַרף אַ זאָג געטאָן, בינדנדיק די „פּאָסטראָמקעס" אַרום די פערד און איינציענדיק דעם כאָמעט מיט אַ פוס. — מען דאַרף גלייך פאָרן. וואו איז די בייטש, צו אַלדע רוחות!

— איז מיר דערלויבט צו פרעגן, וואָס איז מיט אייך די גאַריאַטשקע?

— וואָס? איר'ט גאָרנישט געהערט? אַ שרייבער, אַ צייטונגס־מענטש און האָט נישט געהערט! די יידן האָבן דאָך היינט בייגאַכט געמאַכט אַ „ויברח"... גענומען די פיס אויף די פּלייצעס מיט האַק און פּאַק און—היידאַ! האָט איר גאָרנישט געלייענט אין די צייטונגען?

— וועלכע צייטונגען? נישט אַרויס היינט קיין צייטונגען.

— נישט אַרויס קיין צייטונגען? נו, געוויס, אוודאי זענען היינט נישט אַרויס קיין צייטונגען. נישטאָ קיין יידן, זענען נישטאָ קיין צייטונגען... ווער ווייסט דאָס נישט, אַז די מצרישע פּרעסע ליגט אין יידישע הענט... — האָט פּרעה צוגעגעבן מיט אַ זיפץ. — נו, פאַרטיק! איך פאָר!... איך וועל זיי נאָך כאַפּן!... ביים סאַמע

גרענעץ וועל איך זיי פּאַקן!... אַנאָנסן האָב איך שוין צעשיקט נאָך זיי. זיי וועלן זיך פון מיינע הענט נישט אַרויסדרייען. אַזעלכע ממזרים! אַזעלכע עכברושים! אַזעלכע מאַראַוויכערס!... 400 יאָר האָבן זיי אָפּגעאַרבעט ביי איין באַלעבאָס און פּלוצלונג געמאַכט פּיס!... איך וועל זיי אָנלערנען...

— דערלויבט מיר, גרויסער פּרעה, מיט אייך מיטפאָרן און באַגלייטן אייך אין רייטוואָגן, און פאָרטזעצן מיין אינטערוויו.

— מיטן גרעסטן כּבוד! נו, היידאַ! קריכט אין וואָגן! יאַזדאַ!

מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין רייטוואָגן. פּרעה האָט אַ שמיץ געטאָן די פערדלעך, וועלכע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ ווילדן גאַלאָפּ. און ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ באַליידיקטער נשמה:

— איר פאַרשטייט, פאַניע שרייבער, אַזוי אָנפייפן, אַזוי אָנפייפן... איך זאָג אייך, אַז איר מעגט זיי באַשרייבן. איר זאָלט זיי, למען-השם, אַרויפשטעלן אויפן בלאַט. וואָס-וואָס, אויף דעם האָב איך זיך גאָרנישט געריכט. נעמען און אַנטלויפן אָן אַ זיי-געזונט. און ווען? פאַר יום-טוב. איבערלאָזן די פּיראַמידן אינמיטן דער אַרבעט... פּסח איז שוין אויף דער נאָז. עולים און טוריסטן וועלן באַלד אָנהייבן צו פאָרן קיין ארץ-ישראל, וועלן פאָרן דורך מצרים, וועלן אָנקוקן די באַרימטע פּיראַמידן, און די פּיראַמידן שטייען נישט פאַרענדיקט... אַ שיין פּנים וועט עס האָבן.

— אפשר וועלן זיי נאָך, די יידן, קומען צוריק? — האָב איך אים געפּרואווט טרייסטן.

— עט, נישטאָ וואָס צו וואַרטן! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער בייטש אין האַנט. — צוריק וועלן זיי שוין נישט קומען. זיי זענען דאָך נישט געפאָרן מיט דער הילף פון ארץ-ישראל-חברות און נישט דורך עמיגראַציע-געזעלשאַפטן און נישט דורך פּאַלעסטינעאַמטן... זיי וועלן צוריק נישט קומען... און אָט דער משה זייערער איז אַ האַרטער ייד. טאָמער וועלן זיי זיך פאַרבענקען נאָך דעם סיר-הבשר — נאָך דעם טאָפּ פלייש, וועט ער זיי נישט דערלאָזן... אַ ביטערער ייד איז דער משה... האָב איך דאָס געהאַט פון אים צו זינגען און צו זאָגן... איר זעט?

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס מעשענע היטל פון קאָפּ און געוויזן מיר די סימנים פון מכּת „שחין".

— זיין מלאכה! — האָט פּרעה ווייטער גערעדט. — ער האָט עס מיר פֿאַרקאָכט דאָ אַ חתונה... פונדעסטוועגן האָב איך פֿאַר אים דרך־ארץ, אָט פֿאַר דעם משהן! אַ פֿערזענלעכקייט! ווי זאָגט אייער אַן אָרטאָדאָקסישער שרייבער! „וואָס מער איך טראַכט זיך אַריין וועגן משה רבינו, אַלץ מער זע איך וואָס פֿאַר קליין מענטשעלע איך בין"... הגם קיין גרויסער רעדנער איז ער דווקא נישט געווען. אַ שטיקל כבד־פּה. נאָר כאַראַקטער האָט ער, און אָרנטלעך. גאָרנישט ענלעך צו אַ היינטיקן כלל־טוער... און דערפֿאַר פֿאַרדריסט מיך טאַקע אויף אים. אַ שפּיצל מיר אָפּגעטאָן! אַזאַ אומדאַנקבאַרקייט! אויסגעהאָדעוועט זיך ביי מיר אין שטוב. די בעסטע שטעלעס אים פֿאָרגעלייגט: ווילסטו, קענסטו ווערן אַ פּאָליטיקער, ווילסטו, קענסטו ווערן אַ קאַזיאָנער ראַבינער, אַ צענזאָר פֿון יידישע צייטונגען, „אַ אוטשאָני יעווריי", „אַ יידן־קענער" ביי די חרטומי־מצרים. און ווילסטו גאָר, גיב איך דיר אַ קאָנצעסיע איבער גאַנץ מצרים און גושן, און פֿאַר דיר אָרום מיט דיין צויבער־שטעקן און וויַיז דיינע קונצן, גיב דיר דאָרט דיינע מאַגישע קאָנצערטן און מאַך זיי דאָרטן האָקוס־פּאָקוס, און מאַך זיך אַ שיין לעבן. איז ניין און ניין, נאָר אָפּטאָן מיר אַ שפּיצל. עך־עך־עך! נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט.

— איז אמת, אַז איר האָט געפֿירט אַן אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק? געאַרבעט מיט די יידן בחומר ובלבנים, עבודת פּרך? געבויט פּיסום־ורעמסס?

— אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק רופֿט איר עס? — האָט זיך פּרעה באַליידיקט. — געגעבן זיי קאַזיאָנע אַרבעט, באַשעפֿטיקט זיי ביי מלוכה־אונטערנעמונגען, און זיי רופֿן עס אַנטיסעמיטיזם. וואו האָט איר געזען, אַז אַ מלוכה זאָל געבן אירע יידן קאַזיאָנע אַרבעט? וואו האָט איר געזען, אַז מען זאָל באַשעפֿטיקן יידן ביי שטאָטישע אַרבעט? און איך האָב זיי געגעבן. נאָט אייך, בויט, שאַפֿט. הגם איך ווייס, אַז יידן זענען נישט אַזעלכע גוטע קוואַליפֿיצירטע בויאַרבעטער. איך האָב געוואוסט, אַז יידן זענען טאַנדעטניקעס, און אַז די פּיראַמידן וועלן אַנהאַלטן הלוואי אַ יאָר צוואַנציק. פונדעסטוועגן האָב איך אויף דעם נישט געקוקט, מחמת איך האָב מיר מיין פּרינציפּ! אַלע האָבן רעכט אויף אַרבעט. און איצט האָבן זיי מיר אַזוי שיין אָפּגעדאַנקט.

ער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס, וואָס איז גערונען פון אונ־
טער זיין מעשענער קאַסקע, און אַ זיפץ געטאָן:

— שוין איינמאָל אַ פאַלקל די יידן, נישטאָ וואָס צו רעדן!

— און וואָס עפּעס מיט דעם כל הבן הילוד היארה תשליכהו? — וואָס הייסט עס נעמען געבוירענע קינדער און וואַרפן אין וואַסער? איז דאָס אַ יושר?!

— הע־הע־הע! — האָט ער זיך פאַרענטפערט. — דאָס האָב איך דאָך געטאָן צוליב יידן־פריינטשאַפט, דווקא ווייל איך בין אַ גרויסער יידן־ליבהאָבער. צו וואָס זאָל איך אויסהאָדעווען גרויסע יידן און זאָל אויף זיי מאַכן פּאָגראָמען? מיינע סטודענטן זאָלן זיי וואַרפן פון די צוגן? רייסן זייערע בערד? אַמער וועל איך בעסער די יידן וואַרפן אין טייך קליינערהייט, וועט נישט זיין וועמען צו שלאָגן און וועמען צו פּאָגראָמירן גרויסערהייט. פאַרשטאַנען?... אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן... מניע... אפשר האָט איר אַן עגיפּטישן סיגאַרעטל, טאָ זייט אַזוי גוט און שטופּט מיר אַריין אין מויל און פאַררויכערט. איך קען נישט אָפּלאָזן די לייצעס... איך האָב פון גרויס איילעניש פאַרגעסן מיינע סיגאַרעטן אויפן טיש.

איך האָב אים אַריינגעשטופּט אַ סיגאַרעטל אין מויל און פאַר־רויכערט און געפרעגט:

— אָבער וואָס גייט אייך, גרויסער פּרעה, בכלל אין לעבן נאָכצויאָגן זיי, די זשידליאַקעס? אויף וויפל איך ווייס, פלעגן אייערע מצריים שטענדיק יאָגן זיי: „קיין פּאַלעסטינע גייט"!

— יאָ, אַזוי איז עס. פריער שרייט מען, יאָגט מען, דערנאָך האָט מען חרטה. עס איז שוין אַזוי מיט אונז... עס פאַרדריסט מיר נאָר, ווי נעמט עס ששים רבוא יידן און אַנטלויפט אָן אויסלענדישע פּאַספּאָרטן און אָן וויזעס. ווען די ששים רבוא יידן צאָלן אַלע פאַר פּאַספּאָרטן און וויזעס, וואָלט דאָך אונזער מלוכה־אוצר רייכער געוואָרן מיט מיליאָנען עגיפּטישע פונטן. איר שפּילט זיך מיט עגיפּ־טישע פונטן!... איצט האָב איך מורא, אַז אונזער וואַליוטע וועט אָנהייבן פאַלן... שיין וועלן מיר אויסזעו. זענט איר שוין היינט געווען אויף דער בערזע?

— געווען.

— נו?

— געשלאָסן.

— זעט איר ?

— און אין דער יידישער געגנט געוועזן ? אין גושן אויף נאַלעווקיס ?

— געוועזן... טויט ווי אויף אַ בית-הקברות.

— זעט איר ? אַ חורבן האָבן זיי מיר געמאַכט אין לאַנד מיט זייער אַנטלויפן. אַ מהומה אויף זיי... וויאַ... אַ פּגירה אויף אייך !— האָט ער געשמיסן די מידע פערדלעך.

אונזער רייטוואָגן איז געפלויגן ווי פייל אויסן בויגן. דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואָרפן פּלאַקאַטן און מודעות מיט אויפשריפטן.

---

## אַנטלאָפן דאָס יידישע פאָלק!

**צען טויזנט עגיפּטישע פונטן אַ פּרעמיע באַקומט דער, וואָס וועט זיי אָפּזוכן און צושטעלן אין שטאַב פון פיתום ורעמסס.**

סימנים: רעדט פאַרשידענע לשונות, חוץ זיין אייגענעם, טרינקט נישט קיין שאַרפע משקאות, רעדט מיט די הענט, טראָגט דעם דאַשעק אויף אַ זייט. לעבט פון לופט, זוכט אַ גמילות-חסד און אַזוי ווייטער און ווייטער.

---

אין דער לופט האָט זיך שוין אָנגעהייבן פילן דער ים-סוף. משמעות, אַז דער ים איז שוין געוועזן נישט ווייט. און אָט-אָט איז שוין דער ברעג... דאָ און דאָרט זענען געווען אויסגעשטעלט קינאָ-אַפּאַראַטן צו מאַכן די גרויסע בילדער פון „קריעת ים-סוף" און „יציאת-מצרים"—שפּאַנענדיקע בילדער פאַר דעם יום-טוב-סעזאָן. רעפּאָרטערן און צייטונגס-מענטשן זענען אַרומגעלאָפן ווי אויף אַ שרפה.

— קאָלעגע, וואָס הערט זיך ? — האָב איך אויסגעשריען צו אַ זשורנאַליסט, וואָס איז געלאָפן הענדום-פּענדום צוריקוועגס.

— נישטאָ קיין צייט, איך לויף טעלעגראַפירן

— משה רבינו געזען ?

— געזען.

— אינטערוויואירט?

— אינטערוויואירט.

— וואָס זאָגט ער?

— ער זאָגט, אַז עס וועט האַלטן נאָך שמאָל, וועט ער שפּאַלטן דעם ים.

— זעט איר? — האָט זיך פרעה אָנגעכאַפּט. — אַזאַ מענטש איז אייער משה! ביי אים איז רעכט צו שפּאַלטן דעם אומשולדיקן ים, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ פּאַרטיי... נאָר איך וועל זיי נישט אָפּלאָזן. איך וועל זיי נאָכיאָגן ביז אין די טיפענישן פון ים. אין די אָפּגרונטן וועל איך זיי דערגרייכן!

באַלד האָט זיך צו אונזערע אויערן דערטראָגן אַ רעש, אַ גע-פּילדער. איך האָב דערקענט דעם יידישן „ויצעקו". פון ווייטן האָב איך דערזען ווי אַ שטעקן האָט זיך אויפגעהייבן און אַראָפּגעלאָזט. דער ים האָט זיך געשפּאָלטן און איבערגעלאָזט אַ גייטראָקן פּאַס. די יידן האָבן פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און מאַרש אין טרוקענעם ים אַריין.

אונזער רייטוואָגן האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך זיי. נאָר באַלד האָט זיך דאָס וואַסער אומגעקערט און איך מיט פרעהן האָבן אָנגעהייבן זיך צו טרינקען. איך האָב זיך פאַרכלינעט. דאָס וואַסער האָט מיך אָנגעהייבן צו שטיקן, ווערגן. איך האָב אָנגעהייבן צו פּאַטשן מיט די הענט און פיס און — זיך אויפגעכאַפּט.

---

מיין ווייב איז געשטאַנען איבער מיר און געבעטן אויף יום-טוב.

# יידן זיצגען...

(אַ סצענע אין וואַרשעווער שטאָט-גאָרטן).

זיצן צוויי יידן אויף אַ באַנק אין שטאָט-גאָרטן.

איינער הייסט כּמעט משה-כאַצקל און דער אַנדערער הייסט כּמעט מרדכי-לייבוש.

דערפאַר זענען דידאָזיקע צוויי יידן אָרעם שוין גאָרנישט „כּמעט“, נאָר אויף אַן אמת. צעלעכערטע אָפּגעטראָגענע קאַפּאָטקעס, אָפּגעשאָסענע קאַשקעטן. ביידע יידן מיט בערדלעך, שיטערע, חרובע בערדלעך, ווי צוגעקלעפּטע צו דאַרע איינגעצויגענע באַקן. אויסגעאַרטשעטע געל-בלייכע נעז, הונגעריקע, פאַרחלשטע, וואָס לאָזן פון זיך אַ סך אַראָפּלייענען, ווי פון פאַרגעלטע מגילות.

איר לייענט פון זיי אַראָפּ, אַז די באַלעבאַטים פון דידאָזיקע נעז און בערדלעך זענען קבצנים אין זיבן פּאָלעס, אַז זיי זענען אַרבעטסלאָז, געלטלאָז, ווטשערעלאָז, נאָר נישט קינדערלאָז; אַז אינדערהיים איז דאָ, קיין עין-הרע, אַ חבֿרה פּיקערלעך, וואָס זענען אַזעלכע נאַשערס און אַזוי צעפּיעשטשעט, אַז אָן ברויט ווילן זיי נישט גיין צום טיש; אַז די ווייבער זענען גרין און פאַרביטערט און האָבן מיט גרויס עקשנות און צודרינגלעכקייט געבעטן אויף שבת, וואָס דאָס האָט אונזערע צוויי יידן געטריבן אויף דער גאַס אַרויס. אויף דער גאַס האָבן די יידן ג״טאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט: זיך געדרייט, געבלאָנקעט, געריבן די שטערנס, געדרייט מיט די שטעקעלעך, געקראַצט זיך אונטער די בערדלעך; נאָר מחמת פון דער־דאָזיקער אַרבעט קען מען אַלץ נישט מאַכן שבת, האָבן זיי

זיך מייאש געווען און אַריין אין שטאָט-גאָרטן אָפּצורוען אויף אַ באַנק.

אַ קורצע ווײַלע זענען זיי געזעסן שטיל, נאָר באַלד האָט איינער אָנגעהייבן אונטערצוזינגען:

— צו–ו–ר יש–רא–א–ל... קו–מה בעז–רת יש–רא–אל...—האָט אָנגעהייבן איין יידל מיט אַ געלן שיטערן טענאָרל.

— הבט מש–מי–ם וראה!.. — וראה מש–מ–י–ם הבט!.. — האָט אונטערגעבּרומט דאָס צווייטע יידל מיט אַ פאַרוואַקסענעם הייזעריקן באַריטאָנדל.

— איז וואָס זאָגסטו, משה-כאַצקל, צו אונזער יאָסעלע ראָזנבלאַט? אַ יאָ אַ כלי? שוין איינמאָל אַ כלי!.. אַזאַ מנגן! אַזאַ מנגן! עין לא ראתה — קיין אויער האָט עס נאָך נישט געהערט... האָסטו געהערט, אַ שטייגער, ווי ער האָט זיך דאָס פאַרקאַטשעט אין דעם „אדמל יסודולע מעפרל״? (זינגט) אַי, אַי, אדם... יסודו... יסודו אדם... מעפר יסודו—דו—דו... אַ, אַ, אַ... אוי, אוי, אוי... (פאַרגייט זיך מיט אַ פאַלצעט) אַ–אַ–אַ–אַ!...

— און איך װעל, מרדכי-לייבוש, נישט אַוועקגעבן דײַן גאַנצן ראָזנבלאַטן מיט דעם יאָסעלען מיט זיין ברייטן בערדל פאַר איין נאָגל פון מיין גרשונקע סיראָטע... מחמת דאָ איז פאַראַן שטים, געמבע! פאַרשטייסט? עס איז דאָ די ריכטיקע מאַטעריע! און אַז מיין סיראָטע דערלאַנגט, דערלאַנגט ער די ריכטיקע סחורה!.. (זינגט) תקנת שבת... תקנת שבת... ש–ב–ת... אָ–אָ–אָ...

— וואָס מיר דערלאַנגען, ווען מיר דערלאַנגען... פכע! אַ לאָקאָמאָטיוו קען אויך דערלאַנגען. אַ לאָקאָמאָטיוו האָט אַ גרעסערן פייפער, פונדעסטוועגן בלייבט ער אַ לאָקאָמאָטיוו!.. מיין יאָסעלע האָט נישט קיין פייפער. ער האָט אַ פייפערל, אַפּיסטולטשיקל, אַ שפּילקעסטעלע... ער, אַז ער פאַרגייט זיך, איז עס ווי אַ פידעלע, וואָס זאָג איך אַ פידעלע, אַ קאַנאַרייטשיק! אַ וואָראָבייטשיק! אַ סאָלאָווייטשיק!

— פּש, פּש, פּש! זע נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס צעוואָראָבייטשיקט און צעסאָלאָווייטשיקט...—זאָגט דער ערשטער מיט אַ ירגזון.— אָבער וואו איז די „אָבערע צע״? האַ? וואו, פרעג איך דיך, איז די „אָבערע צע״? ווי גייט עס אַרום אַ מענטש אָן אַן „אָבערע צע״?

— און איך דאַרף דיין „אָבערע צע" אויף כפרות! דאָס איז דאָך נאָר אַן איינגעשמועסטע זאַך, אָט די „אָבערע צע"... מיר ווייסן דאָך, אַז עס איז נישטאָ קיין „אָבערע צע". אַן אמתער זינגער קען נעמען דעם העכסטן טאָן גאָר אָן אַן „אָבערע צע" בלויז מיט דעם ריכטיקן קאַמערטאָן... ביי מיר איז דער עיקר דער „פּאַלצעט", דאָס בייקולכל און ביי מיין יאָסעלען איז דאָ דאָס אמתע „פּאַלצעטל, דאָס אמתע פלגשל. און אַז ער כאַפּט זיך אַרויף אויף זיין פלגשל, האַלט ער דאָרט שבת...

— אָבער ווער האָט די אויבערלאַגע? און ווער האָט די הינ-טערלאַגע? און ווער האָט די מיטללאַגע מיט דער ביילאַגע? אַלץ מיין סיראָטע. און דיין יאָסעלע, וואָס האָט ער? אויבן—גאָרנישט, אונטן—גאָרנישט און אינמיטן—אַ באָרד. פכע!

— און „קלאָוואַטורע" איז ביי דיר אַ הונט?

— וואָס טויג מיר קלאַוואַטורע-שמאַוואַטורע! דו גיב מיר שטים און ווייטער גאָרנישט.

— און איך דאַרף נישט קיין שטים. איך האָב פיינט אַ טראָמ-באָן. איך האָב ליב קלאַוואַטורע... אַ-אַ-אַ, או-או-או...

— לאָז שוין אָפּ, הער זיך אויף צו ציקלען. איך האָב פיינט, אַז מען ציקלט זיך מיר. אַז מיין סיראָטע גיט אַ שאָס אַריין, דער-פילט מען. „ויהי בנסוע הארון" איז דאָך אָפּערע! קוראַטאָריום! דער צווייטער „קוקורוזע"! (קארוזא).

— עט, דיין סיראָטע איז אַ דראַנג. פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען דערלאַנגט מיט אַ דראַנג איבערן קאָפּ, פילט מען אַ ווייטיק, אָבער מיין יאָסעלע איז אַ נאָדעלע. מיט אַ נאָדעלע, אַז מען דער-לאַנגט אַ שטאָך, פאַרגייט עס אין זיבעטן ריפּ.

— אָבער ווער האָט די „מעטאָ-וואָטשע"?

— און ווער האָט דעם אמתן קנייטש מיט דעם אמתן קוועטש?

— און איך האָב פיינט, אַז מען קוועטשט זיך. דו זינג מיר און קוועטש זיך נישט.

— דערפאַר זינגט דאָך מיין יאָסעלע „אַפּראָוויזאַציע".

— און מיין סיראָטע באַדאַרף נישט קיין „אַפּראָוויזאַציע". ער זינגט מיט זיין מעטאָ-וואטשע, און ס'איז גענוג.

— איך גיב דיר אַוועק דריי „מעטאָ-וואָטשעס" פאַר איין „אָמר ר' אליעזרל".

— און איך שענק דיר אַוועק צען „ר׳ אליעזרלעך״ פאַר איין מעטאַ־וואַטשע.
— דו ביזט אַליין אַ מעטאַ־וואַטשע!
— און דו ביזט אַ מנוול!
— און דו ביזט אַ וואַריאַט!
— און דו פאַרשטייסט אין חזנות, ווי מיין שטיוול!
— און דו, ווי אַ חזיר אין פאַמעראַנצן!
— כאַמריוק!
— פאַסקודניאַק!
— פעטש ביזטו ווערט! אַזאַ פאַרך!
— און דו ביזט אַליין אַ פאַרך!
— די באָרד לאָז אָפּ!
— און דו לאָז אָפּ מיין באָרד!
— לאָז אָפּ, זאָג איך דיר... איך... איך האָב נאָך היינט נישט געגעסן...
ביידע ווערן ווייכער.
— און איך האָב, מיינסטו, היינט יאָ געגעסן?.. נאָך אין מיין מויל נישט געהאַט.
— אינדערהיים זיצט מען הונגעריק... אַ ווייב מיט קינדער... עך, עך, עך...
— און ביי מיר אויך נישט בעסער... דאָס ווייב מאָנט אויף שבת... די קינדער ווילן עסן... עך, עך, עך... מען זאָל עס קענען פאַר־דינען אַ גראָשן...
— נאָך היינט קיין גלאָז טיי נישט געטרונקען.
— קלו כל הקיצים... עך, עך, עך...
ביידע הייבן אָן צו זינגען, פריער שטילער, דערנאָך שטאַרקער און ווייטיקלעכער, ווי דאָס גאַנצע ביטערניש פון די הערצער זאָל זיך אויסלאַדעווען אינדרויסן. און זיי פאַרגייען זיך מיט גרויס דבקות און האַרציקייט:
— צו־ר יש־רא־אל קו־מה בעז־רת יש־רא־אל!
און אין אַ ווילדע אַרום:
— זכור רחמי־ך... וכלה דבר... חרב ורעב... רעב וחרב... חרב רעב... אי־אי־אי, אוי־אוי־אוי!

— טאַטעניו, פאָטערל... אי-אי-אי!.. קומה בעזרת!.. קומה בעזרת...

און ווידעראַמאָל:

— צור יש–רא–אל... אַי-אַי-אַי... טאַ-טאַ-טאַ!..

עס קומט אָן אַ פאָליציאַנט.

— צאָ זאַ האַלאַס! וואָס פאַר אַ טומל? דאַ דיאַבלאַ!.. צום טייוול! וואָס פאַר אַ געזאַנג אַ ביסל!

די יידן פאַרענטפערן זיך:

— פראָשען פאַנאַ, יאַ יעמו שפעוואַם „השכבני”, באָ אָן מווי, זשע סיראָטע יעסט דראָנג. טאַקי היצעל!

— אַ יאַ יעמו „ר׳ אליעזר”... ניעך ווידזשי, זשע יאָסצע מאַ קלאַוואַטור אי מאַ „קוועטש”.

— צאָ זאַ „קוועטש”, צאָ זאַ זאָזער!”—שרייט דער פאָליציאַנט.—יאַ וואַס דאָ קאָמיסאַריאַטו! דאָ דיאַבלאַ! מאַרש!

און ער פירט זיי אַוועק, די צוויי טויטהונגעריקע יידן.

## צרות פון יידישקייט.

(סצענע אין וואַגאָן).

### פאַרשוינען:

איגנאַץ — אַ יונגערמאַן, אָנגעטאָן ספּאָרטמעניש אין אַ רייזעמאַנטל און אַ האַרטן קאַפּעליוש. פאַרמעגט צוויי שיינע וואַליזעס. זעט אויס ווי אַ קריסט.

אַ טאָמאַשאָווער ייד.

אַ לאָדזשער ייד.

אַ זעגזשער ייד.

אַ דיקער ייד — אַ יונגערמאַן, אַן עסער, וואָס האַלט זיין באַן-בילעט אַריינגעשטעקט אין קאַפּעליוש.

אַ ווייבל מיט אַ קינד.

יענקל — איר מאַן.

אַ ייד פון הערינג.

אַ געלער פּאַסאַזשיר.

אָרט: אויף אַ וואַרשעווער וואָקזאַל, 15 מינוט איידער דער צוג רירט זיך.

אַ וואַגאָן דריטער קלאַס. פון ביידע זייטן — בענק און פּאָליצעס. קעגנאיבער אין הינטערגרונט — דער קאָרידאָר פון וואַגאָן און אַ פענסטער. אַ קורצע ווײַלע איז דער וואַגאָן פּוסט. פלוצלונג, פון הינטער־גרונט, לינקס, באַווייזט זיך אַ קנויל מענטשן, וואָס רייסן און שטופּן זיך מיט אַ ליאַרם אין וואַגאָן אַריין. משמעות, אַז מען האָט נאָר־וואָס געעפנט דעם וואַגאָן — עלטערע און יונגערע יידן מיט פּעקלעך, קוישן און וואַליזעס. אַ ווייבל מיט אַ קינד אויף די הענט. אַ געדראַנג, אַ געשריי און אַן אַמפּערניש. שטימען:

**דיקער ייד:** אָבער לאָזט אַ דורך!

**טאָמאַשאָווער ייד:** געזען אַ ביסל! נישט אַהין, נישט אַהער! זיך אָוועקגעשטעלט...

**ווייבל:** איר וועט דאָך מיר צעקוועטשן מיין קינד, וועט איר מיר צעקוועטשן! גזלנים! מערדער!

**זעגזשער ייד:** און יאָך טראָג אייער, אייער טראָג יאָך!... אָסטראָזשנע! אָסטראָזשנע!...

**לאָדזשער ייד:** די האַנט לאָזט אָפּ, די האַנט!

**ווייבל:** אַן אויג האָט ער מיר שיער נישט אַרויסגענומען מיט זיין קאַסטן. מען זאָל דאָס נישט רחמנות האָבן אויף אַ פּרויענצימער מיט אַ קראַנק קינד אויף די הענד *רופט:* יענקל, יענקל!

**זעגזשער ייד:** עטץ וועט דאָך צעקוועטשן די אייער, וועט עטץ צעקוועטשן. עטץ זעט נישט, אַז יאָך טראָג אַ קויש מיט אייער, טראָג יאָך!?

**ווייבל:** יענקל! יענקל! אַ וויסטע מהומה זאָל אויף דיר קומען! וואו ביזטו?! יע–נ–קל!...

*דער וואַגאָן ווערט אָנגעפילט פון די פּאַסאַזשירן און מ׳פאַרכאַפּט ערטער. מען שטופּט פּעק אויף די פּאָליצעס. איין פּאַק שטופּט אַראָפּ דעם צווייטן, פּאַלט, טרעפט עמעצן אין קאָפּ, מען זעצט זיך ווי־נישט־איז איין.*

**לאָדזשער ייד:** שוין... איך האָב שוין מיין פּלאַץ – פּו – פּו!

*פּאָכעט זיך מיטן קאַפּעליוש.*

**טאָמאַשאָווער ייד:** אָט דאָ זיץ איך! *ווישט דעם שוויס.* אָט דאָ, יידן, מיין פּלאַץ!

**דיקער ייד:** און איך זיץ מיר דאָ. אוי–אוי! *שוויצט.*

**ווייבל:** גזלנים! מען זאָל נישט רחמנות האָבן אויף אַ פּרויענצימער מיט אַ קינד... יענקל! יענקל!

**זעגזשער ייד** *איינמיעשטשענדיק אַ קאַסטן אויף דער פּאָליצע:* יידן, דאָ איז אייער, פאַרגעסט נישט, יידן. *זעצט זיך אַוועק, נעמט אַרויס אַ ביכעלע און צעזינגט זיך איבער אַ חשבון:* האָב איך געגעבן וועלוועלען פאַר דריי שאָק אייער – 50 זלאָטעס. אכסניא – 7 זלאָט. טראַמוויי נומר 4 – 20 גראָשן. טאָ וואו איז מיין געלט? און וואו זענען מיינע אייער?

דער טאָמאַשאָווער און דער לאָדזשער ייד טאַפּן דערווייל די קאַפּאָטע ביים זעגזשעי יידן און אמפּערן זיך.

לאָדזשער ייד: אַ קאַנגאַר... אַ שיינער קאַנגאַר...

טאָמאַשאָווער ייד: וואָס פעלט אייך איין? אַ שעוויאָט.

לאָדזשער ייד: און אפשר אַ גאַרבאַדין?

טאָמאַשאָווער ייד: שוין גיכער אַן אַלפּאַגע...

לאָדזשער ייד: משוגע, מיינע שונאים! איר זענט קיין מבין נישט.

טאָמאַשאָווער ייד: זענט איר אַ מבין!..

זעגזשער ייד: אָבער לאָזט מיך רעכענען! 13 אייער מיט 27 אייער האָבן מיר אַ קימא-לן פון 40 אייער. 19 אייער פון 30 אייער האָבן מיר אַ קימא-לן פון 11 אייער. טאָ פרעגט זיך: וואו זענען די אייער?

ווייבל: יענקל! יענקל! דער צוג גייט דאָך שוין באַלד אָפּ! יידן, ווער האָט געזען מיין יענקלען? לויפט צו צום פענסטער און שרייט ארויס: יידן, טאָמער וועט איר זען מיין יענקלען, זאָלט איר אים זאָגן, ער זאָל איינבעמען אַ מיתה-משונה!...

דיקער ייד כאַפּט זיך צום קאַפּעליוש: יידן, מיין בילעט! יידן! איך האָב פאַרלוירן מיין בילעט!

לאָדזשער ייד: דרייט אום דעם קאַפּעליוש, זייט מוחל.

דיקער ייד דרייט אום דעם קאַפּעליוש און געפינט דעם בילעט: געמיינט, אַז איך בין שוין אָן אַ בילעט... נו, איצט קאָן מען עפּעס נעמען אין מויל אַריין. שלעפּט אַראָפּ אַ קויש, פּאַקט אויף און נעמט עסן. יידן, ווער האָט אַ מילכיק מעסער? עסט אויףביידע באַקן... צו דעם זעגזשער יידן: אָבער גיט זיך אַ ביסל אַ רוק, מען קאָן דאָך נישט עסן.

זעגזשער ייד צום טאָמאַשאָווער: איז וואוהין פאָרט אַ ייד?

טאָמאַשאָווער ייד: קיין טאָמאַשאָוו. צום לאָדזשער יידן: און איר וואו הין?

לאָדזשער ייד: קיין לאָדז. צום זעגזשער יידן: און איר וואוהין?

זעגזשער ייד: קיין זעגזשע.

ווייבל: אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! פאַרפאַלן געוואָרן מיין יענקל מיטן בילעט! יענקל!!! יענקל!!!

עס קומט אַריין איגנאַץ, קוקט זיך אַרום. עס ווערט פּלוצלונג שטיל און רואיק, ווי מען וואָלט עס אָפּגעשניטן מיט אַ מעסער. אַלע זעצן זיך אוועק סטאַטעטשנע, דער זעגזשער ייד באַהאַלט דאָס נאָטיץ-ביכל און הערט אויף צו חשבונען, דער טאָמאַשאָווער ייד באַהאַלט דעם קויש און הערט אויף צו עסן.

**איגנאַץ:** מאָזשנאַ? *).

**אלע:** מאָזשנאַ! מאָזשנאַ!.. פּראָשען! ז׳וויעלקים אָוושעם!...

**איגנאַץ** ווייזט אויף אַ פּלאַץ לעבן פענסטער: טשי טו וואָלנאָ?

**אלע:** וואָלנאָ, פּראָשען פּאַנאַ, וואָלנאָ! מען קוועטשט זיך צוזאַמען און מען מאַכט אַ פּלאַץ ביים פענסטער. מען רוקט אָפּ די פּעקלעך אויף די פּאָליצעס און מען מאַכט אַ פּלאַץ פאר זיין וואַליזע, פאַר זיין קאַפּעליוש און שטעקן.

**זעגזשער:** פּראָשען פּאַנאַ, ניעך סיעביע פּאַן ראָבי באַקוועם...

**איגנאַץ:** דזיענקויע... דזיענקויע...

**זעגזשער ייד:** פּראָשען, פּראָשען... ניעמאַ זאַ צאָ...

אלע בלייבן זיצן העכסט סטאַטעטשנע. דאָס ווייבל וויל זיך צעשרייען „יענקל", נאָר ביים ערשטן קוויטש שלאָגט מען איר איבער.

**שטימען:** שאַ, שש... שש!.. קיין חרפּה! קיין בושה!.. אַ קריסט זיצט!..

פּויזע.

**איגנאַץ:** פּראָשען פּאַנסטוואַ, קטוראַ מאָזשע ביטש טעראַז גאָדזינאַ?

די יידן כאַפּן זיך צו די זייגערלעך.

**לאָדזשער ייד:** פּראָשען פּאַנאַ, ז׳וויעלקים אָוושעם. טעראַז בענדזיע אַקוראַט פּיענטש פּאָ ווּפּול דאָ פּיאָנטעי יאַק נאַ וולאָס...

**טאָמאַשאָווער ייד:** אַ יאַ מוויען, זשע טעראַז בענדזיע אַקוראַט פּונקטואַלניע פּיענטש מינוט פּאָ ווּפּול פּשעד פּיאָנטעי.

**זעגזשער ייד:** אַליעזש דאַי פּאַן ספּאָקוי טוואָאים זעגאַרקיעם. מאָזשע פּאַן גאָ זשוטשיטש פּאָד טראַמוויי נומער טשטערי... מאָי זעגאַר יעסט „כראָניטשני". וועדלוג מאָיעמו זעגאַרקאָווי „כראָניטשנעמו" טעראַז בענדזיע אַקוראַט, פּראָשען פּאַנאַ, טזשי קוואַדראַנסי נאַ, פּראָשען פּאַנאַ... פּיאָנטעי.

**דיקער ייד:** אַ מאָי זעגאַר יעסט „אָמעגאַ", אי כאָדזשי יאַק ראַטושאַ, מאָי יעסט נאַסטאַוויאָני וועדלוג סיגנאַלו אָד ראַדיאַ. יאַ מאַם ראַדיאָ, פּראָשען פּאַנסטוואַ!...

**לאַדזשער ייד:** דאַי ספּאָקוי טוואָאים ראַדיאָ!.. מאָי זעגאַר אידזשע יאַק סלאָנעטשני זעגאַר וו׳סאַסקים אָגראָדזיע וו׳וואַרשאַוויע...

---

*) די פּוילישע ווערטער קענען אין יעדן לאַנד, וואו אונזערע יידן וואוינען, פאַרטוישט ווערן אויף די באַטרעפנדע ווערטער און אויסדריקן פון יענער לאַנדס־שפּראַך.

טערַאז בענדזיע אַקוראַט, פּראָשען פּאַנאַ, טשטערע מינוטי אי פּול קוואַדראַנסע פּשעד פּול דאָ שוסטעי.

טאָמאַשאָווער ייד: ניע זאַטשינאַ שיען אי ניע וויפּושטשאַ שיען... וועדלוג מאָיעמו זעגאַרקאָווי... — —

איגנאַץ: דזיענקויע, פּאַנאָוויע, דזיענקויע! פּויזע. דאָס ווייבל גיט אַ געשריי אַרויס „יענקל", גאָר זי ווערט איינגעשטילט: „שש, שש... אַ פּריץ זיצט". ווידער אַ פּויזע.

איגנאַץ: פּראָשען פּאַנסטוואַ, קעדי נאַש פּאָטשאָנג אָטכאָדזשי?

די יידן כאַפּן זיך צו די „רייזעפּלענער" פון די קעשענעס.

לאָדזשער ייד: ז'וויעלקים אָוושעם, פּראָשען פּאַנאַ, וועדלוג מאָיעמו ראָזקלאַדאָווי יאַזדאָווי, נאַש פּאָטשאָנג אָטכאָדזשי אַקוראַט, אָ, פּראָשען פּאַנאַ, אָ פּיאָנטעי.

טאָמאַשאָווער ייד: דאַי פּאַן ספּאָקוי ז'טוואָאים „ראָזקלאַד-יאַזדאָוים"... טווי ראָזקלאַד יאַזדי יעסט סטאַרי, אַ מאָי יעסט נאָווי. וועדלוג מאָיעמו פּאָטשאָנג, פּראָשען פּאַנאַ, אָטכאָדזשי...

זעגזשער ייד: ניע זאַטשינאַ שיען אי ניע וויפּושטשאַ שיען. יאַ טעזש מאַם ראַספּיסאַניע פּאָטשאָנגוו. וועדלוג מאָיעמו פּאָטשאָנג, פּראָשען פּאַנאַ, אָטכאָדזשי — — —

דיקער ייד: אידזש, פּאַן, טוואָאים „ראַספּיסאַניעם יאַזדי"! מאָזשעש גאָ זאַמאַרינאָוואַטש ווקאַפּוסטו. טווי יעסט נאַ „בליזקי רוך", אַ מאָי יעסט נאַ „דאַליעקי רוך". וועדלוג מאָיעמו „דאַליעקאָ-רוכעמו ראָסקלאַדאָווי יאַזדי", פּאָטשאָנג בענדזיע יעשטשע סטאַל אַקוראַטניע, פּונקטואַלניע שעדעם מינוט אי, פּראָשען פּאַנאַ, טזשי סעקונדי...

איגנאַץ: דזיענקויע, דזיענקויע...

אַלע: פּראָשען, פּראָשען... ניעמאַ זאַ צאָ.

לאָדזשער ייד: ז'וויעלקים אָוושעם.

פּויזע.

דאָס ווייבל שיסט אויס: יענקל! אַ קלאָג צו מיר! יענ — — —

אַלע שטילן זי איין: שש, שש... אַ חרפה פאַר אַ קריסט, אַ חלול השם...

פּויזע.

איגנאַץ נעמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס און וויל פאַררויכערן.

לאָדזשער ייד רוקט אים אונטער זיין רויכערנדיקן פּאַפּיראָס: פּראָשען נאַי-מאָצניעי, פּראָשען.

**טאָמאַשאָווער ייד** שלאָגט אים איבער: אַליע צאָ פאַן ראָבי?! טאָ ניעוואָלנאָ... אָד פאַליאָנצעגאָ פאָפיעראָסו, פראָשען פאַנאַ, ניע־וואָלנאָ זאַפאַליטש... מאָזשע פאַן יעסט כאָרי נאַ וואָנטראָבע, אַלבאָ נאַ כראָניטשני קאָטאַר פליאַזמע? הא? יאַ מאַם, פראָשען פאַנאַ, זאַפאַלניטשקען... זאַגראַניטשנאָן זאַפאַלניטשקען, טשיק — אי גאָטאָווא!.. די מאַשינקע צינדט זיך נישט אָן.

**זעגזשער ייד**: אַליעזש דאַי פאַן ספּאָקוי ז'טוואָיאָן זאַפאַל־ניטשקאָן. זינגט מיט אַ גמרא־ניגון: זאַפאַלניטשקאַ דאָבראַ זעטש, אַליע פּושי זאַפאַלניטשקע טשעבאַ מיעטש זאַפאַלקע... נעמט אַרויס אַ זאַפּאַלקע, צינדט אָן איגנאַצעס פּאַפּיראָס: פּראָשען אי דזיענקויע...

**איגנאַץ**: דזיענקויע, דזיענקויע...

**לאָדזשער ייד**: ז'ווּיעלקים אָוושעם.

פויזע. איגנאַץ נעמט אַרויס אַ צייטונג און נעמט לייענען. אַלע זיצן מיט גרויס דרך־ארץ. דאָס ווייבל שיסט ווידער אויס: „יענקל"! נאָר מען האַקט איר איבער: שש... שטילער! דער קריסט לייענט... נישטאָ קיין חרפה און קיין בושה!..

פויזע.

עס קומט אַריין אַ פרישער יידישער געלער פּאַסאַזשיר. ער קוקט זיך אַרום, זוכט אַן אָרט, קוקט זיך איין אין איגנאַצן און דערקענט אים.

**געלער פּאַסאַזשיר**: אַהאַ, גרשון־דוד!... זע נאָר!... איך האָב דאָך דיך גאָרנישט דערקענט... פונוואַנען פאָרסטו? און וואוהין פאָרסטו?...

**איגנאַץ** גראָבט איין דאָס פנים אין דער צייטונג און שלעפּט זיין פריינט שטילער־הייט ביי דער פּאָלע: זיץ!... זיץ!...

**געלער פּאַסאַזשיר** הערט נישט: איז וואָס־זשע מאַכסטו, גרשון־דוד? וואָס מאַכט דיין פעטער גדליהו דער חזן און דיין שוואָ־גער מענדל דער מוהל?...

**איגנאַץ** שיפּעט: זיץ!... זיץ!... שש... שאַ!..

דער נייער פּאַסאַזשיר ווערט אַנטשוויגן. קוועטשט זיך אַריין. אַלע יידן אָטעמען זיך אָפּ מיטאַמאָל, ווי אַ שווערע משא זאָל זיי אַראָפּפאַלן פון האַרצן.

**שטימען**: אַ ייד גאָר?!...

**לאָדזשער ייד**: אַבי מיר האָבן געמיינט...

**טאָמאַשאָווער ייד**: פכע...

**זעגזשער ייד**: מניע...

ד י ק ע ר  יי ד: גיט זיך אַ קוועטש אַ ביסל פּעטער!

הייבן זיך אָן איבעררוקן אויף די ערטער און קוועטשן איינער דעם אַנדערן.

לאָדזשער  יי ד: גיט זיך אַ רוק, פעטער.

טאָמאַשאָווער  יי ד: אַזוי... אַ קוועטש.

ד י ק ע ר  יי ד: נאָך אַ ביסל.

ז ע ג ז ש ע ר  יי ד צו איגנאַצן: זייט פאַרזיכטיק, ר' ייד, דאָ פיר איך אייער. נו, און איצט קאָן איך זיך דאָך נעמען צום חשבון.

נעמט אַרויס דאָס נאָטיץ-ביכל און נעמט חשבונען: 23 זלאָטעס פאַר 5 שאָק אייער ירוחמען, 31 זלאָטעס מיט אַ האַלב פאַר אַ קויש אייער פון לייבן, טאָ וואו איז מיין ג–ע–עלט און וואו זענען מיינע אייער?

דער לאָדזשער און טאָמאַשאָווער ייד שטעקן דערווייל אַריין די קעפּ אין דער צייטונג, וואָס איגנאַץ לייענט.

ד י ק ע ר  יי ד: קאָן איך מיך דאָך צוריק נעמען צו מיין עסן!.. האָסטו געהערט, איבערגעשלאָגן מיך אינמיטן-דרינען. שלעפּט אַראָפּ זיין קויש, פּאַקט פאַנאַנדער און נעמט זיך צו דער סעודה. יידן, ווער האָט אַ מילכיק מעסער?

ד אָ ס ו ו יי ב ל גיט זיך אַ כאַפּ אויף מיט אַ קוויטש: אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! אַ שלאַק האָט מיך געטראָפן!.. יענקל!!! יענקל!!! וואו ביזטו, צו אַלדע פינסטערע יאָר?!!! יידן, ווער האָט געזען יענקלען?.. ער האָט דאָך דעם בילעט!

ד י ק ע ר  יי ד כאַפּט זיך טאַפּן דעם קאַפּעליוש: יידן, מיין בילעט! איך האָב פאַרלוירן מיין בילעט!

ז ע ג ז ש ע ר  יי ד: קערט אום, זייט מוחל, אייער קאַפּעליוש.

ד י ק ע ר  יי ד קערט אום דעם קאַפּעליוש און געפינט דעם בילעט: נו, דאַנקען גאָט, איצט קאָן מען ווייטער עסן.

דער לאָדזשער און טאָמאַשאָווער האָבן אַזוי אַריינגעטאָן די קעפּ אין אַ גאַנצעס צייטונג, אַז איגנאַץ קאָן שוין גאָרנישט לייענען.

א י ג נ אַ ץ: יידן, איר לאָזט דאָך מיר נישט לייענען!

לאָדזשער  יי ד: ווער לאָזט אייך נישט לייענען, ווער? א י ר לייענט, ווילן מיר אויך לייענען.

טאָמאַשאָווער  יי ד: איז אייך גוט, אַז איר האָט אַ גוטע ראיה, קאָנט איר זען פון ווייטן... איך האָב אָבער אַ קורצע ראיה,

מוז איך זיך איינקוקן...

איגנאַץ וואַרפט זיי צו די צייטונג און שטעלט זיך אַוועק ביים פענסטער, איבערלאָזנדיק אויף זיין פּלאַץ זיין קאַפּעליוש. די יידן צערייסן די צייטונג אויף צוויי העלפט און לייענען. איגנאַץ עפנט אויף די פענסטער.

דאָס ווייבל: אַלע מיינע צרות צו זיין קאָפּ, צו זיין לייב און לעבן, הענט און פיס! פעטער! איר זעט נישט, אַז איך זיץ מיט אַ קראַנק קינד? פאַרמאַכט די פענסטער, פאַרמאַכט!

איגנאַץ ציט אַרויף די פענסטער.

לאָדזשער ייד: עפנט אויף די פענסטער! נישקשה! זאָל אַריין אַ ביסל לופט.

איגנאַץ עפנט די פענסטער.

טאָמאַשאָווער ייד: פאַרמאַכט די פענסטער! אַ קראַנק קינד, און ער דאַרף לופט, פּאָוויעטשע! פאַרמאַכט!

איגנאַץ ציט אַרויף די פענסטער.

דיקער ייד: פאַרט קיין אָטוואָצק, וועט איר האָבן פּאָוויעטשע!.. אַז מענטשן זאָגן, מען זאָל פאַרמאַכן, דאַרף מען פאַרמאַכן!..

זעגזשער ייד: אָבער אַז אַ העלפט מענטשן זאָגן, עס זאָל זיין אָפן, דאַרף זיין אָפן. עפנט, עפנט! מענטשן דאַרפן האָבן „פּאָוויעטשע".

איגנאַץ וויל אַראָפּשלעפּן די פענסטער.

דאָס ווייבל: איך וועל אייך געבן אַן עפן, אַז איר וועט דערזען אייער באָבען פון יענער וועלט! פאַרמאַכט די פענסטער, פאַרמאַכט! אַ קראַנק קינד!

דיקער ייד: פעטער, גיט אַכטונג, אפשר וועט מען טראָגן ליעמאָנאַד.

איגנאַץ לאָזט אָפּ די פענסטער און וויל זיך צוריק זעצן אויף זיין פּלאַץ. זיין פּלאַץ איז שוין פאַרנומען פון דעם זעגזשער יידן, וועלכער זיצט שוין אויף איגנאַצעס קאַפּעליוש און חשבונט.

איגנאַץ: נעמט נישט פאַר אומגוט, ר' ייד, ס'איז מיין פּלאַץ.

זעגזשער ייד: וואו? ענקס פּלאַץ? מיט וואָס איז עס ענקס פּלאַץ? עטץ האָט עס אָפּגעקויפט?

איגנאַץ: איך בין דאָ געזעסן פריער.

זעגזשער ייד: אַז עטץ זענט דאָ געזעסן פריער, מעג יאַך דאָ זיצן ציגדער. געזעסן אַ חזקה! לאָזט מיך חשבונען, לאָזט מיך.

**איגנאַץ:** אָבער מיין קאַפּעליוש! איר זיצט דאָך אויף מיין קאַפּעליוש.

**זעגזשער ייד:** וואו? ענקס קאַפּעליוש? וואָס דאַרפט עטץ אייער קאַפּעליוש, וואו? עטץ גייט שוין אַראָפּ? דער פּאָטשאָנג האָט זיך נאָך גאָרנישט גערירט... איבעריקנס, נאַטץ ענק אייער קאַפּעליוש *שלעפּט ארויס א שטאַרק צעקנייטשטן קאַפּעליוש פון הינטער זיין געזעס.* נאַטץ אים, אויף דעם האָט איר אַ רעכט...

**איגנאַץ:** געמאַכט מיר פון מיין קאַפּעליוש... אַ ייד האָט עס אַ העזה... אַ פרעמד אָרט פאַרנעמען.

*איגנאַץ לייגט אַוועק זיין קאַפּעליוש אויפן פּאָליצע, איבער דעם אָרט, וואו ער דאַרף זיך זעצן און קוועטשט זיך אַריין צווישן דעם לאָדזשער און טאָמאַשאָווער יידן.*

*די צוויי יידן פון ביידע זייטן הייבן אָן באַטאַפּן די סחורה פון זיין מלבוש.*

**לאָדזשער ייד:** איך מיין, אַז דאָס איז מאַרינגאָ.

**טאָמאַשאָווער ייד:** און איך מיין, אַז דאָס איז שעוויאָט.

**לאָדזשער ייד:** מאַרינגאָ.

**טאָמאַשאָווער ייד:** שעוויאָט.

**דיקער ייד** *רייסט איבער דאָס עסן און מישט זיך אויך אריין:* און איך מיין, אַז דאָס איז גאָר אַלפּאַגע.

**זעגזשער ייד** *מיט א ניגון פון גמרא:* שוין גיבער גאַרבאַרדין.

**לאָדזשער ייד:** האָקט נישט קיין טשייניק...

**איגנאַץ:** אָבער לאָזט מיך אָפּ. וואָס האָט איר זיך צו מיר צוגעטשעפּעט?

*עס קומט אריין אַן אָפּגעפּעלצטער פאַרשמאָלצענער ייד מיט אַן עמער. ער קוקט זיך אַרום. באַמערקט איגנאַצן. ווענדט זיך צו די אַרומיקע יידן מיט אַ שטילער פראַגע, אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער אויף איגנאַצן.*

**דער הערינג-ייד:** אַ יהודי? אַ יהודי?

**שטימען:** אַ יהודי... אַ יהודי... מאחינו...

**הערינג-ייד:** אַזוי? אַ מאחינו בני-ישראלניק? *גייט צו צו איגנאַצן אָן צערעמאָניעס, נעמט אים פאַנאַנדער די קני, שטעלט אריין צווישן זיין פוס אויף דער באַנק, נעמט אַראָפּ דעם קאַפּעליוש פון פּאָליצע, טוט אים אָן אויף איגנאַצעס קאָפּ, שטעלט ארויף דעם עמער אוף דער פּאָליצע, גייט צו צום פענסטער, גיט א רייב די פינגער אין שויב און נעמט זאָגן „קטורת". איגנאַץ כאַפּט זיך, אַז עס קאַפּעט אים עפּעס אין קאָלנער.*

**איגנאץ:** וואָס איז דאָס?... וואָס קאַפּעט עס מיר אין מיין קאָל-נער?... צו דעם יידן פון עמער: ר׳ ייד, וואָס קאַפּעט עס דאָרט פון אייער עמער?

**הערינג-ייד:** הערינג יויך. דאָס פיר איך הערינג.

**איגנאַץ:** איז דאָ אַן אָרט פון הערינג? עס זאָל רינען אין קאָפּ?

**הערינג-ייד:** וואו דען זאָל איך עס האַלטן, אין בוזעם-קעשענע? בין איך ׳נישט אַזאַ ריסטאָקראַט! האָט איר געזען אַן אַנטיסע-מיטניק אויף הערינג... דאַכט זיך, אַז עס קומט צום עסן, האָט איר אויך ליב אַ שטיקעלע הערינג.

**דיקער-ייד:** פּעטער, פאַרקויפט מיר אַ הערינג צום אַפּעטיט.

**הערינג-ייד:** איך פאַרקויף נישט לאחדים, פאַרקויף איך נישט. איך בין אַ הורט-סוחר.

**איגנאַץ:** צום טייוול! לאָזט איבער דעם פּלאַץ, וועלכער ווערט גלייך פאַרכאַפּט פון דעם ייד פון עמער, און אַליין זעצט ער זיך אַוועק לעבן ווייבל.

**דאָס ווייבל:** פּאַסט-אויף, פּעטער, איר זענט, קיין עין-הרע, אַ ברייטער מחותן. שפּילט זיך מיטן קינד: זע נאַר, קינד מיינס, זע נאַר, אָט איז אַ פּעטער... שפּיל אַ ביסעלע, קינד מיינס, מיטן פּע-טער. רייס אים אַראָפּ די ברילן. אָט אַזוי, האָב נישט קיין מורא, עס איז נישט קיין דאָקטער... זע נאַר, זע נאַר, ווי עס שמייכלט צו אייך... תּנא מיינער! חכם מיינער! אַ געזונט דיר אין דיין פּלאַטשיקער נאָז!...

עס דערהערט זיך אַ פייף פון קאָנדוקטאָר. דאָס ווייבל וואַרפט אַריין דאָס קינד איגנאַצן אין שויס: אוי! אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! געוואַלד, יידן, וואו איז מיין יענקל?!! יענקל!!! דער פּאַטשאָגנג גייט שוין אַוועק און ער איז אייגעזונקען געוואָרן! געוואַלד, יידן, וואָס טו איך!!! יענקל! יענקל! אַ מהומה! אַן אויסכאַפּעניש! אַ מיתה-משונה!.. אַ ניכפּה!

**איגנאַץ** כאַפּט זיך, אַז עס איז אים נאַס די פּאָלע: יידענע, נעמט צו אייער קינד! זעט נאַר, ווי עס האָט מיך נאַס געמאַכט!...

**ווייבל:** אַ פּגירה, אַ כאָלערע זאָל אים אויסכאַפּן היינטיקע נאַכט! יענקל!!! וואו ביזטו? נישט זען זאָל מען דיך, יענקל!..

עס לויפט אַריין יענקל אַ פאַרסאָפּעטער.

**יענקל:** איך זוך דאָך דיך אַרום. דו האָסט דאָך זיך געזעצט נישט

אין דעם צוג. ער גייט דאָך גאָר קיין לעמבערג און מיר דאַרפֿן קיין פּרושקאָוו. קום גיכער, דער צוג רירט זיך!

**ווייבל:** אוי, וויי איז מיר, יידן! אַן אומגליק האָט מיר געטראָפֿן!... יענקל, העלף מיר! וואו איז דאָס קינד? *כאַפּט דאָס קינד פון איגנאַצעס הענט.* נעם די פּעקלעך! וואו זענען די פּעקלעך? *הייבט אָן כאַפּן פּעקלעך* — נישט אירע פּעקלעך! *אין וואַגאָן ברעכט אויס אַן אמתער גיהנום. פּעקלעך פאַלן פון די פּאָליצעס אויף איגנאַצעס קאָפּ. דער זעגזשער ייד שרייט:* יידן, גיט אַכטונג, די אייער!... איר וועט מיר צעראַפּוואַרפן די אייער! *דאָס ווייבל מיט דעם קינד, מיט יענקלען לאָזן זיך צום אַרויסגאַנג.*

**איגנאַץ:** ניין! איך וועל פונדאַנען אַנטלויפֿן! איך מוז אַריבערגיין אין אַן אַנדער וואַגאָן. דאָ איז נישט אויסצוהאַלטן... גייט עס צו אַלדי שוואַרצע יאָר! *כאַפּט דעם געלן פּאַסאַזשיר פאַר די לאַצן, טרייסלט אים ווי א לולב און שרייט:* גזלן, רוצח! וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?! וואָס האָסטו צו מיר אָנגעהייבן רעדן יידיש?! יידיש רעדסטו צו מיר? ווייסט נישט, אַז צווישן יידן דאַרף מען זיין אַ גוי! צווישן יידן דאַרף מען רעדן גוייש. דו הערסט? גוייש! האָסט דאָך מיר געקוילעט אָן אַ מעסער!... אָן אַ מע-סע-ער... *הייבט אָן כאַפּן זיינע פּעק עך, א מישעניגע.*

פאָרהאַנג.

# א שטיקל ראַדיאָ נאָך הבדלה.

(אַ סצענע).

## פאַרשוינען:

**פיניע** — אַ יונגערמאַן, אַ באַלעבעסל. אַן איידעם אויף קעסט, איז זייער פאַרקאָכט אין ראַדיאָ.

**ר׳ געצל** — אַ ייד, אַ ליטוואַק, איז אַ סקעפּטיקער, מיט אַ פּנים, וואָס זאָגט אויף אַלץ „ניין״. אַפילו די באָרד וואַקסט אים קידער־ווידער און זאָגט אויך „ניין״.

### צייט: שבת־צונאַכטס פאַר הבדלה.

**ביידע** קומען אריין פון דער גאס שבתדיק אָנגעטאָן. פיניע לויפט אַ פריער און שלעפּט נאָך ר׳ געצלען.

**פיניע**: קומט, קומט ר׳ געצל. קומט, קומט אריין, וועל איך אייך מכבד זיין מיט אַ שיין שטיקל ראַדיאָ נאָך הבדלה, וועט עס זיין פימפער לגפן...

**ר׳ געצל**: גוט־וואָך! גוט־וואָך!.. מניע... ווי זאָגסטו? ראַדיאָ?.. מהיכא תיתא... דו ווילסט פון מיר מאַכן חוזק?.. מאַך. נאָר געדענק, פיניע! האָסט נישט געטראָפן דאָס אָרט... איך בין מיר אַ ייד, וואָס הייסט ר׳ געצל... אַן איראָניטשעסקער און אַ פעסימיטשעסקער, וואָס קוקט אויף דער וועלט איראָניטשנע... און וואָס לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט שפּייען אין קאַשע...

**פיניע**: אָבער וואָס דאַרפט איר אַזוי לאַנג ברייען, ר׳ געצל. אָט וועל איך אָנשטעלן דעם אַפּאַראַטל, וועלן מיר זען, וואָס וועט איר דעמאָלט זאָגן!.. טוט נישט אויס דעם מאַנטל און נעמט זיך תיכף פאַרן אַפּאַראַט.

ר׳ געצל: הייסט עס, ווילסטו, אַז איך, ר׳ געצל, אַ ייד מיט אַ באָרד, זאָל גלויבן, אַז דורך דעמדאָזיקן קעסטל מיט איבערגעקערטע פּסחדיקע כּוסות וועסטו רעדן פונדאַנען קיין מצרים און פון פּדן-ארם ביז סקערניעוויץ!.. און וועמען—מיך? דעם איראָני־טשעסקן און פּעסימיטשעסקן מענטשן! און אַז ר׳ געצל וועט נישט גלויבן, וועט מען מיך דערפאַר שמייסן אויף יענער וועלט?

פּיניע: וואָס הייסט, איר גלויבט נישט אין ראַדיאָ? אַ וועלט גלויבט — און איר גלויבט נישט!

ר׳ געצל: און אַז אַ וועלט וועט זיך אָפּשניידן די נעז, וועל איך זיך אויך לאָזן אָפּשניידן? אַ וועלט איז בלינד. אלמאי אַ וועלט גלויבט, אַז די ערד דרייט זיך! אלמאי אַ וועלט גלויבט, אַז עס איז דאָ אַן אַווסטראַליע אויף דער וועלט מיט אַ נאָרדפּאָל, מיט מיקראָבן? אלמאי אַ וועלט גלויבט אין כאָליערע?

פּיניע: גלויבט איר אין כאָליערע אויך נישט? אַי, ר׳ געצל!

ר׳ געצל: אין מיין שוויגער גלויב איך. ווייטער איז עס אַ מאָדע־זאַך. מאַכט זיך אין איין שטאָט כאָליערע, פאַרקוקט זיך אויף איר אַ צווייטע שטאָט און מאַכט אויך אַ כאָליערע; מאַכט איין שטאָט אַ קאַנאַליזאַציע, מאַכט די אַנדערע שטאָט אויך אַ קאַנאַ־ליזאַציע; מאַכט זיך איין שטאָט ראַדיאָ, מאַכט אַ צווייטע שטאָט אויך ראַדיאָ. אַן איינשמועסעניש און—פאַרטיק!

פּיניע: וואָס הייסט, אַן איינשמועסעניש? און וואו איז דער שכל פון טעלעפאָן? אין טעלעפאָן גלויבט איר?

ר׳ געצל. טעלעפאָן איז אַן אַנדערע זאַך. טעלעפאָן האָט אין זיך דראָט. אין טעלעפאָן איז דער שכל אַ פּשוטער: ס׳איז ווי אַ הונט. שטעלט זיך אויף און ווייזט אויף פּיניען. אָט ביסטו, למשל, דער הונט און אָט דאָ פון הינטן איז דיין וויידל... גיט מען דיר אַ קוועטש פאַרן וויידל, מאַכסטו האַוו-האַוו-האַוו! דאָס איז טעלעפאָן מיט דראָט. דער הונט איז דער דראָט.

פּיניע: אויב אַזוי, איז ראַדיאָ דיזעלביקע זאַך, נאָר אָן אַ הונט.

ר׳ געצל: שטותים! אָן אַ הונט וועסטו נישט מאַכן האַוו-האַוו און אָן אַ דראָט רעדט מען נישט, נישט מער די סיבה איז אַן אַנדערע: די וועלט איז פאַראָרעמט געוואָרן. ס׳איז נישטאָ קיין דראָט, דעם גאַנצן דראָט האָט די וועלט פאַרנוצט אויף שטע־כעדיקן דראָט אויף די מלחמות, וויל מען מיר איינשמועסן, אַז מען קאָן עס מאַכן אָן דראָט.

פיניע: אָבער וואָס איז דאָ צו ברייען. אָט וועל איך אייך אָנשטעלן מיין אַפּאַראַט, וועלן מיר זען, וואָס איר וועט דעמאָלט זאָגן.

ר׳ געצל: פע, דו רעדסט דאָך שוין געמיינע רייד אויך! פע!

פיניע: וואָס פאַרע געמיינע רייד? איך וועל אייך באַלד אָנשטעלן אַזוי, אַז איר וועט הערן לאָנדאָן.

ר׳ געצל: אַזש לאָנדאָן? אָווא... אדרבה, לאָמיר טאקע הערן, וואָס זאָגט מען ביי אייך אין לאָנדאָן? אפשר נאָך — די ענגלישע מלכה?

פיניע: נאַט, טוט אָן דידאָזיקע רערלעך אויף די אויערן.

ר׳ געצל: וואָס איז דאָס אַזוינס? רבינו-תמס תפילן? מילא... גוט. און איצט גיב אַהער דיין לאָנדאָן.

פיניע: איין רגע... איך וועל נאָר כאַפּן די פּאַליע.

ר׳ געצל: וואָס ווּעסטו כאַפּן?

פיניע: פּאַליעס...

ר׳ געצל: פּאַסאָליעס?

פיניע: נישט קיין פּאַסאָליעס, נאָר פּאַליעס! הערט בעסער... איר הערט?

ר׳ געצל: שטיל ווי אויף אַ בית-הקברות.

פיניע: אַי-אַי-אַי!.. פאַרגעסן פשילאָנטשען דעם „קאָנטראַקט" צו דער „טאַנטיעמע"...

ר׳ געצל: וואָס איז פאַר אַ ניי שוואַרץ יאָר? „מאַטיענע"?

פיניע: דאָס איז אַ דראָט אַזאַ פאַרצויגן אויפן דאַך. דאָס איז דער עיקר. פון דעמדאָזיקן דראָט ציט זיך אַ דראָט צום אַפּאַראַט, פון אַפּאַראַט גייט איין דראָט אין דער ערד אריין און אַ צווייטער דראָט צום וואַדאַטשאָנג. פוןביידע דראָטן ציען זיך דראָטן צוריק צו יענע דראָטן, און פון יענע דראָטן ציען זיך דראָטן — — —

ר׳ געצל: און דאָס רופט זיך ביי דיר טעלעפאָן אָן דראָט? כאַ-כאַ-כאַ!.. אַ שיינער טעלעפאָן אָן דראָט. און דאָס דערציילסטו אַ מענטשן, ווי איך, אַן איראָניטשעסקן מענטשן?

פיניע: אָבער שאַ!.. הערט, הערט בעסער... איר הערט?

ר׳ געצל: הלוואי זאָל מען הערן ישועות ונחמות אויף אונז, אויף כל-ישראל ונאומר אָמן. נאָר דערווייל הערט מען גאָרנישט.

פיניע: אהא, איך ווייס שוין, וואָס דאָ טוט זיך. דאָס איז ווייל דער מאַגנעט איז אָפּגעשוואַכט. ער ציט נישט קיין פּאַליעס.

ר׳ געצל: דער מאַגנעט וויל נישט ציען, הייסט עס, טאָ האָב איך פאַר דיר אַן עצה: דו זעץ אַריין אהער דעם פּרעזעס פון אונזער חברה. ער איז אַ וואַזשנער ציער. ער וועט שוין ציען...

פיניע: אָבער וואַרט נאָר, וואַרט... צו אַלדי רוחות! ווען אַ גאַסט איז דאָ, וויל ער נישט אַרבעטן. וואַרפט אַראָפּ דעם מאַנטל און נעמט זיך מיט מער היץ. וואַרט-זשע איין מינוט... איר הערט?

ר׳ געצל: טויב ווי די וואַנט.

פיניע: דאָס איז ווייל די באַטעריע איז אויסגעשעפּט. עס פעלט עלעקטריע.

ר׳ געצל: איז וואָס-זשע טוט מען דערצו?

פיניע: איך ווייס שוין, וואָס מען דאַרף טאָן — מען דאַרף עס פּרואוון מיט זאַלצוואַסער...

ר׳ געצל: און מאַכן אַ ברכה: בורא פּרי האדמה?

פיניע: איך בעט אייך, לאַכט נישט. איר זענט אַן אָפּגעשטאַנענער מענטש! איר ווייסט נישט פון קיין ציוויליזאַציע... איר וועט באַלד זען. וואַרפט אַראָפּ די מאַרינאַרקע און נעמט זיך נאָך מיט מער היץ. ווייסט איר, וואָס? נעמט אַראָפּ די רערלעך! זיי זענען מסתמא קאַליע... איך וועל אייך אָנשטעלן דעם „גלאָשניק”, וועט איר הערן ריין ווי גאָלד. און ווייסט איר, וואָס איך וועל כאַפּן—רוים!

ר׳ געצל נעמט אַראָפּ די סלוכאַוועקעס פון די אויערן: אָווא — שיער נישט צעקוועטשט מיינע אויערן... וואָס זאָגסטו? — רוים? סאַמע רוים ועסטו כאַפּן! און וואָס וועט מוסאָליני זאָגן?

פיניע: און אפשר וועלן מיר טאַקע הערן אַ רעדע פון מוסאָליני אויך.

ר׳ געצל: אָווא, סאַמע מוסאָליני!

פיניע: הערט, הערט בעסער! עס דערהערט זיך אַ געשווישטש מיט אַ פּייפערײַ.

ר׳ געצל: דיין מוסאָליני האָט אונז, מחילה, אָנגעפּייפט. אַ חברה-מאַן, אָט דער מוסאָליני! ער פּייפט אָן די גאַנצע וועלט. נישט אומזיסט מאַכט מען אויף אים יאַטעטאַטאַן-טאַטאַן.

פיניע בייזלעך: דאָס איז צוליב דער אַטמאָספערע. ערגעץ גייט אַ אַ רעגן, אָדער אַ שטורעמווינט, אָדער אַ האָגל. איר פאַרשטייט? פייפט עס..

ר׳ געצל: אַ שלעכט וועטער, הייסט עס, האָט עס זיך פאַרקילט, דיין אַפּאַראַטל. געכאַפּט אַ הוסטל. פאָלג מיך און מאַך אים אַ גאָנל-מאָגל.

פיניע: נאָר נישט געלאַכט, איך בעט אייך. איר זענט אַ פינ-סטערלינג, אַ שאָוויניסט, איר ווייסט נישט פון קולטור און איר האָט נישט קיין רעכט אויסצולאַכן די עראָבערונגען פון דער ציוויליזאַציע.

ר׳ געצל: גוט, גוט... אָבער לאָמיך שוין עפּעס הערן אַמאָל!

פיניע: איר וועט הערן!.. איר וועט נאָך הערן און מיר וועלן זען, ווער ס׳איז גערעכט... איצט זייט רואיק, איך וועל אייך אָנשטעלן — „קעניג-וואורשט-הויזן״.

ר׳ געצל: וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ הויזן?

פיניע: אַ שטאָט אַזאַ אין דייטשלאַנד: קעניג-וואורשט-הויזן.

דרייט מיט אימפּעט.

ר׳ געצל: איך מיין, זאָל שוין זיין פון הויזן אַבי צום לעבן! אַבי זאָל מען שוין עפּעס הערן!

פיניע: הערט, הערט! עס דערהערן זיך פאַרשידענע תּקיעות.

ר׳ געצל: אָווא! מען בלאָזט דאָך גאָר דאָרט שופר אין דיינע הויזן!

פיניע: צו אַלדי רוחות! ווי אויף צו פּיקעניש! ווען אַ גאַסט קומט, אַרבעט ער נישט. ער לאָזט דאָך נישט כאַפּן אָט דעם קעניג-וואורשט-הויזן!

ר׳ געצל: פאָלג מיך, שיט אים אָן זאַלץ אויפן עק.

פיניע: נישט קיין זאַלץ אויפן עק, נאָר די „טשעווקע״ דאַרף מען אומטוישן.

ר׳ געצל: אַ פּאַטשעווקע?

פיניע: אַ טשעווקע, נישט קיין פּאַטשעווקע... און איצט הערט, איך וועל אייך כאַפּן מאָסקווע!

ר׳ געצל: וואָס רעדט איר? סאַמע מאָסקווע? די סאַמע באָלשעוויקעס?

פיניע: אָט, אָט! און איר וועט נאָך הערן אַ רעדע אויך.

ר׳ געצל: פון סאַמע טראָצקין אַוודאי?

פיניע: אפשר פון טראָצקין. נו, הערט! איר הערט? עס דערהערט זיך אַ פּייפעריי, אַ געבילעריי פון הינט, אַ מיאוקעריי פון קעץ, אַ טרומייטערניש, אַ טראַסקעריי.

ר׳ געצל: אָוואַ!.. זע נאַר, דיינע באָלשעוויקעס זענען דאָך אמתע מזיקים! זיי מאַכן שוין ווידער אַ רעוואָלוציע!..

פּיניע: איר זאָלט אויפהערן צו לאַכן! איר זענט אַן אומוויסנדיקער ייד, אַ פינסטערלינג! איר ברענגט מיך נישט אַריין אין כעס!

ר׳ געצל: וואָס דאַרפסטו דיך בייזערן, בהמה! וואָס בין איך שולדיק, אַז דיינע באָלשעוויקעס זענען אַזעלכע לאָבוסעס. איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז מען דאַרף זיי עוקר מן השורש זיין...

פּיניע: דאָס זענען נישט די באָלשעוויקעס שולדיק, נאַר די דייטשן. איר פאַרשטייט? זיי האָבן מורא פאַר די באָלשעוויסישע דרשות און פּראָפּאַגאַנדע, עס זאָל נישט זאַראַזשען די וועלט... איז אַז די רוסן הייבן אָן צו שיקן זייערע פּאַליעס, קומט דייטשלאַנד, שלאָגט זיי איבער און שיקט זיי צוריק זייערע קאָנטרעפּאַליעס... קומט ווידער רוסלאַנד און שיקט זיי צוריק קאָנטראָפּאַליעס... קומט דייטשלאַנד און שיקט זיי אַנטקעגן קאָנטרע-קאָנטרעפּאַליעס... קומט...

ר׳ געצל: לאָז שוין אָפּעט! לאָז שוין אָפּעט!.. האָסטו געהערט אַ ביסל? קאָנטרעפּאַלדן אַהער, קאָנטרעפּאַלדן אַהין... וואָס בין איך עפּעס אַ צוציק, וואָס דו ווילסט פון מיר מאַכן חוזק? איך בין אַ ייד, אַן איראָניטשנער, און זאָג איך ניין, איז ניין. פאָלג מיר, קום צו מיר, וועסט הערן ווי מיין ווייב רעדט. איז עס טאַקע גערעדט און דווקא אָן דראָט!..

פּיניע: איר זענט אַ ווילדער אַזיאַט, זענט איר. און ווייטער גאָרנישט!

ר׳ געצל: און דו ביזט אַ פּרא-אדם! זיך איינגעליאַפּעט אין אַ קעסטל און גלויבט, אַז ער וועט דאָ אַריינכאַפּן לאָנדאָן מיט מאָסקווע מיט וואורשט-הויזן... און וויל נאָך, אַז איך, דער איראָניטשנער מענטש, זאָל אויך גלויבן. אַזאַ טיפּוש! אַזאַ שוטה!

פּיניע שטאַרק צעקאָכט: איר זענט אַליין אַ טיפּוש! אַ שוטה!

ר׳ געצל: איך בין אַ מענטש אַן איראָניטשעסקער און אַ פּעסימיטשעסקער און לאַך פון דיין ראַדיאָ!

פּיניע: אַז איר וועט לאַכן פון מיין ראַדיאָ, וועל איך אייך ווייזן אַ געלעכטער...

ר׳ געצל: אַנו, ווייז! מען לאַכט פון דיר מיט דיין ראַדיאָ אין-איינעם

פ י נ י ע: אַזיאַט! פינסטערלינג! כאַמריוק!!!

ר' ג ע צ ל י  און דו ביזט אַ משוגענער הונט!

ש ברעכט אויס א געשלעג, מען ווארפט זיך מיט בגדים, זאכן, אויך

דער ראַדיאָ פליט אין קאַן.

**פאַרהאַנג.**

## „די פײערלעכע” זיצונג אויף דעם צוזאמענפאר

## פון די שלעגערס.

די זיצונג עפנט מיטן קנאק דער פארזיצער משה ליפ. ער זאגט, אז ער נעמט אויף זיך די שווערע משא, וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף זיינע פלייצעס און בעט דעם עולם אונטערשטופן. ער גיט דאס ווארט דעם מיטגליד חיים יאק. חברה טראגט ארויף דעם חבר חיים יאק אויף דער טריבונע.

חיים יאק: געערטע לאבוזעס און פליאסקעדריגעס, א רוח אין אייערע קרובים אריין! איר ממזריוקעס, קאראוואדקעס, מאראוויכערס...

פארזיצער: דערלאנגט אים א פאר אריין מיטן פוס אין זייט: איך בעט זיך האלטן ביי דער טעמע!...

רעדנער: פאניע פארנטזיצער! איך בעט דיך, מיך נישט שטערן, ווארים איך גיב דיר צוויי אבצאסן אין בויך, מאך איך פון דיר א פיילנבויגן! אדער איך גיב דיר א קנאק אונטערן לעפעלע און צעברעך דיר צוויי זשעבערעס!!! צעברעכט דעם פארזיצער צוויי ריפן.

פארזיצער: איך לייג פאר די אָרדנער אויסצודרייען דעם רעדנער א פוס.

די אָרדענער דרייען אויס דעם רעדנער א פוס.

דער רעדנער: און איך וועל אייך אלעמען אין דער ערד ארײנשלאגן! איר קולטורטרעגער, א רוח זאל אין אייערע טריפענע פיסקעס אריין!!!

ער כאפט דעם פרעזעס פאר די פיס און נעמט פאכן מיט אים אין דער לופט. דאס פרעזידיוםווארפט זיך אויפן רעדנער און מען אנטוואפנט אים. מען רייסט פון אים ארויס דעם פרעזעס, אבער אן פיס, מחמת די פיס בלייבן אין

דעם רעדנערס הענט און ער קעמפט מיט זיי קעגן עולם אַ לענגערע צייט. ענדלעך באַפאַלט דער עולם דעם רעדנער, און—מען טראָגט אים אַוועק אין ליילעכער.

פאָרזיצער נאָך אַן אָפּאַטרונעק: היות ווי דער רעדנער איז טויט, נעם איך ביי אים אָפּ דאָס לשון און גיב איבער דעם חבר יענקל באָילע.

יענקל באָילע: חברים, צעיושעטע מאַראַוויכערס, אַ פייער זוכט ענק! מיין חבר, דעם פאָרנטרעדנער, האָט עטץ נאָר וואָס קאַלט געלייגט. מיך אָבער וועט איר נישט קאַלט לייגן. איך וועל אייך געבן אַ זבענק אין די פיסקעס אַריין, נעם איך אייך אַרויס אַ רעכטן באַקצאָן.

פאָרזיצער: און איך גיב דיר באַלד אַ כמאַל אין פרעס און וואַרף דיר נאָך אַ בינטל פינגער.

רעדנער: עטץ זעט! ער נעמט אַרויס אַ מעסער פון כאָליצווע. איך וועל ענק די קישקעס אַרויסלאָזן!..

עמעצער וואַרפט אַ בענקל דעם רעדנער אין קאָפּ אַריין.

פאָרזיצער: איך בעט אָן צווישנרופן.

אַ שטים פון פובליקום: איך טראָג אַריין אַ פאָרשלאַג, מען זאָל באַשרענקען די צייט פון רעדנער און מאַכן אים מיט אַ קאָפּ קירצער.

דער פאָרשלאַג גייט דורך מיט אַ מע״הייט שטעקנס. מען מאַכט דעם רעדנער מיט אַ קאָפּ קירצער און מען טראָגט אים אַרויס פון זאַל אויף טראָגברעטלעך.

פאָרזיצער: אַ שיינע, ריינע כפרה! דאָס וואָרט האָט מלך לאַכודרע! חברה כאַפּט מלך לאַכודרען און טראָגן אים אַרויף אויף דער טריבונע.

מלך לאַכודרע: חברים! אַ קאַלטע בראַנד זאָל זיך אין אייך צריינכאַפּן! איר כאַמריוקעס, בורדיוקעס, באַשיבוזשוקעס...

פאָרזיצער: איך בעט זיך האַלטן ביי דער טעמע.

רעדנער: אַ וויסטע, פינסטערע פגירה, אַ מהומה, אַ מיתה משונה! איך גיב אייך באַלד אַלעמען אַ שמיר אויס מיט גליצערינע און וויטריאָל, וועט איר מיינען, אַז דאָס איז אַן איליומינאַציע אויפן טעאַטערפּלאַץ!! גיסט אָפּ דעם עולם מיט וויטריאָל.

פאָרזיצער: הער רעדנער, אייער צייט איז געענדיקט! איך נעם ביי אייך צו דאָס לשון!

דער פאָרזיצער דערלאַנגט אים אַ וויטגייענדיקן פאָרשלאַג אין די ציין און שלאָגט אים אויס צוויי פאָדערשטע ציין. דער וויצעפאָרזיצער שלאָגט אים

אויס דריי ציין, די איבעריקע מיטגלידער פון פרעזידיום שלאָגן אים אויס די איבעריקע ציין.

**רעדנער: איך דערקלער, אַז היות ווי איך קאָן שוין יעצט נישט רעדן, וועל איך — שיסן.**

ער כאַפּט אַרויס אַ בראַונינג און דערלאַנגט אַ הויכן „פּערמאַנענץ־אויס־שוס". עס ברעכט אויס אַ שרעקלעכע דיסקוסיע, פון וועלכער עס פאַלן אַ סך געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. אַ סך טראָגן זיך אָפּ. די איבעריקע טראָגן אַרויס די פאַרוואונדעטע. עס קומט די „פּאָגאָטאָוויע". פּאָליציי שליסט די זיצונג.